STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07680

AZOY HOT GEREDT ZARATUSTRA

Friedrich Wilhelm Nietzsche

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריעדריך ניטשע: אזוי האָט גערעדט
זאַראַטוסטרא, איבערזעצט פון דייטש דורך
דר. ה. זשיטלאָווסקי

פ א ר ל א ג ה. ב ז ש א ז א

פריעדריך ניטשע

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא

א בוך פאר אלעמען און קיינעם ניט

ווארשע / 1930

דאָס בוך איז געדרוקט פון אַמעריקאַנער מאַטריצן, דער-
מיט דערקלערט זיך זיין אַלטע אָרטאָגראַפיע.

Printed in Poland
Fr. Nietzsche: Tako rzecze
Zaratrustra. Tłom. Dr. Ch. Żytłowski.
Wyd. CH. BRZOZA Warszawa, 1930

Druk. B-cia Lewin-Epsztein, Pawia 38

ווי האט גערעדט זאראטוסטרא

ערשטער טייל

„איהר קוקט ארויף אין דער הויך, ווען איהר שטרעבט צו דערהויבונג. און איך קוק אראפ, ווייל איך בין אין דער הויך.

„ווער פון אייך קאן אין איין צייט אי לאַכען, אי זיין דערהויבען?

„ווער עס שטייגט אויף די העכסטע בערג, יענער לאכט פון אלע טרויער־שפיעלען און טרויער־ערנסטען.“

(זאראטוסטרא, ערשטער טייל.
„לעזען און שרייבען“, ז. 52)

דער וואנדערער.

עס איז געוועזן ארום האלבע נאכט, ווען זאראטוסטרא האט זיך געלאזט אין וועג אריין אריבער דעם רוקען פון דעם אינזעל, כדי אויף מארגען גאנץ פריה צו דערגרייכען דעם אנדער ברעג: ווייל דארטען האט ער געוואלט ארויף אויף א שיף. מחמת דארטען איז געוועזן א גוטער פלאץ, צו פאראנקערען, אין וועלכען אויך פרעמדע שיפען פלעגען גריילעך ארפלאזען זייער אנקער. זיי האבען שוין גענומען מיט זיך עטליכע מענשען פון די גליקזעליגע אינזלען, וואס האבען געוואלט אריבער'ן ים. איז — ווען זאראטוסטרא איז זיך אזוי געגאנגען ארויף'ן בארג, האט ער זיך דערמאנט בשעת'ן געהן אן דעם פיעלען איינזאמען וואנדערן זיינעם פון אבענד אן, און ווי פיעל בערג און רוקענס און שפיצען ער איז שוין ארויפגעקלעטערט.

איך בין א וואנדערער און א בארג־קלעטערער, האט ער צו זיך אין הארצען געזאגט, איך ליעב ניט די פלעכען און, משמעות, קאן איך לאנג ניט זיצען שטיל.

און וואס פאר א גורל און א דערלעבונג עס זאל ניט אויספאלען אויף מיר, — אין איהם וועט זיין א וואנדערען און א בארג־קלעטערען: מען דערלעבט לסוף נאר זיך אליין.

די צייט איז שוין פארפלאסען, ווען איך האב געקאנט באגעגענען א צופאל; און וואס קאן איצטער נאך צופאלען צו מיר, וואס זאל שוין ניט זיין מיין אייגענס.

מיין אייגענער זעלבסט און דאס, וואס עס איז פון איהם א לאנגע צייט געוועזן אין דער פרעמד און צושפרייט צווישען אלע זאכען און צופעלען, — אט דאס נאר קערט זיך אום צוריק, און קומט לסוף צו מיר אהיים.

און נאך א זאך ווייס איך: איך שטעה איצטער פאר מיין לעצטען בארג־שפיץ און פאר דעם, וואס איז פאר מיר שוין פון

לאנג־אָן געווען אנגעגרייט. אַך, מיין הארטעסטען וועג מוז איך ארויפגעהן! אַך, מיין איינזאמסטע וואנדערונג האָב איך אָנגע־הויבען!

דער אָבער, וואָס איז פון מיין מין, דער קאָן נים ניצול ווע־רען פון אזא שעה: פון דער שעה, וואָס זאָגט צו איהם: ערשט אצינדער געהסט דו דיין וועג פון דיין גרוים! בארג־שפּיץ און אפּגרונד, — דאָס איז איצטער אין איינס צוזויפגענומען!

דו געהסט דיין וועג פון דיין גרוים: איצט איז דיין לעצטער מקלט געוואָרען דאָס, וואָס ביזאהער האָט ביי דיר געהייסען דיין לעצטע געפאהר.

דו געהסט דיין וועג פון דיין גרוים: דאָס מוז איצטער דיר צוגעבען דעם בעסטען מוט, וואָס הינטער דיר איז שוין מעהר קיין וועג ניטאָ!

דו געהסט דיין וועג פון דיין גרוים: דאָ זאָל זיך קיינער נים נאָכשארען נאָך דיר. דיין פוס גופא מעקט אָפּ הינטער דיר דעם וועג, און אויף איהם שטעהט אויפגעשריבען: אונמעגליכקייט.

און ווען פון איצטער אָן פעהלען דיר אלע לייטערס, איז מוזטו זיך אויסלערנען, צו קלעטערען אויף דעם אייגענעם קאָפּ: ווי דען אנדערש ווילסטו קלעטערען ארויף?

אויף דיין אייגענעם קאָפּ און איבער דעם אייגענעם האר־צען! איצטער מוז דאָס מילדעסטע אין דיר ווערען דאָס האר־טעסטע.

ווער עס האָט תמיד זיך פיעל דערבארעמט אויף זיך, יענער ווערט לסוף קראנק פון זיין פיעל דערבארעמונג. געלויבט זאָל זיין דאָס, וואָס מאכט הארט! איך לויב נים דאָס לאנד, וואו פוטער און האָניג — פליעסען!

ס'איז נויטיג אויסצולערנען זיך, נים צו קוקען אויף זיך, כדי צו זעהן אַ ס ך: — אין הארטקייט נויטיגט זיך יעדער בארג־קלעטערער.

ווער עס איז אָבער מיט די אויגען צודרינגליך ווי אַ ערקע־

נענדער, ווי קאָן ׳ער פון אַלע זאַכען זעהן מעהר, איידער זייערע פאַרענט־גרונטען!

דו אָבער, אָ זאַראַטוסטראַ, האָסט געוואָלט פון יעדער זאַך זעהן דעם גרונט און דעם הינטער־גרונט: מוזטו דעריבער איבער זיך אַליין קלעטערן, — אַהין, אַרויף, ביז אויך דיינע שטערען וועסטו האָבען אונטער זיך!

יע! אַראָפּצוקוקען אויף מיך גופא און אויף מיינע שטערען: אָט דאָס ערשט וואָלט פאַר מיר געהייסען מיין באַרג־שפּיץ, דאָס איז נאָך פאַר מיר געבליבען ווי מיין לעצטער באַרג־שפּיץ! —

אזוי האָט זאַראַטוסטראַ גערעדט צו זיך, בעת׳ן שטייגען, טרייסטענדיג זיין האַרץ מיט האַרטע ווערטלעך: ווייל זיין האַרץ איז איהם געווען פאַרוואונדט, ווי פריהער נאָך קיינמאָל ניט. און אַז ער איז געקומען אויף דער הויך פון דעם באַרג־רוקען, ערשט, זעה, דער אַנדער ים איז געלעגען אויסגעברייט פאַר איהם: איז ער געשטאַנען שטיל און האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגען. די נאַכט אָבער איז געווען קאַלט אין יענער הויך און קלאָר און העל אויסגעשטערענט.

איך דערקען מיין גורל, האָט ער לסוף געזאָגט צו זיך מיט טרויער. זאָל זיין! איך בין אָנגעגרייט. ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבען מיין לעצטע איינזאַמקייט.

אַך, אָט דער שוואַרצער טרויעריגער ים אונטער מיר! אַך, אָט די שוואַנגערע נאַכטליכע פאַרדראָסענקייט! אַך, שיקזאַל און ים! צו אייך מוז איך איצט אַראָפּ שטייגען!

איך שטעה פאַר מיין העכסטען באַרג און פאַר מיין לענגסטער וואַנדערונג: דעריבער מוז איך נאָך טיעפער אַראָפּ, איידער ווען עס איז פריהער:

— טיעפער אַראָפּ אין דעם שמאַרץ, איידער ווען עס איז, ביז אין זיין שוואַרצעסטען געוויסער אַריין! אזוי וויל דאָס מיין

איקזאל: זאל זיין אזוי! איך בין פארטיג. אט ערשט הייבט זיך אנגעהויבען מיין לעצטע איינזאמקייט.

פון וואנען קומען די העכסטע בערג? אזוי האב איך אמאל געפרעגט. האב איך מיך דערוואוסט, אז זיי קומען פון דעם ים.

אט די עדות איז פארשריבען אין זייער שטיין און אין די ווענד פון זייערע שפיצען. אויס דער טיעפסטער טיעף מוז די העכסטע הויך צו איהר הויך קומען.

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא אויף דעם שפיץ פון דעם בארג, וואו עס איז געוועזען קאלט. אז ער איז אבער געקומען נאהענט צום ים און איז לסוף געשטאנען אליין צווישען די הויכע פעלזען, איז ער געווארען איינגעמאטערט פון וועג און נאך פארבענקטער, איידער פריהער.

עס שלאפט נאך אל'דאכדינג, האט ער געזאגט. אויך דער ים שלאפט. פארשלאפען און פרעמד בליקט זיין אויג אויף מיר.

אבער ער עטעמט ווארעם, דאס פיהל איך. און איך פיהל אויך, אז ער חלומ'ט. ערווארפט זיך ארום אין חלום אויף הארטע קישענס.

הער זיך איין! הער זיך איין! ווי ער קרעכצט פון בייזע עראינערונגען! אדער פון בייזע דערווארטונגען?

אך, איך בין טרויעריג מיט דיר, דו טונקעלע בריאה־משונה, און בין אויף זיך אליין ברוגז צוליעב דיר.

אך, פאר וואס האט ניט מיין האנד גענוג גבורה! באמת, גרייליך וואלט איך דיך אויסגעלייזט פון דיינע בייזע חלומות! —

און בעת זאראטוסטרא האט אזוי גערעדט, האט ער מיט א שווערמוט און ביטערקייט געלאכט פון זיך אליין. ווי! זאראטוסטרא! האט ער געזאגט, דו ווילסט נאך דעם ים זינגען א טרויסט?

אך, דו ליעבע־רייכער נאר, זאראטוסטרא, דו איבערגליקליכער

אין פארטרויען! אָבער אזא ביזטו אַלעמאָל געווען: תמיד פלעג־סטו קומען מיט צוטרוי צו אַלץ, וואָס איז שרעקליך.

יעדע בריאה משונה האָסטו געוואָלט נאָך א גלעט טאָן. א הויך פון ווארעמען אָטעם, א ביסעל ווייכע האָר אויף דער לאַפּע:— און שוין ביסטו געווען אָנגעגרייט צו ליעבען זי און צו רופען זי.

די ליעבע איז די געפאהר פון דעם איינזאַמסטען, די ליעבע צו אַלץ, וואָס עס לעבט נאָר! באמת, לאַכען דאַרף מען פון מיין נאַרישקייט און מיין עניוות אין דער ליעבע! —

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטראַ און האָט דערביי געלאַכט צום צווייטען מאָל: דאָ האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אויף זיינע פריינד, וואָס ער האָט פארלאָזען, — און אַקוראַט ווי ער וואָלט אין זיינע געדאַנקען בעגאַנגען א חטא אַנטקעגען זיי, איז ער געווען אין כעס אויף זיך פאר זיינע געדאַנקען. און באַלד האָט פּאַסירט אַז דער לאַכענדער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט: — פאר כעס און בענקשאַפט האָט ביטער געוויינט זאראַטוסטראַ.

*   *

*

די זעהונג און די רעטעניש.

1.

ווען צווישען די שיפס־לייט האט מען זיך דערוואוסט, אז זאראטוסטרא איז אויפ'ן שיף — ווייל א מאן, וואס איז געקומען פון די גליקליכע אינזלען, איז אין איינעם מיט איהם אויפ'ן שיף ארויף, — האט זיך אויפגעהויבען א גרויסע נייגיער און דערוואַרטונג. אבער זאראטוסטרא האט געשוויגען צוויי טעג און איז געווען קאלט און טויב מחמת טרויעריגקייט, אזוי, אז ער האט ניט געענטפערט ניט אויף בליקען און ניט אויף פראגען. אין אווענט אבער פון דעם צווייטען טאג האט ער ווידער אויפגעמאכט זיינע אויערען, הגם ער האט נאך געשוויגען: ווייל אויף דעם שיף זיינען געווען צו הערען א סך משונה'דיגע און געפעהרליכע זאכען, וואס זיינען געקומען פון דער וויים און האבען געוואלט גרייכען נאך ווייטער. זאראטוסטרא איז אבער געווען א פריינד פון אלע אזעלכע, וואס מאכען ווייטע רייזען און וואלטען ניט געוואלט לעבען אהן געפאהר. און זעה! לסוף איז איהם אין צוהערען די צונג פאנאנדערגעבונדען געווארען, און דאס אייז פון זיין הארצען האט זיך געבראכען: — האט ער אנגעהויבען צו ריידען, אזוי צו זאגען:

פאר אייך, די אומדערשראקענע זוכער, מזל־פרואווער, און פאר אלע וואס האבען זיך ווען עס איז מיט שלאנגען־קלוגע לייוועגטען אויף דעם שרעקליכען ים געלאזט, —

פאר אייך פון רעטעניש אנגע'שכור'טע, פון בין־השמשות פריידיגע, וועמעס נשמה עס ווערט מיט פלויטען צו יעדען פאר־דעטערישען תהום געצויגען:

— ווייל איהר ווילט ניט מיט פחדנ'ישער האנד נאכטאפען

דעם פאַרים; און דאָרטען, וואו איהר קענט טרעפען, האָט איהר פיינט אויסצו׳חשבונ׳ען —

פאַר איך אַליין דערצעהל איך די רעטעניש, וואָס איך האָב געזעהען — די זעהונג פון דעם איינזאַמסטען. —

פאַר׳חושך׳ט בין איך אַנומעלט געגאַנגען דורך א מתים־פאַר־בינען פאַרנאַכט, — פאַר׳חושך׳ט און האַרט מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּען. ניט נאָר איין זון איז מיר פאַרגאַנגען.

א פוסוועג, וואָס האָט זיך לחכעים געצויגען אַרויף איבער קליינע שטיינדלעך, א בייזהאַפטער, איינזאַמער, וועמען ניט גראָז און ניט בוימדעל זיינען שוין מעהר ניט געוועזען צום האַרצען: א באַרג־שטעג האָט געזוויאַקעט אונטער דער עזות פון מיין פוס.

שטום שרייטענדיג איבער דער שפּאָטענדער קראַקערייי פון די קיזועל־שטיינדלעך, בעטרעטענדיג דעם שטיין, וואָס האָט גע־פּאַכט איהם זיך אויסגליטשען, אזוי־א האָט מיין פוס זיך דער־צוואַנגען דעם וועג אַרויף־צו.

אַרויף־צו: — לחכעים דעם גייסט, וואָס האָט איהם געצויגען אַראָפּ־צו, צום אָפּגרונט־צו, דעם גייסט פון שווערקייט, מיין טייוועל און ערץ־פיינד.

אַרויף־צו: — ווען אפילו ער איז געזעסען אויף מיר, האַלב צוועלג, האַלב מויל־וואורף; א לאַהמער; א לאַהם־מאַכענדער; בליי דורך מיין אויער, בליי־טראָפּען־געדאַנקען אין מיין מאָרך אריינטריפענדיג.

„א, זאַראַטוסטראַ, האָט ער מיט חוזק גע׳סוד׳עט, א זילב נאָך א זילב, דו שטיין פון קלוגשאַפט; דו האָסט דיך הויך גע־וואָרפען, אָבער יעדער געוואָרפענער שטיין מוז — אַראָפּפאַלען!

א, זאַראַטוסטראַ, דו שטיין פון קלוגשאַפענקייט, דו שליידער־שטיין, דו שטערען־צושמעטערער! דיך גופא האָסטו א וואַרף גע־טאָן אזוי הויך, אָבער יעדער געוואָרפענער שטיין מוז — אַראָפּ־פאַלען!

פאַרמשפט צו דיר גופא און צו דעם איינענעם פאַרשטיינונג

ווערען: אָ, זאַראַטוסטראַ, וויט האָסטו דיין שטיין געוואָרפען, — אָבער אויף דיר וועט ער צוריק פאַלען!"

דערנאָך האָט דער קאַרליק געשוויגען, און דאָס האָט געוועהרט לאַנג. זיין שווייגען אָבער האָט מיך געדריקט. און ביי אַזאַ מין זאַלבאַנאַנד איז מען באמת איינזאַמער איידער אַליין!

איך בין געשטיגען, געשטיגען, געטרוימט, געטראַכט, — אָבער אַלץ האָט מיך געדריקט. צו אַ חולה בין איך געווען געגליכען, וועמען זיינע בייזע יסורים מאַכען מאַט, און וועמען אַ בייזערער חלום וועקט אויף פונ'ם איינשלאָפען.

אָבער עס איז פאַראַן אין מיר עפּעס, וואָס איך רוף מוט: דאָס האָט מיר ביז אַהער יעדען אוממוט טויט געשלאָגען. אָט דער מוט האָט לסוף מיר געהייסען זיך אָוועקשטעלען און זאָגען: „קאַרליק! דו! אָדער איך!" —

מחמת מוט איז דער בעסטער טויטשלאָגער, — מוט, וואָס ת אַ ל ט אָ ן: ווייל אין יעדען אָנפאַלען איז אַ קלינגענדער שפּיעל.

דער מענש אָבער איז די מוטיגסטע חיה: דורך דעם האָט ער יעדע חיה ביינעקומען. מיט קלינגענדען שפּיעל האָט ער ביי־עקומען איטליכע פּיין; די מענשען־פּיין איז אָבער די טיעפסטע פּיין.

דער מוט שלאָגט טויט אויך דאָס שווינדלען ביים אָפּגרונט: און וואו שטעהט ניט דער מענש ביי אַן אָפּגרונט! איז ניט דאָס זעהען גופא — זעהען אָפּגרונטען?

מוט איז דער בעסטער טויט־שלאָגער: דער מוט שלאָגט טויט אויך די רחמנות. רחמנות האָבען איז אָבער דער טיעפסטער אָפּ־גרונט: ווי טיעף דער מענש בליקט אריין אין דאָס לעבען, אַזוי טיעף בליקט ער אויך אריין אין דעם צער.

מוט אָבער איז דער בעסטער טויט־שלאָגער, מוט, וואָס פאַלט אָן: אפילו דעם טויט שלאָגט ער טויט, ווייל ער זאָגט: „איז ד אָ ס געווען דאָס לעבען? איז רעכט! נאָך אַ מאָל!"

אין אזא ווערטעל איז אבער דא א סך קלינגענדער שפּיעל.
ווער ס'האט אויערן, זאל הערן. —

* *
*

2.

„האלט, קארליק! האב איך געזאגט. איך! גדער דו! איך בין אבער דער שטארקערער פון אונזביידען — : דו קענסט ניט מיין אפּגרונטינגען געדאנקען! א י ה ם — וואלסטו ניט געקאנט טראגען!“

דא איז געשעהען אזוינס, וואס האט מיר גרינגער געמאכט: ווייל דער קארליק איז אראפּגעשפּרונגען פון מיין אקסעל, דער נייגיעריגער! און ער האט זיך צונויפגעדרעהט אויף א שטיין אנטקעגען מיר. דא גראד, וואו מיר האבען זיך אפּגעשטעלט, איז אבער געווען א טויער־וועג.

„קוק אן אט דעם טויער־וועג, קארליק! האב איך ווייטער גערעדט. ער האט צוויי פּנים'ער. צוויי וועגען קומען זיך דא צונויף: קיינער איז נאך ניט געגאנגען אין זיי ביז צום סוף.

אט די לאנגע גאס צוריק: זי געוועהרט אן אייבינקייט. און יענע לאנגע גאס פאראויס — דאס איז אן אנדער אייבינקייט.

זיי זיינען אין א ווידער־אנאנד, אט די וועגען; זיי שטויסען זיך מיט די קעפּ: און דא, אט ביי דעם טויער־וועג, קומען זיי זיך צונויף. דער נאמען פון דעם טויער־וועג שטעהט אויבען אויפגע־שריבען: „אויגענבליק“.

אבער אויב אימיצער וואלט אין איינעם פון זיי געגאנגען ווייטער — און רק פאראויס און תמיד ווייטער: גלויבסטו, קארליק, אז אט די וועגען זיינען אין אן אייביגען ווידער־אנאנד?“ —

„אלץ, וואס איז גלייך־געשטרעקט, ליגט, האט געמורמעלט מיט פאראכטונג דער קארליק. יעדער אמת איז קרום, די ציוט גופא איז א קרייז.“

„רו נייסט פון שווערקייט! האב איך ארויסגערעדט אין אזרן, מאך דיר דאס נים צו גרינג! אדער איך לאז דיך דא זיצען צוטויפגעדרעהטערהייד, וואו דו זיצסט, דו לאהם־פוס, — און איך האב דיך ארויפגעטראגען ה ו י ך!

„קוק אן, האב איך ווייטער גערעדט, אט דעם אויגענבליק פון די'ם טויער־וועג „אויגענבליק“ לויפט א לאנגע אייביגע גאס אויף־צ ו ר י ק: הינטער אונז ליעגט אן אייבינקייט.

מוז נים דאס פון אלע זאכען, וואס קאן לויפען, שוין איינמאל האבען געלאפען דורך אט דער גאס? מוז נים דאס, וואס ק א ן געשעהן פון אלע זאכען, שוין איינמאל האבען געשעהען, געטאן, זיך פארלאפען?

און אויב אלץ איז שוין דא אמאל געוועין: וואס האלטסטו, פארליק, פון אט דעם אויגענבליק? מוז נים אויך אט דער טויער־וועג שוין אמאל — האבען געוועין?

און זיינען נים אלע זאכען אזוי פעסט פארקנויטעלט, אז אט דער אויגענבליק מוז ציהען נאך זיך אלע קומענדע זאכען? ממילא — — זיך גופא אויך נאך?

ווייל דאס, וואס ק א ן לויפען פון אלע זאכען: אויך אין אט דער לאנגער גאס פ א ר א ו י ס — מוז דאך נאך אמאל לויפען! —

און אט די לאנגזאמע שפין, וואס קריכט אין דעם לבנה־שיין, און די לבנה־שיין גופא, און איך, און דו, וואס סוד'ען זיך דא ביי דעם טויער־וועג, וואס סוד'ען זיך דא וועגען אייבינקייטס־זאכען, מוזען מיר נים אלע שוין דא האבען געוועין?

— און ווידער צוריק קומען און לויפען אין יענער אנ'ער גאס, ארויס, פאראויס, אין אט דער לאנגער שוידערליכער גאס, — מוזען מיר נים אייביג ווידערקומען? — —“

אזוי האב איך גערעדט, און אלץ שטילער: ווייל איך האב מורא געהאט פאר מיינע אייגענע געדאנקען און הינטער־געדאנקען. פלוצים האב איך דערהערט ווי א הונט וואויעט אין דער נאהענט.

האָב איך ווען עס איז געהערט, אַ הונט זאָל אַזוי וואויען? מיין געדאַנק איז געלאָפען צוריק. יע! בעת איך בין געווען אַ קינד, אין דער ווייטעסטער קינדהייט:

יעמאָלט האָב איך געהערט אַ הונט זאָל אַזוי וואויען. איך האָב איהם אויך געזעהען, מיט צושויבערט־אָנגעשטעלטע האָר, דעם קאָפּ אויפגעהויבען ארויף, ציטערענדיג, אין דער שטילסטער האַל־בער נאַכט, ווען אויך הינט גלויבען אין געשפּענסטער:

— אַזוי, אַז איך האָב באַקומען רחמנות. מחמת די פולע לבנה איז נאָר וואָס, טויט־פאַרשוויגען, געגאַנגען איבער דאָס הויז, נאָר וואָס איז זי געשטאַנען שטיל, אַ קיילעכדיגע גלוט, — שטיל אויף דעם פלאַכען דאַך, ווי אויף אַ פרעמדען אייגענטום: —

דערפון איז יעמאָלט דער הונט געוואָרען אַ פאַרציטערטער: וויל הינט גלויבען אין גנבים און געשפּענסטער, און ווען איך האָב ווידער דערהערט אַזאַ וואויען, האָט מיך ווידער אָנגענומען אַ רחמנות.

וואוהין איז איצטער אַהינגעקומען דער קאַרליק? און דער טויער־וועג? און די שפּין? און דאָס גאַנצע סוד'ען זיך? האָט דאָס מיר רען גע'חלום'ט? האָב איך מיך אויפגעכאַפּט? צווישען ווילדע פעלזען בין איך מיט אַמאָל געשטאַנען, אַליין, וויסט, אין דעם וויסטעסטען שיין פון דער לבנה.

א ב ע ר ד אָ א י ז א מ ע נ ש ג ע ל ע ג ע ן! זעה נאָר! דער הונט שפּרינגט אום, די האָר צושויבערט־אָנגעשטעלט, ווינזעלט, — איצטער האָט ער דערזעהען, אַז איך קום, האָט ער וויע־דער געוואויעט, האָט ער ג ע ש ר י ע ן: האָב איך ווען גע־הערט, אַ הונט זאָל אַזוי שרייען צו הילף?

און באמת, דאָס, וואָס איך האָב דערזעהן, אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. אַ יונגען פּאַסטוך האָב איך געזעהן, וואָס האָט זיך געדרעהט ווי אַ וואָרעם, זיך געוואָרגען, געצוקט, מיט אַ פאַרקרימטען פּנים, און אַ שוואַרצע שווערע שלאַנג איז געהאַנגען פון זיין מויל.

האָב איך ווען געזעהען אזוי פיעל עקעל און בלייבע אימה אויף א פּנים? ער האָט משמעות געשלאָפען? איז איהם א שלאַנג אריינגעקראָכען אין בית־הבליעה — און דאַרטען האָט זי זיך פעסט אריינגעביסען.

מיין האַנט האָט געריסען די שלאַנג און געריסען: — אומ־זיסט! זי האָט ניט ארויסגעריסען די שלאַנג פון דעם האַלז. דאָ האָט עס אויסגעשריען פון מיר: „ביים אָפּ! ביים אָפּ!

דעם קאָפּ ביים אָפּ! ביים אָפּ!“ — אזוי האָט עס געשריען פון מיר; מיין אימה, מיין האַס, מיין עקעל, מיין רחמנות, אַל׳ דאָס גוטס און בייז אין מיר האָט געשריען פון מיר מיט איין גע־שריי. —

איהר אומדערשראָקענע ארום מיר! איהר זוכער, מזל־פּרו־ווער! ווער פון אייך עס האָט מיט שלאַנגען־קלוגע לייוועגטס זיך אין אומדערפאָרשטע ים׳ען איינגעשיפט! איהר פריינד פון רע־טענישען!

טרעפט דאָך די רעטעניש, וואָס איך האָב יעמאָלט געזעהן, זייט מיר פותר די זעהונג פון דעם איינזאַמסטען!

ווייל דאָס איז געווען א זעהונג און פאָראויסזעהונג: — וואָס האָב איך יעמאָלט געזעהן אין א משל? און ווער איז דאָס וואָס מוז נאָך א מאָל קומען?

ווער איז דער הירט, צו וועמען די שלאַנג איז אזוי אריינ־געקראָכען אין האַלז? ווער איז דער מענש, אין וועמעס האַלז אַל׳ דאָס שווערסטע און דאָס שוואַרצעסטע וועט אזוי אריינקריכען?

— דער הירט אָבער האָט א ביס געטאָן, ווי מיין געשריי האָט איהם געראָטן; ער האָט א ביס געטאָן מיט א גוטען ביים. ווייט אוועק האָט ער ארויסגעשפּיגען דעם קאָפּ פון שלאַנג — : און איז אויפגעשפּרונגען. —

ניט מעהר קיין הירט, ניט מעהר קיין מענש, — א פאַרוואַנ־דעלטער, א באַלויכטענער, וואָס האָט **געלאַכט**! קיינמאָל

אויף דער ערד האָט נאָך אַ מענש אַזוי ניט געלאַכט, ווי ער האָט געלאַכט!

אָ, מיינע ברידער, איך האָב געהערט אַ לאַכען, וואָס איז ניט געווען קיין לאַכען פון אַ מענשען, — און איצטער פרעסט מיך אַ דאָרשט, אַ בענקשאַפט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט איינגע־שטילט.

מיין בענקשאַפט און יענער לאַכען פרעסען מיך: אָ, ווי קאָן איך דאָס נאָך אַריבערטראָגען און לעבען! און ווי וואָלט איך דאָס געקאָנט אַריבערטראָגען, איך זאָל איצטער שטאַרבען! —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די גליקשאַפט להיפך דעם אייגענעם ווילען.

מיט אַזעלכע רעטענישען און ביטערנישען אין האַרצען איז זאַראַטוסטראַ געפאָהרען איבער דעם ים. ווען ער איז אָבער געווען פיער טעג־רייזען ווייט פון די גליקזעליגע אינזלען און פון זיינע פריינד, האָט ער גובר געווען זיין גאַנצען צער — : זיעגרייך און מיט פעסטע פיס איז ער ווידער געשטאַנען אויף זיין שיקזאַל. און יעמאָלט האָט זאַראַטוסטראַ אַזוי גערעדט צו זיין איבער־פריי־דיגען געוויסען:

אַליין בין איך ווידער און וויל זיין אַליין, אַליין מיט דעם ריינעם הימעל און דעם פרייען ים; און ווידער איז נאָכמיטאָג אַרום מיר.

אין אַ נאָכמיטאָג האָב איך אַמאָל צום ערשטען מאָל געפונען מיינע פריינד, אין אַ נאָכמיטאָג אויך צום אַנדער מאָל: אין דער שעה, ווען יעדער ליכט־שיין ווערט שטילער.

ווייל יעדעס גליק, וואָס איז נאָך אין וועג צווישען הימעל און ערד, זוכט זיך אַן אכסניה אין אַ ליכטיגער נשמה: פון דעם גליק איז איצטער יעדער ליכט־שיין שטילער געוואָרען.

אָ, נאָכמיטאָג פון מיין לעבען! אמאָל איז אויך מיין גליק אראָפּגעשטיגען אין טאָל, זיך אַן אכסניה צו זוכען: האָט ער גע־פונען די אָפענע גאסט־פריינדליכע נשמות.

אָ, נאָכמיטאָג פון מיין לעבען! וואָס וואָלט איך ניט אוועק־געגעבען, כדי איך זאָל האָבען נאָר איינס: אָט די לעבעדיגע פלאַנ־צונג פון מיינע געדאנקען און אָט דעם מאָרגענליכט פון מיין העכסטער האָפענונג!

מיטפאָהרער האָט אמאָל דער שאַפענדער געזוכט און קינדער פון זיין האָפענונג: און זעה, עס האָט זיך ארויסגעפונען, אז ער קאָן זיי ניט געפינען, סיידען ער זאָל זיי פריהער אליין באשאפען.

אזוי ארום בין איך אין מיטען פון מיין ווערק, איך געה צו מיינע קינדער און איך געה פון זיי אוועק: צוליעב זיינע קינדער פון זאראטוסטרא זיך גופא מאכען פאָלקאָם.

ווייל פון גרונט אויס ליעבט מען נאָר זיין קינד און זיין ווערק; און וואו עס איז דאָ א גרויסע ליעבע צו זיך אליין איז דאָס א סמן פון שוואנגערשאפט: אזוי האָב איך דאָס געפונען.

מיינע קינדער גרינען נאָך אין זייער ערשטען פריהלינג, שטעהן נאָהענט איינער דעם אנדערען און ווערען אין איינעם געטריי־סעלט פון ווינט, אָט די בוימער פון מיין גאָרטען און פון מיין בעסטער פלאַנץ־ערד.

און אין דער אמת'ן! וואו אזעלכע בוימער שטעהן אין איינעם, דאָרט ז י י נ ע ן די גליקליכע אינזלען!

אָבער שפּעטער אמאָל וועט איהר זיי ארויסהויבען און יעדען איינעם אוועקשטעלען פאַר זיך: כדי ער זאָל לערנען איינזאמקייט און עקשנות און פאָרזיכטיגקייט.

אין קאָרטשעם און געקרימט און מיט בויגיגער האַרטקייט זאָל ער מיר ביים ים שטעהן, א לעבעדיגער לייכט־טורעם פון א ניט־בייצוקומענעם לעבען.

דאָרטען, וואו די שטורעמס וואַרפען זיך אין ים אַראָפּ, און וואסער טרינקט דער שנוק פון די בערג, דאָרטען זאָל א־יעדער

אמאָל האָבען זיין טאָג־וואָך און נאכט־וואך, צוליעב ז י י ן נסיון און דערקענט ווערען.

דערקענט און געפּרואווט זאָל ער ווערען, צי ער איז פון מיין טבע און אָפּשטאם, — צי איז ער א האר אויף א לאנגען ווילען, פארשווייגען אפילו ווען ער רעדט, און נאָכגעבענד אויף אזא'ן אופן, אז בעת'ן געבען נ ע ה מ ט ער: —

— כדי ער זאָל אמאָל ווערען מיין מיטפאָהרער און זוראַ־טוסטרא'ס א מיטשאפענדער און מיטרוהענדער — : אזא, וואָס שרייבט מיר מיין ווילען אויף מיינע טאָוולען: צוליעב דער פולס־טער השלמה פון אלע זאכען.

און פון זיינטוועגען און פון וועגען זיין גלייכען מוז איך אליין דערגרייכען די העכסטע השלמה: דעריבער וויך איך איצ־טער אוים מיין גליק און גיב מיך איבער צו יעדען אומגליק — צוליעב מיין לעצטען נסיון און דערקענטניס.

און אין דער אמת'ן, עס איז שוין צייט געווען, איך זאָל געהן; דעם וואנדערערס שאָטען און דער לענגסטער אומעט און די שטיל־סטע שעה — זיי אלע האָבען גערעדט צו מיר: „עס איז די העכס־טע צייט!"

דער ווינט האָט מיר אין שליסעל־לאָך אריינגעבלאָזען און האָט געזאָגט: „קום!" די טיר איז מיר שלאנגען־קלוג אויפגעשפּרונגען און האָט געזאָגט: „געה!"

אָבער איך בין געלעגען אין קייטען, אָנגעשמידט אָן דער ליעבע צו מיינע קינדער: דער באגעהר האָט אויף מיר ארויפגע־לייגט אָט די פאנג־שטריק, דער באגעהר נאָך ליעבע, כדי איך זאָל ווערן דער רויב פאר מיינע קינדער און מיך פארלירען אין זיי.

באגעהרען — דאָס הייסט שוין פאר מיר: איך זאָל מיך האָבען פארלאָרען. א י ך ה אָ ב א י י ך, מ י י נ ע ק י נ ־ ד ע ר! אין אָט דעם האָבען זאָל אלץ זיכערקייט זיין און גאָרנישט באגעהר.

אָבער בריהענדיג איז די זון פון מיין ליעבע געלעגען אויף מיר, זאראטוסטראַ האָט זיך געסאָכט אין זיין אייגענעם זאפט, — זיינען שאָטענס און ספיקות געפלויגען איבער מיר.

פראָסט און ווינטער האָט זיך מיר שוין געלוסט: „אַ, ווען וועט שוין פראָסט און ווינטער מיך ווידער מאכען קנאקען און סקריפען!" האָב איך געזיפצט: — יעמאָלט האָבען אייזיגע נעפּלען גענומען ארויפשטייגען פון מיר.

מיין עבר האָט זיינע קברים אויפגעבראָכען, ניט איין לעבעדיג באגראָבענער צער האָט ווידער אויפגעוואכט —: ער האָט זיך נאָר אויסגעשלאָפען, איינגעהילט אין די תכריכים.

אזוי־אַ האָט אַל' דאָסדינג גערופען אין צייכענס צו מיר: „עס איז צייט!" אָבער איך — האָב ניט געהערט: ביז מיין אָפּגרונט האָט לסוף זיך אַ ריהר געטאָן און מיין געדאנק האָט מיך געביסען.

אַך, דו אָפּגרונטליכער געדאנק, וואָס דו ביסט מ י י ן געדאנק! ווען געפין איך די גבורה, צו הערען ווי דו גראָבסט און ניט מעהר צו ציטערען?

ביז צום האַלז ארויף קלאַפּט מיר דאָס הארץ, ווען איך הער ווי דו גראָבסט! דיין שוויינען אפילו וויל מיך דערווערגען, דו אָפּגרונטליך שווייגענדער!

איך האָב מיך נאָך קיינמאָל ניט דערוועגט, דיך א ר ו י ף צו רופען: גענוג געווען, וואָס איך האָב דיך ארומגעטראָגען מיט מיר. נאָך ניט שטארק גענוג בין איך געווען פאר דעם לעצטען לייבען־איבער־מוט און לייבען־שפּיעל־לוסט.

גענוג אָפּשרעקענדיג איז שוין תמיד פאר מיר געווען דיין שווערקייט: אָבער שפּעטער אמאָל וועל איך נאָך די גבורה געפינען און די לייבען־שטים, וואָס זאָל דיך ארויפרופען!

ווען איך וועל מיך אין דעם האָבען גובר געווען, יעמאָלט וועל איך מיך גובר זיין נאָך אין אַ גרעסערער זאך; און אַ זיעג זאָל זיין די התימה פון מיין העכסטער מדרגה! —

דערווייל פאָהר איך נאָך אום אויף אומגעווויסע ים׳ען; דער צופאל חנפה׳ט מיר, דער גלאַט־צונגיגער; איך קוק פאָראוים און צוריק, — איך זעה נאָך ניט קיין ענד.

עס איז נאָך ניט געקומען אויף מיר די שעה פון מיין לעצטען קאַמף, — אָדער קומט זי אפשר אויף מיר גראָד איצטער? באמת, מיט באַטריגערישער שעהנקייט קוקען אויף מיר פון אַלע זייטען ים און לעבען!

אָ, דו נאָכמיטאָג פון מיין לעבען! אָ, גליק איידער אָוונט־צייט! אָ, האפען אויף דעם הויך־כוואַליענדען ים! אָ, פרידען אין דעם אומגעוויסען! ווי ווייניג גלויב איך אייך אַלעמען!

באמת, ווייניג גלויב איך אין אייער באַטריגערישער שעהנ־קייט! איך בין צו דעם ליעבענדען געגליכען, וואָס איז חושד דעם צו פיעל סאַמעטענעם שמייכעל.

ווי ער פאַרשטויסט פון זיך זיין פיעל־געליעבטע, צערטליך נאָך אפילו אין זיין הארטקייט, — אזוי פאַרשטויס איך פון מיר אָט די גליק־געבענשטע שעה.

אוועק פון מיר, דו גליק־געבענשטע! מיט דיר איז צו מיר א גליקשאַפט געקומען להיפך צו מיין ווילען! אָנגעגרייט צו מיין טיעפסטען צער, שטעה איך דאָ: ביסט מיר צו פריה געקו־מען!

אוועק פון מיר, דו שעה פון גליקשאַפט! ליעבערשט זוך דיין אכסניה דאָרטען — ביי מיינע קינדער! אייל דיך! און בענש זיי, נאָך איידער אָוונט קומט, מיט מ י י ן גליק!

דער אָוונט איז שוין נאָהענט: די זון פאַרזינקט. אוועק איז מיין גליק!

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא. ער האָט געוואַרט אויף זיין אומגליק די גאַנצע נאַכט: אָבער ער האָט אומזיסט געוואַרט. די נאַכט איז געבליבען העל און שטיל און דאָס גליק גופא איז געקומען צו איהם אַלץ נעהענטער און נעהענטער. ארום אין דער פריה אָבער האָט זאַראַטוסטרא געלאַכט אין זיין הארצען און

האָט געזאָגט מיט געשפּאָט: „דאָס גליק לויפט נאָך מיר נאָך.
דאָס געהמט זיך דערפון, וואָס איך לויף ניט־נאָך נאָך ווייבער.
דאָס גליק איז אָבער איז אַ ווייבס־פּאַרשוין.“

*

*

פאר זון־אויפגאַנג.

אָ, הימעל איבער מיר, דו ריינער! טיעפער! דו אָפּגרונט פון ליכט־שיין! זעה איך דיך, שוידער איך פון געטליכע באַגעהרען.

מיך אריינצוואווארפען אין דיין הויך — אָט דאָס איז מ י י ן טיעף! מיך אין דיין ריינהייט צו בעהאַלטען — אָט דאָס איז מ י י ן אומשולד!

גאָט ווערט פאַרדעקט פון זיין שעהנקייט: אזוי בעהאַלטסטו דיינע שטערען. דו רעדסט ניט: אזוי פאַרקינדיגסטו מיר דיין קלוגשאַפט.

שטום איבער דעם ברויזענדען ים ביסטו מיר היינט אויפגעגאַנגען, דיין ליעבע און דיין בושה רעדט אַנטפּלעקונג צו מיין ברויזענדער נשמה.

וואָס דו ביסט שעהן צו מיר געקומען, איינגעוויקעלט אין דיין שעהנקייט, וואָס דו האָסט שטום צו מיר גערעדט, אַנטפּלעקט אין דיין קלוגשאַפט:

אָ, ווי זאָל איך ניט האָבען דערשפּירט אַל' דאָס שעמעוודיגע פון דיין נשמה! פריהער פ א ר דער זון ביסטו געקומען צו מיר, דעם איינזאַמסטען.

מיר זיינען פריינד פון אָנהויב אָן: מיר האָבעןביידע איין צער, און איין אימה, און איין גרונט; אויך איין זון האָבען מיר ביידע אין איינעם.

מיר ריידען ניט צווישען זיך, ווייל מיר ווייסען צו פיעל —:

מיר שווייגען איינער צו דעם אנדערען, מיר שמייכלען ארויס אונזער וויסען איינער צו דעם אנדערען.

ביסטו ניט דער ליכט־שיין צו מיין פייער? האסטו ניט די שוועסטער־נשמה צו מיין איינזעהן?

אין איינעם האבען מיר אלצדינג געלערנט; אין איינעם האבען מיר געלערנט, ווי מיר זאלען ארויפשטייגען צו זיך גופא און ניט־באוואלקענט שמייכלען: —

ניט־באוואלקענט ארונטער־שמייכלען פון ליכטיגע אויגען און פון מיילענווייטער ווייט, בעת צוואנג און צוועק און שולד דאמפען אונטער אונז ווי א רעגען.

און ווען איך האב אליין געוואנדערט: נאך ו ו א ס האט געהונגערט מיין נשמה אין די נעכט און אויף די איור־שטעגען? און בעת איך בין אויף די בערג געשטיגען, וועמען האב איך דען געזוכט אויף די בערג, אויב ניט דיך?

און מיין גאנצער וואנדערען און בארג־שטייגען: אויס נויט איז דאס נאר געווען און א באהעלף פאר דעם אומבאהאלפענעם: — פ ל י ה ע ן נאר וויל מיין גאנצער ווילען, אין ד י ר ארייניפליהען!

און וואס האב איך מעהר געהאסט, איידער די פארביי־ציהענדע וואלקענס און אלץ, וואס באפלעקט דיך? און מיין אייגענעם האס האב איך נאך געהאסט, ווייל ער האט דיך באפלעקט!

איך בין אין כעס אויף די ציהענדע וואלקען, וואס שארען זיך גניב'יש ווי רויב־קאצען: זיי נעהמען אוועק ביי דיר און ביי מיר, וואס מיר האבען בשותפות, — דאס אומגעהויערע אומבאגרענעצטע יא־און־אמן־זאגען.

מיר זיינען אין כעס אויף יענע מיטלער און מישער, אויף די ציהענדע וואלקענס: יענע אויף־העלפטיגע, וואס האבען זיך ניט אויסגעלערנט, ניט ווי צו בענשען, ניט ווי פון גרונט־אויס צו שילטען.

ליעבערשט וואָלט איך זיצען אין א טון אונטער א פארשלאָ־סענעם הימעל, ליעבערשט זיצען אין אן אפּגרונט אָהן א הימעל, איידער זעהן, ווי דו, ליכט־הימעל, ביסט באפלעקט מיט ציה־וואָלקענס.

און אָפט האָט מיך א חשק אָנגענומען, צו צוהעפטען זיי מיט די געצייהנדעלטע גאָלד־דראָטען פון דעם בליץ, כדי איך זאָל קאָנען, ווי דער דונער, פויקען אויף זייער קעסעל־פויק: —

א צאָרענדיגער פּייקלער, ווייל זיי רויבען ביי מיר אוועק דיין יע! און אמן! דו הימעל איבער מיר, דו ריינער! ליכטיגער! דו אפּגרונט פון ליכט־שיין! — ווייל זיי רויבען ביי דיר אוועק מיין יע! און אמן!

ווייל ליעבערשט וויל איך האָבען געפּילדער און דונער און וועטער־קללות, איידער יענע פאָרזיכטיגע צווייפלענדע קאצען־רוה; און אויך ביי מענשען האס איך מעהר פאר אלץ אלע די שטיל־טרעטער און די האלב־אויף־האלבע און די צווייפלענדע, זיך מיט דער דעה שלאָגענדע ציה־וואָלקענס.

און „ווער עס קאָן ניט בענשען, זאָל זיך אויסלערנען צו שילטען!" — אָט די קלאָרע לערנונג איז מיר אראָבגעפאלען פון דעם קלאָרען הימעל, אָט דער שטערן שטעהט אפילו אין די שווארצע נעכט אויף מיין הימעל.

איך בין אָבער א בענשענדער און א יאָ־זאָגער, ווען דו ביסט נאָר ארום מיר, דו ריינער, דו ליכטיגער! דו אפּגרונט פון ליכט־שיין! — אין אלע אפּגרונטען טראָג איך יעמאָלט אריין מיין בענשענד יאָ־זאָגען.

א בענשענדער בין איך געוואָרען, א יאָ־זאָגער: און צוליעב דעם האָב איך מיך לאנג געראנגעלט און בין א ראנגלער געווען, כדי איך זאָל שפּעטער אמאָל פריי באקומען די הענט צו בענשען.

דאָס איז אָבער מיין ברכה: איבער יעדער זאך צו שטעהן ווי איהר אייגענער הימעל, ווי איהר קיילעכדיגער דאך, איהר

אזורענע גלאק און אייביגע זיכערקייט: און פול פון גליק איז דער, וואס גיט אזא ברכה!

ווייל אלע זאכען זיינען געטובל'ט אין דעם קוואל פון אייביג־קייט און פון יענער זייט גוט און בייז; גוט און בייז גופא זיינען אבער נאר צווישען־שאטענס און פייכטע באטריבטקייטען און ציה־וואלקענס.

באמת, דאס איז א ברכה און ניט קיין לעסטערונג, ווען איך לערען: „איבער אלע זאכען שטעהט דער הימעל צופאל, דער הימעל אומשולד, דער הימעל סתם־אזוי, דער הימעל שטיפעריש־קייט".

„פון סתם־אזוי" — דאס איז דער עלטעסטער יחוס־אפשטאם פון דער וועלט, איהם האב איך צוריקגעגעבען צו אלע זאכען, איך האב זיי אויסגעלייזט פון זייער קנעכטשאפט צו דעם צוועק.

אט די פרייקייט און הימעל־לויטערקייט האב איך אוועק־געשטעלט ווי אן אזורענע גלאק איבער אלע זאכען, בעת איך האב געלערנט, אז איבער זיי און דורך זיי וויל ניט קיין — „אייביגער ווילען".

אט די שטיפערישקייט און אט די נארישקייט האב איך אוועק־געשטעלט אנשטאט יענעם ווילען, בעת איך האב געלערנט: „ביי אלע זאכען איז נאר איין זאך אונמעגליך: „שכל'דיגקייט"!

א ביסעל שכל, א זוימען קלוגשאפענקייט צושטרויט פון שטערן צו שטערן, — אט דער זויער־טייג איז צוגעמישט אין אלע זאכען: צוליעב דער נארישקייט איז קלוגשאפענקייט אין אלע זאכען צוגעמישט!

א ביסעל שכל, דאס איז שוין יע מעגליך; אבער אין אלע זאכען האב איך געפונען אט די גליק־געבענשטע זיכערקייט: וואס זיי ווילען בעסער טאנצען — אויף די פיס פון צופאל.

א הימעל איבער מיר, דו ריינער! הויכער! דאס איז פאר מיר דיין ריינקייט, וואס עס איז ניטא קיין אייביגע שכל־שפין און קיין שכל־שפין־נעצען: —

— וואָס דו ביסט א טאַנץ־פּלאַץ פאַר געטליכע צופעלען, וואָס דו ביסט א געטער־טיש פאַר געטליכעביינדלעך און ביינדלעך־שפּיעלער! —

נאָר — דו ביסט רויט געוואָרען? האָב איך געזאָגט אַזוינס, וואָס זאָל ניט אַרויסגעזאָגט ווערען? האָב איך געלעסטערט, בעת איך האָב געוואָלט דיך בענשען?

אָדער האָט די בושה פון זאַלבאַנאַנדער־זיין דיך געמאַכט רויט־ווערען? — הייסט דו מיר געהן און שווייגען, ווייל איצט קומט — דער טאָג?

די וועלט איז טיעף: — און טיעפער, איידער דער טאָג האָט וועזן געדאַכט. ניט אַלץ דאַרף האָבען ווערטער פאַר דעם טאָג. אָבער דער טאָג קומט: איז — לאָמיר זיך צושיידען!

אָ, הימעל איבער מיר, דו שעמעוודיגער! גליהענדער! אָ דו מיין גליק איידער זון־אויפגאַנג! דער טאָג קומט: איז — לאָמיר זיך צושיידען! —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *

*

די טוגענד וואָס מאַכט קלענער.

1.

ווען זאראטוסטרא איז ווידער אראָפּ אויף דער יבשה, איז ער ניט געגאנגען גלייכוועגס צו זיינע בערג און זיין היהל, נייערט ער איז געגאנגען אין א סך וועגען און האָט געשטעלט א סך פראגען און האָט אויסגעפאָרשט דאָס און יענס, אזוי אז ער האָט וועגען זיך גופא געזאָגט אין שפּאָס: „טו א קוק אויף א שטראָם, וואָס פליעסט אין א סך וועגדונגען צוריק צו זיין קוואל!" ווייל ער האָט געוואָלט אויסגעפינען, וואָס איז דערווייל פאַרגעקומען מ י ט ד ע ם מ ע נ ש ע ן: צי איז ער געוואָרען גרעסער אָדער קלע־נער. און איין מאָל האָט ער דערזעהן א צייל נייע הייזער! האָט ער זיך געוואונדערט און געזאָגט:

„וואָס באַדייטען אָט די הייזער? באמת, קיין גרויסע נשמה האָט זיי ניט אוועקגעשטעלט, ווי א משל אויף זיך!

האָט א שוטה א קינד זיי ארויסגענומען פון זיין קעסטעל מיט שפּיעל־געצייג? זאָל דאָך אַן אנדער קינד זיי ווידער אריינ־לייגען אין קעסטעל!

און די חדרים מיט די קאמערען: קאָנען מ א נ ס ־ פ א ר־ ש ו י נ ע ן דאָ אריין־ און ארויסגעהן? עס דוכט זיך מיר, זיי זיינען געמאכט פאר זיידענע ליאַלקעס; אָדער פאר נאשערינס־קעץ, וואָס לאָזען זיך אויך, מען זאָל זיי נאשען".

און זאראטוסטרא איז געבליבען שטעהן און האָט נאָכגע־טראכט. לסוף האָט ער געזאָגט באטריבטערהייד: „אַלץ איז קלע־נער געוואָרען! אומעטום זעה איך נידעריגע טויערען: ווער עס

אין פון מיין וואוקס קאָן דאָ נאָך אויך דורכגעהן — אָבער ער מוז זיך — בוקען!

א, ווען קום איך ווידער אין מיין חיים־געבירט, וואו איך דארף מיך מעהר ניט בוקען — דארף מיך מעהר ניט בוקען פ א ר ד י ק ל י י נ ע!" — און זאראטוסטרא האָט געזיפצט און גע־קוקט אין דער וויים. —

אין דעמזעלבינען טאָג אָבער האָט ער גערעדט זיינע רייד נוע־גען דער טוגענד וואָס מאכט קלענער.

2.

איך געה דורך דאָס פאָלק און האַלט אָפען די אויגען: זיי קאָנען ניט מוחל זיין מיר, וואָס איך בין זיי ניט מקנא זייערע טוגענדען.

זיי ווילען מיך בייסען, ווייל איך זאָג זיי: פאר קליינע ליים דארף מען האָבען קליינע טוגענדען — און ווייל עס איז מיר שווער צו פארשטעהן, אויף וואָס ד א ר ף מ ע ן ה אָ ב ע ן קליינע ליים!

איך בין נאָך געגליכען דאָ צו דעם האָהן אויף א פרעמדען הויף, וואָס אפילו די היהנער בייסען איהם; פון דעסטוועגען נעהם איך דאָס די היהנער ניט פאר אומגוט.

איך בין העפליך צו זיי, ווי צו יעדער קליינער ערגערניס; שטעכיג צו זיין מיט קליינע, דאָס, דאכט מיר, איז די קלוגשאפט פון א יאָזשיק.

זיי ריידען אַלע וועגען מיר, ווען זיי זיצען אין אָווענט אַרום פייער, אָבער קיינער — טראַכט ניט וועגען מיר!

דאָס איז די נייע שטילקייט, וואָס איך האָב געלערנט: זייער ליאַרעם אַרום מיר שפּרייט אויס א מאַנטעל איבער מיינע געדאנ־קען.

זיי ליאַרעמען צווישען זיך: „וואָס וויל אונז טאָן אָט דער

פינסטערער וואָלקען? לאָמיר אכטונג געבען, ער זאָל קיין מגפה ניט ברענגען אויף אונז!"

און אנומעלט האָט א פרוי אוועקגעריסען צו זיך איהר קינד, וואָס האָט געוואָלט צו מיר: „נעהמט אוועק די קינדער! האָט זי געשריען; אזוינע אויגען פאר'שרפה'ן קינדערשע נשמות".

זיי הוסטען, ווען איך רייד: זיי מיינען, הוסטען איז אן אָפּ־פרעג אנטקעגען שטארקע ווינטען, — זיי זיינען גאָרנישט ניט משיג אין דעם ברוּיזען פון מיין גליק.

„מיר האָבען נאָך קיין צייט ניט פאר זאראַטוסטראַ'ן" — אזוי טוען זיי טענה'ן; אָבער ווענען געהט אָן א צייט, וואָס האָט פאר זאראטוסטרא'ן „קיין צייט ניט"?

און ווען זיי הויבען מיך גאָר אָן צו לויבען: ווי וואָלט איך געקאָנט איינשלאָפען אויף זייערע שבחים? א שטעכער־גארטעל איז פאר מיר זייער לויב: עס קראצט מיך נאָך, ווען איך טו איהם אוים.

און אויך דאָס האָב איך געלערנט פון זיי: דער וואָס לויבט, מאכט דאָס אזוי, ווי ער וואָלט באצאָהלט צוריק, אין אמת'ן אָבער וויל ער נאָך מעהר באשענקט זיין!

פרעגט ביי מיין פוס, צי געפעלט איהם דער אופן, ווי זיי לויבען און פרואווען פארפיהרען! ב־מת, נאָך אזא טאקט און טיק־טאק ווילט זיך איהם ניט: ניט טאנצען, ניט שטיל־שטעהן.

זיי ווילען מיך לויבען און ארייננארען צו דער קליינער טו־גענד. זיי וואָלטען געוואָלט איבעררעדען מיין פוס צו דעם טיק־טאק פון דעם קליינעם גליק.

איך געה דורך דאָס פאָלק און האַלט אָפען די אויגען: זיי זיינען ק ל ע נ ע ר געוואָרען און כסדר ווערען זיי קלענער: דאָס קומט פון זייער לערנונג וועגען גליק און טוגענד.

מחמת זיי זיינען עניוות'דיג אויך אין דער טוגענד, — ווייל זיי ווילען באַקוועמליכקייט. מיט באַקוועמליכקייט אָבער קאָן נאָר די עניוות'דיגע טוגענד זיך פאַרטראָגען.

געוויס לערנען אויך זיי זיך אויס, אויף זייער אופן צו שרייטען און פאַראויס צו שרייטען: איך רוף דאָס זייער געפּענטעט־שפּרינגען — דורך דעם ווערען זיי אַן אַנשטויס פאַר יעדען, וואָס איילט זיך.

און אַן אַנדערער פון זיי געהט פאַראויס און קוקט דערביי אויף צוריק, מיט אַ פאַרשטייפטען נאַקען: אַזוינעם טו איך מיט חשק אַריינלויפען אין לייב אַריין.

פוס און לייב זאָלען ניט לאַיגען, אויף ניט אויפוואַרפען איינס דעם אַנדערען אין לאַיגען. אָבער אַ סך ליגנערייי איז ביי די קליינע לייט.

אייניגע פון זיי טוען וועלען, אָבער די מייסטע ווערען נאָר באַוווילט. אייניגע פון זיי זיינען עכט, אָבער די מייסטע זיינען שלעכטע אַקטיאָרען.

עס זיינען פאַראַן צווישען זיי אַקטיאָרען להיפך צו זייער וויסען און אַקטיאָרען להיפך צו זייער ווילען, — די עכטע זיינען שטענדיג זעלטען, דער עיקר, ד' עכטע שוישפּיעלער.

דאָ איז ווייניג מאַנסביל: דעריבער פאַרמאַנסבילען זיי זייערע ווייבער. ווייל נאָר דער, וואָס איז מאַנסביל גענוג, וועט אין דער ווייבס־פאַרשיין די *ווייבס־פאַרשוין אויסלעזען*.

און אָט די צבוע'ישקייט האָב איך געפונען ביי זיי ערגער פאַר אַלץ: וואָס אויך די, וועלכע באַפעהלען, מאַכען צבוע'יש נאָך די טוגענדען פון יענע, וואָס דיענען.

„איך דיען, דו דיענסט, מיר דיענען" — אַזוי איז דאָ מתפלל אויך די צבוע'ישקייט פון די הערשענדע, — און וועה צו איהם, אויב דער ערשטער האַר איז *נאָר* דער ערשטער דיענער!

אַך, אויך אין זייערע צבוע'ישקייטען איז זיך פאַרפלויגען די

צייגיער פון מיין אויג; און גוט האָב איך געטראָפּען זייער גאַנצען פליענען־גליק, מיט זייער זשומען אַרום די באַזונטע פענ־סטער־שויבען.

וויפיעל גוטסקייט, אַזוי פיעל שוואַכקייט האָב איך געזעהען. וויפיעל יושר און רחמנות, אַזוי פיעל שוואַכקייט.

קיילעכדיג, אָרענטליך און גיטיג זיינען זיי איינער מיט דעם אַנדערען, ווי זעמדעלעך זיינען קיילעכדיג און גיטיג צו זעמדעלעך.

עניוות'דיג אַרומנעהמען אַ קליין גליק — דאָס רופען זיי „הכנעה"! און דערביי קוקען זיי שוין עניוות'דיג פון דער זייט נאָך אַ נייעם קליינעם גליק.

אין גרונט פון זייער האַרצען ווילען זיי פּשוט איין זאַך מעהר פאַר אַלץ: אַז קיינער זאָל זיי ניט וועה טאָן. דערפילען זיי אין פאָראויס יעדען איינעמס וואונש און טוען איהם גוטס.

דאָס איז אָבער פּ ח ד נ ו ת, ווען אפילו עס רופט זיך „טוגענד". —

און ווען זיי ריידען אַ מאָל גראָב, אָט די קליינע לייט: הער איך אין דעריינען נאָר זייער הייזעריגקייט, — מחמת פון איטליכען ווינד־צוג ווערען זיי הייזעריג.

קלוג זיינען זיי, זייערע טוגענדען האָבען קלוגע פינגער. אָבער זיי פעהלט די פויסטען, זייערע פינגער ווייסען ניט, ווי צו פאַר־קריכען הינטער די פויסטען.

טוגענד איז ביי זיי דאָס, וואָס מאַכט עניוות'דיג און שטוביג. דורכדעם האָבען זיי פון אַ וואָלף אַ הונט געמאַכט און פון דעם מענשען גופא — דעם מענשענס בעסטע שטוב־חיה.

„מיר שטעלען אַוועק אונזער שטול אין מ י ט ע ן" — דאָס זאָגט מיר זייער צופרידענער שמייכעל — „און אַקוראַט אַזוי ווייט פון די שטאַרבענדע פעכטער, ווי פון די פאַרגעניגטע חזירים."

דאָס איז אָבער מ י ט ע ל ־ מ אָ ס י ג ק י י ט: ווען אפילו עס רופט זיך, זיך האַלטען אין מאָס.

3.

איך געה דורך דאָס פאָלק און לאָז פאַלען אַ וואָסער וואָרט: אָבער זיי ווייסען נים ווי צו נעמען, און נים ווי צו האַל־טען עס.

זיי וואונדערען זיך, וואָס איך בין נים געקומען צו לעסטערען אויף לוסטען און לאַסטערס; און אין דער אמת'ן, איך בין דאָך נים געקומען צו וואָרענען פאַר גנבים!

זיי וואונדערען זיך, וואָס איך בין נים אָנגעגרייט, זייער קלוג־קייט צו מאַכען נאָך וויטציגער און שפּיציגער: אַקוראַט ווי זיי האָבען נים גענוג חכמים'לעך, וועמעס שטים עס גרילצט מיר ווי אַ שיעפער־שטיפט אין די אויערען!

און ווען איך רוף אויס: „אַ קללה אויף אַלע פחדנ'ישע טייוואָלים אין אייך, וואָס וואָלטען וועלען רק ווינזלען און די הענד צונויפלייגען און „תפילה טאָן", איז — רופען זיי אויס: „זאַראַטוסטרא איז אַ כופר בעיקר".

און בפרט רופען דאָס אויס זייערע לעהרער פון „הכנעה" —; אָבער גראָד זיי האָב איך האָלט אין אויער אַריין צו שרייען: יאָ! איך בין זאַראַטוסטרא, דער כופר בעיקר!

אָט די לעהרער פון הכנעה! אומעטום, וואו עס איז קליין און קראַנק און קרעציג, קריכען זיי אַריין ווי די לייז; און נאָר מיין עקעל דערלאָזט מיך נים, אויסצוקנאַקען זיי.

איז — גום! אָט דאָס איז מיין פּריידיגט פאַר זייערע אויערען: איך בין זאַראַטוסטרא, דער כופר בעיקר, וואָס זאָגט: „ווער לייקענט נאָך מעהר אין גאָט איידער איך, איך זאָל מיך דער־פרעהען מיט זיין למוד?"

איך בין זאַראַטוסטרא, דער כופר בעיקר: וואו געפין איך מיינס אַ גלייכען? און מיינס אַ גלייכען זיינען אַלע, וואָס גיבען זיך גופא זייער ווילען און טוען אָפּ פון זיך יעדע הכנעה.

איך בין זאַראַטוסטרא, דער כופר בעיקר: איך קאָך מיר אומ־

ליכער צופאל אין מיין טאפ. און ערשט ווען ער איז אין גאנצען אויסגעקאכט, נעם איך איהם פריינדליך אויף, ווי מ י י ן שפייז.

און באמת, ניט איין צופאל איז געקומען ווי א האר צו מיר: אבער נאך הארישער האט גערעדט צו איהם מיין ו ו י ל ע ן, — איז ער שוין געלעגען אויף די קניע און זיך געבעטען —

— זיך געבעטען, אז ער זאל געפינען א היים און א הארץ ביי מיר, און האט מיט חניפה איינגערעדט: „זעה דאך, א זאראַטוסטרא, ווי נאר א פריינד קומט צו א פריינד!“

נאר — וואס רייד איך דא, אז קיינער האט ניט מיינע אויערען! און דעריבער וויל איך דאס אין אלע ווינטען ארויסרופען:

איהר ווערט כסדר קלענער, איהר קליינע לייט! איהר ברעקעלט זיך אפ, איהר באקוועמינקע! איהר וועט מיר נאך געהן צו גרונט — איבער אייערע פיעלע קליינע טוגענדען, איבער אייערע פיעלע קליינע חטאים׳לעך, איבער אייער פולער קליינער הכנעה!

צו פיעל געשאנעוועט, צו פיעל נאכגעגעבען: אזוי איז אייער פלאנץ־ערד. אבער כדי א בוים זאל ג ר ו י ס ווערען, דערצו וויל ער שלאגען הארטע ווארצלען ארום א הארטען פעלז!

אויך דאס, וואס איהר לאזט דורך, וועבט אויף דעם געוועב פון דער גאנצער מענשען־צוקונפט; אויך אייער נישטיגקייט איז א שפין־נעץ און א שפין, וואס לעבט פון דעם בלוט פון דער צוקונפט.

און ווען איהר נעמט, איז דאס ווי גע׳גנבח׳ט, איהר רעכטשאפענע; אבער אפילו צווישען שעלמען זאגט די ע ה ר ע: „מען זאל נאר גנבה׳נען, וואו מען קאן ניט גזלנ׳ען“.

„עס גיט זיך“ — דאס איז אויך א לערנונג פון דער הכנעה. אבער איך זאג אייך, איהר באקוועמליכע: עס נ ע מ ט זיך און וועט נאך מעהר פון אייך נעמען!

אָך, ווען איהר וואָלט אָפּגעטאָן פון אייך יעדען ה ט ל ב ע ן ווּעלען און וואָלט צו גאָרנישט־טאָן זיך באַשליסען, ווי צו דעה טהאָט!

אָך, ווען איהר וואָלט פאַרשטאַנען מיין וואָרט: „טוט אייך אַלץ, וואָס איהר ווילט, — אָבער פריהער זייט ערשט אַזעלכע וואָס ק אָ נ ע ן ו ו ע ל ע ן!"

— ליעבט וויפיעל איהר ווילט אייער חבר ווי זיך אַליין, — אָבער פריהער דאַרפט איהר ערשט זיין אַזעלכע, וו אָ ס ל י ע ב ע ן ז י ך אַ ל י י ן —

— ליעבען מיט דער גרויסער ליעבע, ליעבען מיט דער גרויסער פאַראַכטונג! אַזוי רעדט זאַראַטוסטראַ, דער כופר בעיקר.—

נאָר וואָס רייד איך, אַז קיינער האָט ניט מ י י נ ע אויערען! דאָ איז נאָך אַ שעה צו פריה פאַר מיר.

איך בין מיין איינענער פאָרלויפער צווישען מיט דעם פאָלק, מיין איינענער האָהן־געקרעה דורך טונקעלע גאַסען.

אָבער ז י י ע ר שעה קומט! און אויך מיין שעה קומט! מיט יעדער שעה ווערען זיי קלענער, ערעמער, אומפרוכפּערער, — אָרעמע קרייטעכער! אָרעמע פלאַנץ־ערד!

און באַלד וועלען זיי שטעהן פאַר מיר, ווי איינגעדאַרטע גראָז אין אַ סטעפּ און באמת פאַר'נמאס'ט צו זיך אַליין — און מעלעכצט נאָך פ י י ע ר, מעהר איידער נאָך וואַסער!

אָ, געבענשטע שעה פון בליץ! אָ, דער סוד פון פאַר האַלבען־טאָג! איך וועל אַמאָל נאָך מאַכען פון זיי לויפענדע פייערס און אָנזאָגער מיט פלאַמען־צינגער:

זיי זאָלען נאָך אויסרופען מיט פלאַמען־צינגער: ער קומט, ער איז נאָהענט, דער גרויסער האַלבער־טאָג!

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* * *

אויף דעם אוילבערט־בארג.

דער ווינטער, א שלעכטער גאסט, זיצט ביי מיר אין שטוב; בלייט זיינען מיינע הענט פון זיין פריינדשאפטליכען האנט־דרוק.

איך האלט איהם עהרליך, דעם שלעכטען גאסט, אבער לאז איהם גערן זיצען אליין. גערן לויף איך אוועק פון איהם; און לויפט מען ג ו ט, אנטלויפט מען פון איהם.

מיט ווארעמע פיס און ווארעמע געדאנקען לויף איך אהין, וואו דער ווינט שטעהט שטיל, צו דעם זון־ווינקעל פון מיין אויל־בערט־בארג.

דארטען לאך איך אויס מיין שטרענגען גאסט און בין איהם נאך מכיר־טובה, וואס ער כאפט מיר אויס די פליגען אין דער היים און שטילט איין א סך קליינעם ליארעם.

מחמת ער קאן ניט אריבערטראגען, ווען א מוק וויל זינגען, אדער גאר צוויי; די גאנצע גאס מאכט ער איינזאם. כדי די לבנה זאל דארטען מורא האבען ביי דער נאכט.

א הארטער גאסט איז ער, — אבער עהרליך האלט איך איהם און איך בעט ניט אן דעם דיק־בויכיגען פייער־אפגאט, ווי די פאר־צערטעלטע.

בעסער נאך א ביסעל קלאפען מיט די ציינער, איידער אנבעטען אן אפגאט! — אזוי וויל דאס מיין נאטור. און דער עיקר בין איך ברוגז אויף אלע איבערגעהיצטע, דאמפיגע, דומפיגע פייער־אפגעטער.

ווען איך האב ליעב, יענעם ליעב איך בעסער אין ווינטער איידער אין זומער; בעסער און הארציגער שפאט איך איצטער פון מיינע פיינד, זינט דער ווינטער זיצט ביי מיר אין שטוב.

באמת הארציג־, אפילו יעמאלט ווען איך ק ר י ך אין מיין בעט —: יעמאלט לאכט און שטיפט נאך מיין פארקראָ־בענער גליק; עס לאכט נאך מיין ליגען־טרוים.

איך א — קריכער? קיינמאל אין לעבען בין איך ניט

נעקראכען פאר די מעכטיגע; און אויב איך האב ווען געלאינט, האב איך געלאינט אוים ליעבע. דעריבער בין איך פרעהליך אויך אין א ווינטער-בי[illegible].

א [illegible]וט'ע [illegible]ט ווארעמט מיך מעהר איידער א רייכע, ווייל איך בין איי[illegible]ערזיכ[illegible]יג אויף מיין [illegible]רעמקייט, און אין ווינטער איז זי מיר טרייער איידער אלע מאל.

מיט א רשעות באגעגין איך יעדען טאג; איך לאף אוים דעם ווינטער מיט א קאלטער ב[illegible]ד: דערויף ברומט מיין שטרענגער הויז-פריינד.

אויך קיטצעל איך איהם גערן מיט א וועקסען ליכטעל: ער זאל מיר לסוף דעם הימעל ארויסלאזען פון דעם אש-גראהען בין-השמשות.

נאר דערהויפט בין איך בייז-געשטימט אין דער פריה: אין דער פריהער שעה. ווען דער עמער סקריפעט ביים ברונען און די פערד הירזשען ווארעם דורך די גראהע גאסען: —

אומגעדולדיג ווארט איך יעמאלט, ווען וועט מיר שוין אויפגעהן דער ליכטיגער הימעל, דער שנעע-באָרדיגער ווינטער-הימעל, דער זקן מיט דעם ווייסען קאפ. —

— דער ווינטער-הימעל, דער פארשוויגענער, וואס פארשוויגט אפטמאל אויך זיין זון!

האב איך מיך דאס פון איהם אויסגעלערנט לאנג און ליכטיג צו שווייגען? אדער האט ער זיך דאס אויסגעלערנט פון מיר? אדער האט יעדער איינער פון אונז דאס אליין אויסגעפונען?

דער מקור פון אלע גוטע זאכען איז טויזענטפאלטיג, — אלע גוטע ש[illegible]פערישע זאכען שפרינגען פאר פרייד אריין אין די [illegible]קזיסטענץ: ווי וואלטען זיי דאס אלע מאל געקאנט טאן — נאך צוליעב איין מאל!

א גוטע שטיפערישע זאך איז אויך דאס לאנגע שווייגען און קוקען, ווי דער ווינטער-הימעל אוים א ליכטיגען פנים מיט רונדע אויגען:

— אזוי ווי ער, פארשווייגען זיין זון און זיין ניט־צו־בויגענדען זון־ווילען: באמת, אַט די קונסט און אַט די ווינטער־שטיפעריי האָב איך גוט אויסגעלערנט!

מיין בעסטע רשעות און קונסט איז — וואָס מיין שווייגען האָט זיך אויסגעלערנט ניט ארויסצוגעבען זיך דורך שווייגען.

מיט ווערטער און ביינדלעך קלאַפּענדיג, איבערשפּיצעל איך די שטייף־ערנסטע ווארטער: פון אַלע יענע שטרענגע אויפּפּאַ־סער זאָל מיין ווילען און צוועק זיך ארויסדרעהען.

כדי קיינער זאָל מיר ניט קאָנען אריינקוקען אין מיין גרונט און מיין לעצטען ווילען, — צוליעב דעם האָב איך מיר אויסגע־טראַכט דאָס לאַנגע, ליכטיגע שווייגען.

איך האָב געפונען ניט איין חכם וואָס האָט פארשלייערט זיין פּנים און האָט ברודיג געמאַכט זיין וואסער, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען ארונטערקוקען און דורכבליקען.

אָבער גראָד צו איהם זיינען געקומען די קליגערע ניט־גלויבער און נוס־קנאַקער: גראָד ביי איהם האָט מען ארויסגעפּישט דעם פאַרבאָרגענסטען פיש זיינעם!

נייערט די קלאָרע, די עהרליכע, די דורכזיכטיגע, — אָט דאָס זיינען מיר די קליגסטע שווייגער: ווייל זייער גרונט איז אזוי טיעף, אז אויך דאָס קלאָרסטע וואסער גיט איהם ניט ארויס.

דו שנעע־באָרדיגער, שוייגיגער ווינטער־הימעל, דו רונד־אויגי־גער ווייס־קאָפּ איבער מיר! אָה, דו הימעלשער משל אויף מיין נשמה און איהר שטיפעריישען ווילען!

און מוז איך דען ניט בעהאַלטען זיך, פונקט ווי איינער וואָס האָט גאָלד פארשלונגען, — כדי מען זאָל מיר ניט אויפשניידען מיין נשמה?

מוז איך דען ניט אומגעהן אויף שטאָלצעס, כדי זיי זאָלען פאַרזעהן מיינע לאַנגע פיס, — אָט די אַלע ניט־פארגינער און זלידניעס, וואָס זיינען ארום מיר?

יענע רויכיגע, שטוב־ווארעמע, אפגעניצטע, פארגריגטע, פאר־ברוגז׳טע נשמות, — ווי וואלט זייער קנאה געקאנט אריבער טראָ־גען מיין גליק!

אין — בעוויין איך זיי נאר דאס אייז און דעם ווינטער אויף מיינע בארג־שפּיצען — און ניט, אז מיין בארג איז אויך ארומגעגארטעלט מיט אלע זון־גארטלען!

זיי הערען נאר ווי מיין ווינטער־שטורעם פייפט — און ניט, אז איך פאהר אויך ארום איבער ווארעמע ים׳ען, ווי די פאר־בענקטע, שווערע, הייסע דרום־ווינטען.

זיי לייגען רחמנות אויף מיינע סבות און צופעלען: אבער מיין ווארט זאגט: „זאל דער צופאל קומען צו מיר: אומשולדיג איז ער, ווי אן שפה׳לע!"

ווי וואלטען זיי געקאנט אריבערטראגען מיין גליק, ווען איך וואלט ניט ארומגעלייגט סבות און ווינטער־נויטען און אייז־בער־היטלען און שנעע־הימעל־מאנטלען ארום מיין גליק!

ווען איך אליין וואלט מיך ניט דערבארימט אויף זייער רחמנות: אויף דעם רחמנות פון יענע ניט פארגינער און זליעדניעס!

ווען איך אליין וואלט ניט געזיפצט פאר זיי און ניט געציטערט פאר קעלט און וואלט ניט געלאזט געדולדיג מיך איינוויקלען אין זייער רחמנות!

אט דאס איז דער קלוגשאפען־שטיפערישער און גוטער ווילען פון מיין נשמה, וואס זי ב ע ה א ל ט ניט איהר ווינטער און איהרע פראסט־שטורעמס; זי בעהאלט אויך ניט איהרע פראסט־געשווירען.

איינעמס איינזאמקייט איז א קראנקענס פליטה. דעם אנ־דערענס איינזאמקייט איז די פליטה פון די קראנקע.

זאלען זיי מיך הערען, ווי איך זיפץ און מיך קלאפערט פאר קעלט, אלע יענע ארעמע, קרום־אויגיגע שעלמען ארום מיר! מיט אזא געזיפץ און געקלאפער אנטלויף איך פון זייערע געהייצטע שטיבער.

זאָלען זיי האָבען מיטלייד און מיט־זיפצענים מיט מיר פאַר מיינע פראָסט־געשווירען: „ער וועט נאָך ביי אונז פאַרפראָרען ווערען אויף דעם אייז פון דער דערקענטניס" — אַזוי טוען זיי קלאָגען.

דערווייל לויף איך אַרום מיט וואַרעמע פיס אַהין און אַהער אויף מיין אייל־בערט־באַרג: אין דעם זון־ווינקעל פון מיין אויל־בערט־באַרג זינג איך און שפּאַט פון יעדען מיטלייד. —

אַזוי האָט געזונגען זאַראַטוסטראַ.

*
*

דאָס פאַרבייגעהן.

אַזוי אַרום איז זאַראַטוסטראַ געגאַנגען אין אַרומיגע וועגען, לאַנגזאַם דורכשרייטענדיג דורך אַ סך פאָלק און פיעלערליי שטעדט, צוריק צו זיינע בערג און זיין הייל. און זעה — אומגעריכטער־הייד איז ער דערביי געקומען צו דער שטאָדט־טויער פון דער גרוי־סער שטאָדט: דאָ איז אָבער אַרויסגעשפּרונגען אויף איהם אַ שוימענדער נאַר מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט און האָט זיך איהם געשטעלט אין וועג. דאָס איז אָבער געווען דערזעלביגער נאַר, וועמען דאָס פאָלק האָט גערופען „זאַראַטוסטראַ'ס אַף": ווייל ער האָט זיך אָבגעמערקט עפּעס פון זיין סגנון הלשון און האָט אויך מיט חשק געבאָרגט פון דעם אוצר פון זיין קלוגשאַפּענקייט. דער נאַר אָבער האָט אַזוי גערעדט צו זאַראַטוסטראַ:

„אָ, זאַראַטוסטראַ, דאָ איז די גרויסע שטאָדט. דאָ האָסטו גאָרנישט וואָס צו זוכען און אַלץ צו פאַרלירען.

צו וואָס ווילסטו בראָדזיען דורך אָט דער בלאָטע? האָב דאָך רחמנות אויף דיין פוס. טו בעסער אַ שפּיי אויף דער טויער פון שטאָדט און — קער זיך אום!

דאָ איז אַ גיהנום פאַר די געדאַנקען פון אַ מתבודד: דאָ

ווערען די גרויסע געדאַנקען לעבעדיגערהייד געזאָדען און קליין געהאַכט. דאָ צופוילען אַלע גרויסע געפיהלען: דאָ מענען נאָך קלאַפּער־טרוקענע געפיהלבעלעך קלאַפּערען!

הערסטו שוין ניט דעם ריח פון די שלאַכט־הייזער און די גאָר־קירכען פון דעם גייסט? דאַמפּט ניט אַט די שטאָדט מיט דעם דונסט פון דעם געשלאַכטעטען גייסט?

זעהסטו ניט ווי די נשמות העננען, ווי ווייכע שמוציגע לומפּען? — און זיי מאַכען נאָך צייטונגען פון יענע לומפּען.

הערסטו ניט, ווי דער גייסט איז דאָ געוואָרען אַ וואָרט־שפּיעל? חלשות׳דיגע וואָרט־שווענקעכץ מייקענט ער ארויס! און זיי מאַכען נאָך צייטונגען פון יענער וואָרט־שווענקעכץ.

זיי טרייבען אָנגערייצט איינער דעם אַנדערען און ווייסען ניט, וואוהין? זיי דערציהען איינער דעם אַנדערען און ווייסען ניט, צו וואָס? זיי קלימפּערען מיט זייער בלעך, זיי קלינגלען מיט זייער גאָלד.

זיי זיינען קאַלט און זיי זוכען זיך וואַרעמקייט ביי דעם געברענטען וואַסער; זיי זיינען דערהיצט און זוכען זיך קיהלקייט ביי געפראָרענע גייסטער; זיי זיינען אַלע קראַנק און צואוועהטיגט פון עפענטליכע מיינונגען.

אַלע לוסטען און לאַסטערס זיינען דאָ אין דער היים. אָבער עס איז דאָ פאַראַן אויך טוגענדהאַפטע, עס איז דאָ פאַראַן אַ סך אָנגעשטעלטע טוגענד, וואָס מאַכט דעם קלוגען אָנשטעל: —

פיעל פלינקע טוגענד מיט שרייבפינגער און האַרטען זיץ־פלייש און וואַרט־פלייש, געבענשט מיט קליינע שטערענדלעך אויף זייער ברוסט און מיט אויסגעשטאָפּטע טעכטער אָהן אַ הינטער־חלק.

עס איז דאָ אויך פאַראַן אַ סך פרומקייט און אַ סך גלויביגע שפּייעכץ־לעקעריי און חניפה־בעקעריי פאַר דעם גאָט, דעם האַר צבאות.

„פון אויבען" אַראָפּ טריפט דאָך דער שטערן און די גענאַדיגע שפּייעכץ; צו אויבען אַרויף בענקט איטליכער בוזים־שטערן.

די לבנה האָט איהר הויף און דער הויף האָט זיינע לבנה־קעלבער: צו אַלץ אָבער, וואָס עס קומט פון דעם הויף, בעט דאָס בעטלער־פאָלק און איטליכע פלינקע בעטלער־טוגענד.

„איך דיען, דו דיענסט, מיר דיענען“ — אַזוי איז מתפלל יעדע פלינקע טוגענד ארויף צו דעם פירסט: אַז דער פאַרדיענטער שטערן זאָל זיך לסוף אָנהעפטען אָן דעם שמאָלען בוזים!

אָבער די לבנה דרעהט זיך נאָך ארום אַלץ, וואָס איז ערדיש, אַזוי דרעהט זיך אויך דער פירסט נאָך ארום דאָס ערדישסטע פון אַלץ: — דאָס אָבער איז דאָס גאָלד פון די קרעמער.

דער גאָט צבאות איז אָבער ניט דער גאָט פון די מעות; דער פירסט טראַכט, אָבער דער קרעמער — לאַכט!

ביי אַלץ, וואָס איז אין דיר ליכטיג און שטאַרק און גוט, אָ זאראַטוסטרא! טו א שפיי אויף דער שטאָדט פון די קרעמער און קער זיך אום!

אַל׳ דאָס בלוט פליעסט דאָ פויל׳לעך און לעבלעך און שוימיג־לעך דורך אַלע אָדערען: טו א שפיי אויף דער גרויסער שטאָדט, וואָס איז אַ גרויסער אָפּרוים, וואו יעדער אָפּשוים שוימט צונויף!

טו א שפיי אויף דער שטאָדט פון די צונויפגעדריקטע נשמות און שמאָלע בריסט, פון די שפּיציגע אויגען און קלעפּיגע פינגער —

— אויף דער שטאָדט פון זיך־ארויפצווינגער, פון אומפאַר־שעמטע פון שרייב־ און שריי־גאָרגלען, פון איבערהיצטע כבוד־זיכטיגע —

—וואו אַלץ, וואָס איז אָנגעפוילט, שלעכט באַ׳שם׳ט, תאוה־לוסטיג, פאַר׳חושך׳ט, איבער־צייטיג, געשווירישׁ און פאַרשווערע־ריש איז צונויפגעשוואָלען אין איין געשווילעכץ:

טו א שפיי אויף דער גרוסער שטאָדט און קער זיך אום!“ —

דאָ אָבער איז זאראַטוסטרא דעם שוימענדען נאַר אריינגע־פאַלען אין די רייד און האָט איהם פאַרשטאָפּט דעם מויל.

„הער דאָך א מאָל אויף! האָט זאראַטוסטרא אויסגערופען, שוין עקעלט מיך שוין לאַנג פון דיינע רייד און דיין מאַניער!

פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געוואוינט אין זומפּ, ביז דו האָסט געמוזט אַליין ווערען אַ פראָש און אַ זשאַבע.

פליעסט ניט ביי דיר גופא אַ פויל׳לעך, שוימיגלעך דומפּ־בלוט דורך די אָדערען, וואָס דו האָסט זיך אויך אויסגעלערנט צו קוואַקען און צו לעסטערען?

פאַרוואָס ביסטו ניט אַוועק אין וואַלד? אָדער אַקערסט ניט די ערד? איז ניט דער ים פול פון גרינע אינזלען?

איך פאַראַכט דיין פאַראַכטונג און אַז דו האָסט מיך מתרה געווען, פאַר וואָס האָסטו ניט מתרה געווען זיך גופא?

נאָר פון דער ליעבע זאָל אַרויספליהען מיין פאַראַכטען און מיין וואָרענענדער פויגעל: אָבער ניט פון דעם זומפּ! —

מען רופט דיך מיין אַף, דו שוימענדער נאַר: אָבער איך רוף דיך מיין גרונץ־חזיר, — דורך גרונצען פאַרדאַרבסטו מיר נאָך מיין לויב אויף דער נאַרישקייט.

וואָס אַזוינס איז דאָס געווען, וואָס האָט דיך צוערשט געמאַכט גרונצען? דאָס וואָס קיינער האָט דיך ניט גענוג ג ע ׳ ח נ פּ ה ׳ ט: —

דעריבער האָסטו דיך אַוועקגעזעצט ביי יענעם טינוף, כדי דו זאָלסט האָבען אַ גרונט אַ סך צו גרונצען, —

כדי דו זאָלסט האָבען אַ גרונט פאַר פיעל נקמה! מחמת די נקמה, דו איטעלער נאַר, — אַט דאָס איז גאָר דיין שוימען, איך זעה דיך דורך און דורך.

אָבער דיינע ווערטער פון אַ נאַר טוען מ י ר אָן שאָדען, אפילו יעמאָלט, ווען דו האָסט רעכט! און ווען אפילו זאַראַטוסטראַ׳ס וואָרט זאָל הונדערט מאָל ה אָ ב ע ן ר ע כ ט: וואָלסטו מיט מיין וואָרט תמיד אומרעכט ג ע ט אָ ן!

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ; און ער האָט אַ בליק געטאָן אויף דער גרויסער שטאָדט, האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט געשוויגען אַ לאַנגע צייט. לסוף האָט ער אַזוי געזאָגט:

עס עקעלט מיך אויך פון אַט דער גרויסער שטאָדט, ניט נאָר פון אַט דעם נאַר. דאָ און דאָרטען קאָן גאָר נישט־ניט געבעסערט ווערען, גאָר נישט־ניט פארערגערט ווערען.

וועה צו דער גרויסער שטאָדט! — און איך וואָלט געוואָלט שוין זעהן די פייער־זיילען, אין וועלכע זי וועט פארברענט ווערען!

ווייל אַזעלכע פייער־זיילען מוזען פאָראויסגעהן דעם גרויסען האַלבען־טאָג. נאַר — אַט דאָס האָט זיין צייט און זיין אייגענעם שיקזאַל. —

אָבער אַט די לערנונג גיעב איך דיר, דו נאַר, פאַר'ן צושיידען זיך: וואו מען קאָן מעהר ניט ליעבען, זאָל מען פ א ר ב י י ־ ג ע ה ן! —

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא און איז פארבייגעגאַנגען דיא גרויסע שטאָדט און דעם נאַר.

* *

די אַבטריניגע.

1.

אַך, ווי אַלץ ליעגט שוין פּאַרוויאַליעט און גראָה, וואָס איז נאָך גאָר ניט לאַנג געשטאַנען גרין און פיעל־פּאַרביג אַט אויף דעם גראָז־פעלד. און ווי פיעל האָניג פון האָפנונג האָב איך פון דאַנען געקראָגען אין מיינע ביענען־קערב!

אַט די יונגע הערצער זיינען אַלע שוין אַלט געוואָרען — און אפילו ניט אַלט! נאָר מיעד, געמיין, באַקוועם: זיי רופען דאָס „מיר זיינען ווידער פרום געוואָרען."

נאָך ניט לאַנג צוריק האָב איך געזעהן, ווי זיי זיינען אין דער פריה אויף קוראַזשירטע פיס ארויסגעלאָפען: נָבער זייערע דער־קענטניס־פיס זיינען מאַט געוואָרען, און איצטער ריידען זיי נאָך לשון־הרע אויף זייער פריה־מאָרגענדיגען קוראַזש!

באמת, ניט איינער פון זיי האָט אַ מאָל זיינע פיס געהויבען ווי אַ טענצער, עס האָט איהם געווינקט דאָס לאַכען פון מיין קלוג־שאַפט: — האָט ער זיך איבערגעקלערט. אַט ערשט האָב איך איהם געזעהן אַ צונויפגעקרימטען, ווי ער קריכט צום צלם.

ארום ליכט־שיין און פרייהייט האָבען זיי אַמאָל ארומגעפלאַ־טערט ווי די מוקען אָדער ווי די יונגע דיכטער. אַ ביסעל עלטער, אַ ביסעל קעלטער: און אַט זיינען זיי שוין טונקעל־מאַכער און רכילות־טרייבער און הינטער'ן אויווען־זיצער.

האָט אפשר זייער הארץ דערפאַר דעם מוט פאַרלאָרען, וואָס מיך האָט די איינזאַמקייט איינגעשלונגען ווי אַ וואַל־פיש? האָט זייער אויער, משמעות, בענקשאַפטליך־לאַנג און אומזיסט זיך איינגעהערט אין מיר און אין דעם רוף פון מיין טרומייטער און מיין הערָאלד?

— אַך! עס זיינען תמיד דאָ נאָר ווענינע, וועמעס הארץ עס

ה... אַ לאַנגען און איבער־פריידיגען מוט; ביי אַזעלכע בלייבט אויף ד... גייסט געדולדיג. דער רעשט אָבער איז פּחדנ׳יש! —

דער רעשט: דאָס זיינען אַלע מאָל דער גרעסטער רבים, די וואָכעדיגע, די איבעריגע, די צופיעל־פיעלע — זיי אַלע זיינען כחדנ׳ים! —

ווער עס איז פון מיין נאַטור, יענעם וועלען אויך די דערלעבניסען פון מיין מין איבער דעם וועג לויפען: אַזוי אַז זיינע ערשטע חברים זאָלען מוזען זיין בר־מינן׳ס און קלאָונס.

זיינע צווייטע חברים אָבער — זיי וועלען זיך רופען זיינע גלויביגע: אַ לעבעדיגער געשווימעל, אַ סך ליעבע, אַ סך נאַרישקייט, אַ סך אָהן־באָרדיגע פאַרעהרונג.

אָן אָט די גלויביגע זאָל דער, וואָס איז פון מיין מין צווישען די מענשען, ניט בינדען זיין האַרץ; אין אָט די פריהלינג־צייטען און פיעל־פאַרביגע גראָז־פעלדער זאָל ניט גלויבען דער, ווער עס קען דעם אנטלוי...עריש־פּחדנ׳ישען מענשליכען מין.

וואָלט...ן זיי אַנדערש ג ע ק אָ נ ט, וואָלטען זיי אַנדערש ג ע וו ו אָ ל ט. האַלב־אויף־האַלבע פאַרדאַרבען אַלץ, וואָס איז גאַנץ. אַז בלעטער ווערען פאַרוויאַליעט, וואָס איז דאָ צו קלאָגען!

זאָלען זיי זיך געהן און פאַלען, אָ זאַראַטוסטראַ, און טו ניט קל...גען! ליעבערשט בלאָז אריין צווישען זיי מיט רוישענדע ווינטען, —

בל...ז אריין צווישען אָט די בלעטער, אָ זאַראַטוסטראַ: כדי אַלץ, וואָס איז פ אַ ר וו ו ע ל ק ט זאָל נאָך שנעלער פון דיר אנטלויפען.

*

* *

.2

מיר זיינען ווידער פרום געוואָרען — אַזוי זיינען זיך יענע אָפּטריניגע מודה. און ניט איינער פון זיי איז נאָך צו קליין־מוטיג, זיך מודה צו זיין אין דעם.

זיי אין די אויגען זאָג איך, — זיי זאָג איך אין פּנים אריין און אין דער רויט פון זייערע באַקען: איהר זייט אַזעלכע, וואָס טוען ווידער תּפילה טאָן!

תּפילה טאָן איז אָבער אַ שמאַך! ניט פאַר אַלעמען, אָבער פאַר דיר און מיר און יעדען, וואָס האָט אין קאָפּ זיין געוויסען. פאַר דיר איז אַ שמאַך, תּפילה צו טאָן!

דו ווייסט עס גוט: דיין האָזענער טייוועל אין דיר, וואָס איהם וואָלט זיך גרייליך וועלען די הענט צונויפלייגען, די הענט־אין־שוים אַריינשטעקען און עס זאָל באַקוועמער זיין: — אָט דער האָזענער טייוועל רעדט צו דיר „עס א י ז ד אָ א גאָט!“

דורכדעם אָבער געהערסטו צו דעם מין, וואָס שרעקט זיך פאַר ליכט־שיין, וועמען דער ליכט־שיין לאָזט ניט צורוה; איז — מוזטו טאָג־טעגליך דיין קאָפּ טיעפער אַריינשטעקען אין נאַכט און נעפּעל!

און באמת, דו האָסט גוט אויסגעקליבען די שעה. ווייל גראָב איצטער פליהען ארום די נאַכט־פויגלען. פאַר דעם גאַנצען פאָלק, וואָס צוטערט פאַר׳ן ליכט־שיין, איז געקומען די אָוונט־שעה, און די שעת־מנוחה, אין וועלכער עס — „רוהט“ ניט.

איך הער און שמעק דאָס: עס איז געקומען זייער שעה פאַר געיעג און פאַראַדען, און דערצו ניט פאַר אַ ווילד געיעג, נייערט פאַר אַ שטוביג, לאָהם, אויסנישטערענד שטיל־טרעטער און שטיל־בעטער־געיעג, —

פאַר אַ געיעג אויף נשמה־פולע צבוע׳קעס. אַלע מיזזכאַ־בערם פאַר הערצער זיינען איצטער ווידער אָנגעשטעלט. און וואו איך הויב נאָר אויף אַ פאָרהאַנג, שפּרינגט ארויס אַ קליינע נאַכט־מיאַטליע.

האָט זי משמעות געהויערט אין איינעם מיט אַן אנדער קליי־נער נאַכט־מיאַטליע? ווייל אומעטום דערשמעק איך קליינע פאַר־קראָכענע קהילות; און וואו נאָר עס זיינען דאָ קאַמערלעך, זיינען דאָ נייע מתפּללים און דער אויר פון מתפּללים.

לאַנגע אָוונטען זיצען זיי אין איינעם און זאָגען: „לאָמיר

זויעדער ווערען ווי די קינדערלעך און לאַמיר „גאַטעניו" זאַ־
גען!" — פאַרדאַרבען דעם מויל און דעם מאַגען פון די פרומע
צוקער־בעקער.

אָדער זיי קאָזען לאַנגע אָוועגטען אויף א שלאַנגען־קלוגער,
לויערענדער צלם־שפּין, וואָס פּרעדיגט קלוגקייט צו די שפּיגען גופא
און לערענט זיי די לערנונג: „גונטער צלמים איז גוט צו שפּינען!"

אָדער זיי זיצען דעם גאַנצען טאָג מיט פאַנג־ריטער ביי די זומ־
פען און דעריבער גלויבען זיי, זיי זיינען טיעף; אָבער ווער עס פישט
דאָרטען, וואו עס איז קיין פיש ניטאָ, יענעם רוף איך אפילו ניט אויי־
בער־פלאַכיג!

אָדער זיי לערנען זיך פרום־פרעהליך צו שפּיעלען הארף ביי א
ליעדער־דיכטער, וואָס וואָלט גריילעך געוואָלט, זיך איין דעם הארץ
פון די יונגע ווייבלעך אריינהארפענען: ווייל איהם איז געוואָרען גמאס
געוואָרען די אַלטע ווייבלעך און זייערע שבחים.

אָדער זיי לערנען זיך שוידערען ביי א געלערנטען האַלב־משוגע־
נעם, וואָס וואַרט אין טונקעלע חדרים, אז צו איהם זאָלען קומען די
גייסטער — און דער גייסט לויפט אין גאַנצען אוועק!

אָדער זיי הערען זיך־צו צו אַן אַלטען אַרומגעטריבענעם וועה־
און־ווינד־פייפלער, וואָס האָט פון די אומעטיגע ווינטען זיך געלערנט
דעם אומעט פון די טענער; איצטער פייפט ער נאָך'ן ווינט און פּרע־
דיגט אומעט אין אומעטיגע טענער.

און אייניגע פון זיי זיינען נאַכט־שומרים געוואָרען: זיי פאַר־
שטעהען איצטער, ווי צו בלאָזען אין דעם האָרן און ביי נאַכט אַרום־
צו־געהן און אויפוועקען אַלע זאַכען, וואָס זיינען שוין לאַנג איינגע־
שלאָפען.

פינף געשמועסען וועגען אַלטע זאַכען האָב איך נעכטען ביי
נאַכט געהערט אויף דער גאָרטען־וואַנט: זיי זיינען געקומען פון
אַזעלכע באַטריבטע, טרוקענע נאַכט־שומרים.

„פאַר א פאַטער — זאָרגט ער ניט גענוג וועגען זיינע קינדער:
מענשליכע פאַטערס מאַכען דאָס בעסער!" —

„ער איז צו אַלט! ער זאָרגט שוין מעהר גאָר ניט פאַר זיינע קינדער" — אַזוי האָט געענטפערט דער אַנדער נאַכט־שומר.

„ה אָ ט ער דען קינדער? קיינער קאָן דאָס ניט בעווייזען, אויב ער אַליין בעווייזט דאָס ניט! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט ער זאָל דאָס אַמאָל בעווייזען גרונטליך."

„בעווייזען? אַקוראַט ווי ד ע ר ־אַ האָט ווען עס איז עפּעס באַוויזען! בעווייזען איז איהם שווער; ער מאַכט אַ גרויס וועזען דערפון, וואָס מען ג ל ו י ב ט איהם."

„יע! יע! דער גלויבען מאַכט איהם גליק־פול, דער גלויבען אין איהם. דאָס איז שוין אַלע מאָל אַזוי מיט אַלטע לייט! עס איז מיט אונז אויך אַזוי!" —

אַזוי האָבען גערעדט צווישען זיך די צוויי אַלטע נאַכט־שומרים און ליכט־פאַרטרייבער, און האָבען באַטריבט געטוטעט נאָכדעם אין זייערע הערנער: אַזוי האָט דאָס פּאַסירט נעכטען ביי נאַכט אויף דער גאָרטען־וואַנט.

ביי מיר אָבער האָט זיך דאָס האַרץ געקייקעלט פון געלעכטער און האָט געוואָלט זיך אויסקרייסען און האָט ניט געוואוסט, וואו־הין? איז עס אַראָפּגעזונקען אין די בויך־פעל.

באמת, מיין טויט וועט נאָך אויף מיר קומען פון דעם, וואָס איך וועל דערשטיקט פון געלעכטער, ווען איך זעה שכור׳ע אייזלען און הער, ווי נאַכט־שומרים צווייפלען אַזוי־אַ אין גאָט.

איז שוין ניט ל אַ נ ג צוריק אַריבער די צייט פאַר אַזעלכע ספיקות? ווער מעג נאָך אויפוועקען אַזעלכע אַלטע איינגעשלאָפענע ליכט־ציטעריגע זאַכען!

מיט די אַלטע געטער איז מען דאָך שוין לאַנג געקומען צו אַ סוף: — און באמת זיי האָבען געהאַט אַ גוטען פרעהליכען געטער־סוף!

זיי האָבען זיך ניט געטונקעלט ביז צום טויט, — דאָס איז אַ ליגען די מעשה! אדרבא: זיי האָבען זיך אַליין אַמאָל ביז צום טויט — דערלאַכט!

דאָס האָט פּאסירט, ווען דאָס אומגעטליכסטע וואָרט איז פון א גאָט גופא ארויסגעזאָגט געוואָרען, — דאָס וואָרט: „עס איז דאָ נאָר א י י ן גאָט! דו זאָלסט קיין אנדער גאָט ניט האָבען לעבען מיר!“ —

אַן אַלטער זקן, א כעסן, אַן „אל קנא“ האָט זיך דאָס אַזוי פארגעסען:

און אַלע געטער האָבען יעמאָלט געלאכט, און זיך געטריי־סעלט אויף זייערע שטוהלען און האָבען ארויסגערופען: „איז ניט די געטליכקייט גראָד דאָס, וואָס עס זיינען דאָ געטער, אָבער גיטאָ קיין גאָט?“

ווער עס האָט אויערען, זאָל הערען. —

אַזוי האָט זאראטוסטרא גערעדט אין דער שטאָדט, וואָס ער האָט געליעבט און וועלכע האָט באקומען די צונעמענים: „די ראבע קוה“. מחמת פון דאנען האָט ער געהאט נאָך צוויי טעג גאנג, ביז צו זיין הייהל און זיינע בעלי־חיים; זיין נשמה אָבער האָט זיך בסדר געפרעהט צוליעב דער נאָהענטקייט פון זיין קומען אהיים.

* *
*

דאָס קומען היים.

א, איינזאמקייט! דו מיין ה י י ם ־ ג ע ב י ר ט איינ־זאמקייט! צו לאַנג האָב איך געלעבט ווילד אין ווילדער פרעמד, איך זאָל מיך ניט מיט טרערען צוריק־קערען צו דיר אהיים!

נו, בייזער זיך אויף מיר מיט'ן פינגער, ווי מוטערס בייזערען זיך, נו, שמייכעל צו מיר, ווי מוטערס שמייכלען, נו רייד נאָר צו מיר: „און ווער האָט דאָס אמאָל פון מיר ווי א שטורעמווינט אוועק־געשטורעמט? —

„ — ווער האָט ביים געזעגענען־זיך געזאָגט: צו לאַנג בין איך ביי דיר געזעסען, איינזאמקייט, איך האָב דאָ פארגעסען ווי צו שווייגען! דאָס, משמעות, האָסטו זיך אויסגעלערנט?

„אַ זאַראַטוסטראַ, איך ווייס אַלץ: אויך דאָס, וואָס דו ביסט צווישען די פיעלע, דו איינער, פאַרלאָזענער געווען, איידער ווען עס איז ביי מיר!

„פאַרלאָזענקייט איז איין זאַך און איינזאַמקייט אַן אַנדערע: דאָס — האָסטו זיך שוין דערוואוסט! און אַז דו וועסט צווישען מענשען תמיד זיין ווילד און פרעמד:

„ — ווילד און פרעמד אויך יעמאָלט, ווען זיי ליעבען דיך: ווייל קודם כל ווילען זיי, מען זאָל זיי שאָנעווען.

„דאָ אָבער ביסטו ביי זיך אין דער היים, אין דיין הויז; דאָ קאָנסטו אַלץ אַרויסריידען און אַלע טעמים אויסשיטען, קיין זאַך שעהמט זיך דאָ ניט פאַר פאַרשפּאַרטע איינגעשפּאַרטע געפיהלען.

„דאָ קומען אַלע זאַכען צו דיין גערייד און גלעטען דיך און חנ־דלען זיך: ווייל זיי ווילען רייטען אויף דיין רוקען. אויף יעדען משל רייטסטו דאָ צו יעדען אמת.

„אָפען און עהרליך קאָנסטו דאָ ריידען צו אַלע זאַכען: און באמת, ווי אַ לויב קלינגט עס אין זייערע אויערען, ווען איינער רעדט מיט אַלע זאַכען — וואָס אויף דער לונג!

„אַן אַנדער זאַך אָבער איז פאַרלאָזען זיין. ווייל, געדענקסטו נאָך, אָ זאַראַטוסטראַ? ווי יעמאָלט האָט דיין פויגעל איבער דיר געשריען, ווען דו ביסט אין וואַלד געשטאַנען, אומבאַשלאָסען, וואו הין? אומקענעוודיג, כמעט ווי אַ בר־מינן: —

„ — ווען דו האָסט אַרויסגעזאָגט: זאָלען מיך מיינע בעלי־חיים פיהרען! געפעהרליכער איז עס, האָב איך געפונען, צווישען מענשען איידער צווישען חיות: — אָט דאָס איז געווען פאַרלאָזענקייט!

„און געדענקסטו נאָך, אָ זאַראַטוסטראַ? אַז דו ביסט אויף דיין אינזעל געזעסען, צווישען ליידיגע עמערס אַ וויין־ברונען, געגעבען און אויסגעגעבען, צווישען דאָרשטיגע געשענקט און פאַרגאָסען:

„ — ביז דו ביסט לסוף אַליין אַ דאָרשטיגער צווישען ב...

טרונקענע געזעסען און אין די נעכט געקלאָגט: „איז נעמען ניט גליק-געבענשטער איידער געבען? און גנבה'נען נאָך גליק-פולער איידער נעמען? — אָט ד אָ ס איז געווען פארלאָזענקייט!

„און געדענקסטו נאָך, אַ זאַראַטוסטרא? אז דיין שטילע שעה איז געקומען און האָט דיך פון דיך גופא אַוועקגעטריבען, ווען זי האָט צו דיר מיט אַ בייזען מורמעל געזאָגט: „רייד און ווער צו־בראָכען!" —

„ — ווען זי האָט דיך געמאַכט פאַרדריסען אויף דיין גאַנ־צען ווארטען און שווייגען און האָט דיין עניוות'דיגען מוט ענט־מוטיגט: אָט ד אָ ס איז געווען פאַרלאָזענקייט!" —

אַ איינזאַמקייט! דו, מיין היים־געבירט־איינזאַמקייט! ווי גליק־געבענשט און צאַרטליך עס רעדט צו מיר דיין שטים!

מיר פרעגען ניט איינער ביי דעם אנדערען, מיר באַקלאָגען זיך ניט איינער פאַר'ן אנדערען, נאָר אָפען געהען מיר אין איינעם דורך אָפענע טירען.

ווייל עס איז אָפען ביי דיר און העל; און אויך די שעה'ן לויפען דאָ אויף גרינגערע פיס. מחמת אין טונקעל טראָגט מען שווערער אריבער די צייט, איידער אין ליכט־שיין.

דאָ פראַלען אויף פאר מיר אלע ווערטער פון דעם זיין און אלע אוצרות פון די ווערטער: יעדער זיין וויל דאָ ווערען וואָרט, יעדער ווערן וויל זיך דאָ לערנען ריידען פון מיר.

דאָרטען אונטען אָבער — דאָרט איז איטליך ריידען אומ־זיסט! דאָרטען איז די בעסטע קלוגשאַפט — פאַרגעסען און פאַר־בייגעהן: ד אָ ס האָב איך איצטער געלערנט!

ווער עס וואָלט געוואָלט אלץ ביי דעם מענשען בעגרייפען, דער וואָלט געמוזט אלץ אָנגרייפען. אָבער דערצו האָב איך צו ריינליכע הענט.

מיר ווילט זיך אפילו זייער אָטהעם ניט איינעטהעמען; וועה צו מיר, וואָס איך האָב אזוי לאַנג געלעבט צווישען זייער ליאַרעם און שלעכטען אָטהעם!

אַ, גליק־געבענשטע שטילקייט ארום מיר! אַ, איהר ריינע ריחות ארום מיר! אַ, ווי אַט די שטילקייט אַטהעמט איין פון טיעפער ברוסט די ריינע לופט! אַ, ווי זי הערט זיך איין, אַט די גליק־געבענשטע שטילקייט!

אַבער דאָרטען אונטען — דאָרט רעדט אַלץ, דאָרטען ווערט אַלץ פאַרהערט. מעג איינער זיין קלוגשאַפט מיט גלאָקען אויס־קלינגען: די קרעמער אויפ'ן מאַרק וועלען זי מיט גראָשענס אריבער־קלינגען!

אַלץ רעדט ביי זיי, קיינער ווייס שוין ניט ווי צו פאַרשטעהן. אַלץ פאַלט ווי אין וואַסער, קיין זאַך פאַלט ניט מעהר אין טיעפע ברונענס.

אַלץ רעדט ביי זיי, קיין זאַך גיט זיך זיי מעהר ניט איין און ווערט ניט פאַרענדיגט. אַלץ קוואַקעט, אַבער ווער וויל נאָך שטיל אין דעם נעסט זיצען און אייער בריהען?

אַלץ רעדט ביי זיי, אַלץ ווערט צורעדט. און וואָס נאָך נעכ־טען איז געווען צו האַרט פאַר דער צייט אַליין און איהרע צייהנער: היינט הענגט עס שוין צושאַבען און צוקייט פון די מיילער ביי די היינטיגע.

אַלץ ביי זיי רעדט, אַלץ ווערט אַרויסגעגעבען. און וואָס עס האָט זיך אַמאָל גערופען דער סוד און די פאַרבאָרגענקייט פון טיעפע נשמות, היינט געהערט דאָס צו די גאַס־טרומייטערער און אַנדערע זומער־פויגעלעך.

אַ, מהות־מענש, דו וואונדערליכער! דו ליאַרעם אין טונקעלע גאַסען! איצטער ליעגסטו ווידער אַהינטער מיר: — מיין גרעס־טע געפאַהר ליעגט אַהינטער מיר!

אין שאַנעווען און רחמנות־האָבען איז אַלע מאָל געלעגען מיין גרעסטע געפאַהר; און דער גאַנצער מהות פון דעם מענשען וויל, מען זאָל איהם שאַנעווען און דערליידען.

מיט פאַרהאַלטענע אמת'ען, מיט אַ נאַרישער האַנט און אַ פאַר־

גארטען הארצען און רייך אין קליינע ליגענס פון רחמנות: — אזוי האב איך תמיד געלעבט צווישען מענשען.

פארקליידט בין איך צווישען זיי געזעסען, אנגעגרייט ניט צו־דערקענען ז י ך אליין, כדי איך זאל זיי קאנען אויסשטעהן, און מיט חשק מיך איינגערעדט: „דו נאר, דו קענסט ניט די מענשען!"

מען פארגעסט וואס די מענשען זיינען, ווען מען לעבט צווישען מענשען: צו פיעל פאדער־גרונט איז אין אלע מענשען — וואס טויגען ד א ווייטזעהיגע, ווייט־בענקענדע אויגען!

און ווען זיי האבען מיך ניט דערקענט: האב איך, נאר איי־נער, זיי געשאנעוועט דערפאר מעהר איידער מיך: געוועהנט צו הארטקייט אנטקעגען זיך און אפט נאך נקמה גענומען פון מיר גופא פאר יענעם שאנעווען.

צושטאכען פון גיפטיגע פליגען און אויסגעלעכערט ווי א שטיין פון פיעלע טראפענס רשעות, אזוי בין איך געזעסען צווישען זיי און האב מיך נאך איינגערעדט: אומשולדיג איז אל' דאס קליינע אין זיין קליינקייט!"

בפרט די, וואס רופען זיך „די גוטע"; זיי, האב איך געפונען, זיינען די גיפטיגסטע פליגען: זיי שטעכען אין פולער אומשולד, זיי לאיגען אין פולער אומשולד; ווי וואלטען זיי נאר ג ע ק א נ ט בגוגע צו מיר — גערעכט זיין!

ווער עס לעבט צווישען די גוטע, יענעם לערנט לאיגען דער רחמנות. דער רחמנות בעשאפט א דומפע לופט פאר אלע פרייע נשמות. מחמת צו דער טפשות פון די גוטע איז קיין גרונט ניטא.

מיך גופא פארבארגען און מיין רייכטום — דאס האב איך נעלערנט דארטען אונטען: ווייל איך האב געפונען, אז יעדער איז נאך ארעם אין גייסט. דאס איז געווען דער שקר פון מיין רחמנות, וואס איך האב געוואוסט ווענען זיי,

— וואס איך האב דאס אין יעדע[illegible]ען און דערשמעקט, וויפיעל גייסט עס איז איהם ג ע נ ו ג [illegible], וויפיעל גייסט עס איז שוין איהם צופיעל!

זייערע פארגליווערטע חכמים: איך האָב זיי גערופען חכמים און גיט פארגליווערט, אזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט ווערטער צו פארשלינגען. זייערע קברנים: איך האָב זיי גערופען פאַרשער און זוכער, — אזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט ווערטער צו פאר־ביימען.

די טויטען־גרעבער, זיי גראָבען זיך קראַנקהייטען אָן. אונטער יעדען אַלטען אָבשיט רוהען שלעכטע ריחות. מען זאָל דעם זומף ניט אויפריהרען. מען זאָל לעבען אויף די בערג.

מיט גליק־געבענשטע נאָז־לעכער אָטהעם איך ווידער איין די פרייהייט פון די בערג! אויסגעלעזט איז ענדליך מיין נאָז פון דעם גערוך פון יעדען מענשליכען מהות!

געקיצעלט פון שאַרפע ווינטען, ווי פון שוימענדע ווייגען, ניעסט מיין נשמה, ניעסט און ווינשט זיך יום־טוב'דיג צו: צו גע־זונט!

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*

די דריי שלעכטע זאכען...

1.

אין חלום, אין דעם לעצטען פריהמארגען־חלום בין איך היינט געשטאנען אויף א בארג ביים ברעג ים, — פון יענער זייט וועלט, האב געהאלטען א וואג און האב געוואויגען די וועלט.

א, פאר וואס איז צו פריה געקומען די מארגען־רויט צו מיר: זי האט מיך אויפגעוועקט מיט איהר גליהען, די אייפערזיכטיגע! תמיד איז זי מיר מקנא די גלוטען פון מיינע פריהמארגען־חלומות.

אויסצומעסטען פאר דעם, וואס האט צייט, אפצוואוועגען פאר א גוטען וועגער, דערפליויגען צו ווערען פאר שטארקע פליגלען, געטראפען צו ווערען פון געטליכע נוס־קנאקער: אזוי האט מיין חלום געפונען די וועלט: —

מיין חלום, א דערוועגענער שיפער, האלב שיף, האלב שטורעם־ווינט, ווי א שמעטערלינג שווייגזאם, אומגעדולדיג ווי אן איידעל־פאלק: ווי האט ער גראד היינט געהאט די צייט און געדולד צו וועגען די וועלט!

האט איהם משמעות מיין קלוגשאפענקייט א סוד איינגערוימט, מיין לאכענדע, וואכע טאג־קלוגשאפענקייט, וואס שפאט פון אלע „אומענדליכע וועלטען"? ווייל זי זאגט: „וואו עס איז דא קראפט, דארטען מוז די צאהל זיין דער מייסטער: זי האט מעהר קראפט".

ווי זיכער אין זיך האט מיין חלום געקוקט אויף אט די ענדליכע וועלט; ניט נייגיעריג, ניט אלטגיעריג, ניט דערשראקען און ניט בעטענדיג:

— ווי א פולער עפעל וואלט זיך אנגעבאטען מיין האנט, א צייטיגער גאלד־עפעל, מיט א קיהל־ווייכער סאמעטענער הויט:

— אזוי האט זיך מיר אנגעבאטען די וועלט: —

— ווי א בוים וואָלט צו מיר געוואונקען, א ברייט־צווייגיגער, א שטאַרקוויליגער, אויסגעקרימט ווי אַן אַנלעהן און א פוס־בענקעל פאַר איינגעמאַטערטע וועג־געהער: אזוי איז געשטאַנען די וועלט אויף מיין פּאַרענט־באַרג: —

— ווי גראַציעזע הענט וואָלטען מיר א ציערונג־קאַסטען אַנט־קעגען געטראָגען, — א ציערונג־קאַסטען, אַן אָפּענעם פאַר דער התפעלות פון שעמעוודיגע פארעהרענדע אויגען: אזוי האָט זיך מיר היינט אָנגעבאָטען די וועלט: —

—ניט געגנוג רעטעניש, וואָס זאָל אָפּשרעקען פון זיך די מענש־ליכע ליעבע, ניט געגנוג באשייד, וואָס זאָל איינשלעפערען די מענש־ליכע קלוגשאַפענקייט. א מענשליכע גוטע זאַך איז מיר היינט געווען די וועלט, אויף וועלכער מען רעדט אזוי פיעל שלעכטס!

ווי דאַנק איך מיין פריהמאָרגען־חלום, וואָס איך האָב היינט אין דער פריה אזוי געוואויגען די וועלט! ווי א מענשליך גוטע זאַך, איז ער געקומען צו מיר, אָט דער חלום און הארץ־טרויסטער.

און כדי איך זאָל ביי טאָג טאָן אזוי ווי ער און זיך אָפּלערנען פון איהם און איהם נאָכמאַכען זיין בעסט: וויל איך איצטער ארויפ־לייגען אויף דער וואָג די דריי שלעכטסטע זאַכען און זיי מענשליך גוט אָפּוועגען. —

ווער עס האָט געלערנט בענשען, יענער האָט אויך געלערנט שילטען: וואָס זיינען אין דער וועלט די דריי פארשאָלטענסטע זאַ־כען? איך וויל זיי ארויפטאָן אויף דער וואָג.

תאוה־לוסט, הערשער־זוכט און זעלבסט־זוכט: אָט די דריי זיינען ביז איצט ערגער פאַר אַלץ פארשאָלטען געוואָרען, בארעדט און בע׳כזבן׳ט געוואָרען, — די דריי וויל איך מענשליך גוט אָפּוועגען.

איז — געגומען זיך! דאָ איז מיין ברעג־ים־באַרג און דאָר־טען דער ים: ער קייקעלט זיך־צו צו מיר, פארקאָלטענט, חניפות׳־דיג, די געטרייע אַלטע הונדערט־קעפּיגע מיאה־משונה פון א הונט, וועלכע איך ליעב.

איז — גענומען זיך! דאָ וויל איך האַלטען די וואָג איבער דעם זיך כוואַליענדען ים: און אויך אַן עדות קלייב איך אויס, ער זאָל צוקוקען, — דיך, דו מתבודד־בוים, דיך, דעם שטאַרק־דופטיגען, דעם ברייט־געוועלבטען, וועמען איך האָב ליעב! —

אויף וועלכען בריק געהט דער איצטער צו דעם שפּעטער? מיט וועלכען צוואַנג צווינגט זיך דאָס הויכע צו דעם נידעריגען? און וואָס טוט הייסען אויך דעם העכסטען — ער זאָל נאָך ארויפּ־וואַקסען? —

איצט שטעהט די וואָג גלייך און שטיל: דריי שווערע שאלות וואַרף איך אריין, דריי שווערע תשובות טראָגט די אַנדער שאָל פון דער וואָג.

*   *
*

2.

תאוה־לוסט: אַ שטעכער און אַ דאָרן אין לייב פאַר אַלע לייב־פאַראַכטער אין האָרענע העמדער, און ווי „די וועלט" פאַרשאָלטען פון אַלע הינטער־וועלטלער: ווייל זי חוזק'ט און נאַרט־אָפּ אַלע פאַלשע און צומישטע לעהרער.

תאוה־לוסט: דעם ערב־רב אַ לאַנגזאַמער פייער, אויף וועלכען ער ווערט פאַרברענט; פאַר יעדען ווערעמדיגען האָלץ, יעדער שטינקענדער שמאַטע — דער אָנגעברייטער ברען־און זיד־אויווען.

תאוה־לוסט: פאַר די פרייע הערצער אומשולדיג און פריי, דאָס גאָרטען־גליק פון דער ערדע, דער דאַנק־אריבערגאָס פון דער צוקונפט צו דעם איצטער.

תאוה־לוסט: אַ זיסליכער סם נאָר פאַר דעם, וואָס וויאַלעט, אָבער פאַר דעם, וואָס מיט אַ ווילען פון אַ לייב, — אַ גרויסע הארץ־שטאַרקונג און דער ווין פון וויינען, וואָס ווערט געשאָנעוועט מיט יראת־הכבוד.

תאוה־לוסט: דאָס גרויסע גליק. ווי אַ סימבאָל פאַר אַ העכע־

דען גליק און די העכסטע האָפענונג. מחמת אַ סך מענשען איז באַשערט אַ זיווג־לעבען און נאָך מעהר, איידער אַ זיווג־לעבען, —

— אַ סך מענשען, וואָס זיינען פרעמדער איינער דעם אַנדערן, איידער מאַן־און־ווייב: — און ווער האָט דאָס אין גאַנצען משיג געווען, ווי פרעמד עס זיינען זיך מאַן און ווייב!

תאווה־לוסט: נאָר איך וויל האָבען אַ צוים ארום מיינע געדאַנקען און אפילו אויך ארום מיינע ווערטער, כדי חזירים און פלאַטערהאַפטע ליעבהאָבער זאָלען זיך ניט אריינרייסען אין מיינע גערטענער!

הערשער־זוכט: די גליה־בייטש פון די האַרטעסטע האַרץ־האַרטע; די אכזריות׳דיגע פייניגונג, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דעם אכזר גופא; די פאַר׳חושך׳טע פלאַם פון לעבעדיגע שייטער־הויפענס.

הערשער־זוכט: די בייזהאַפטע שטעך־פליעג, וואָס איז ארויפגעזעצט אויף די אייטעלע פעלקער; די חוזק־מאַכערין פון יעדער אומגעוויסער טוגענד; וואָס ריים אויף יעדען פערד און יעדען שטאָלץ.

הערשער־זוכט: די ערד־ציטערניס, וואָס צוברעכט און ברעכט־אויף אַלץ וואָס איז פויל און געלעכערט; די זיך־קייקלענדע, בייזע־יענדע שטראָפענדע צוברעכערין פון בעפּאַרבטע קברים; דער בליצענדער פראַגע־צייכען לעבען די איידער־צייטיגע ענטפערס.

הערשער־זוכט: וואָס פאַר איהר בליק קריכט דער מענש און בויגט דעם קאָפּ, שקלאַפט און ווערט נידעריגער איידער שלאַנג און חזיר: — ביז די גרויסע פאַראַכטונג שרייט פון איהם ארויס לסוף, —

הערשער־זוכט: די מאוים׳דיגע לעהרערין פון דער גרויסער פאַראַכטונג, וואָס פּרעדיגט שטעדט און ממשלות אין פנים אריין: „אוועק פון דאַנען!“ — ביז עס שרייט פון זיי גופא ארויס! „לאָמיר אוועק פון דאַנען!“

הערשער־זוכט: די וואָס שטייגט אָבער אויך ארויף פאַרפיהרעריש צו די ריינע און איינזאַמע און ארויף צו די הויכען, וואָס זיינען צופרידען מיט זיך אליין, אָנגעגליהט ווי א ליעבע, וואָס מאָלט פאַרפיהרעריש פּורפּעלנע גליקליכקייטען אויף דעם ערדען־הימעל.

הערשער־זוכט: נאָר ווער וועט דאָס אָנרופען ז ו כ ט, ווען ס'הויכע געלוסט אראָפּצונידערען נאָך מאַכט! באמת, גאָר נישט קראַנק'ס אָדער וועהיג'ס איז אין אזא געלוסטען און אראָפּנידערען!

אז די איינזאַמע הויך זאָל ניט אייביג בלייבען פאַראיינזאַמט און צופרידען מיט זיך אליין; אז דער באַרג זאָל אראָפּקוקען צום טאָל און די ווינטען פון דער הויך צו די נידערונגען:

אָ, ווער קאָן געפינען דעם ריכטיגען ריינעם און עהרליכען נאָמען פאַר אזא בענקשאַפט! „די שענקענדע טוגענד" — אזוי האָט זאַראַטוסטרא אַמאָל א נאָמען געגעבען דאָס, פאַר וואָס מען קאָן ניט געפינען קיין נאָמען.

און יעמאָלט איז עס אויך געשעהען — און באמת, עס איז געשעהען צום ערשטען מאָל — אז זיין וואָרט האָט געשעצט און געבענשט די ז ע ל ב ס ט ז ו כ ט, די פולע געזונטע זעלבסט־זוכט, וואָס קוואַלט ארויס פון א מעכטיגער נשמה:

— פון א מעכטיגער נשמה, צו וועלכער עס געהערט דער הויכער לייב, דער שעהנער, טריאומפירענדער, דערקוויקענדער, ארום וועלכען יעדע זאַך ווערט א שפּיגעל:

— דער בויגיגער, איבעררייידענדער, דער טענצער, וועמעס סימבאָל און תמצית איז די נשמה, וואָס האָט הנאה פון זיך גופא. אזא הנאה פון אזעלכע לייבער און נשמות רופט זיך אליין: „טוגענד".

מיט איהרע ווערטער פון גוט און שלעכט באשירעמט זיך אזא זעלבסט־הנאה ווי מיט הייליגע בוימער; מיט די נעמען פון איהר גליק פאַרטרייבט זי פון זיך אלץ, וואָס איז פאַראַכטליך.

זי טרייבט פון זיך אוועק אַל' דאָס פחדנ'ישע; זי זאָגט:

שלעכט — ד אָ ס ה י י ס ט פחדנ'יש. נבזה'דיג קוקט איהר אוים דער וואָס זאָרגט שטענדיג, זיפצט, באַקלאָגט זיך און ווער עס קלייבט אויף די קלענסטע פּאַרטיילען.

זי פאַראַכט אויך יעדע אין־וועה־גליקליכע קלוגשאַפענקייט: ווייל באמת עס איז דאָ אויך אַ קלוגשאַפענקייט וואָס בליהט אין דער טונקעל, אַ נאַכט־שאָטען־קלוגשאַפענקייט: אָט די וואָס זיפצט כסדר „אַלץ איז נישטיג".

דאָס ציטעריגע ניט־צוטרויען איז פאַר איהר שפּל, און איטליכער, וואָס וויל אַ שבועה אָנשטאָט אַ בליק און אַ האַנט: אויך יעדע ניט־צוטרויענדע קלוגשאַפט, ווייל דאָס איז דער שטייגער פון פחדנ'ישע נשמות.

נאָך שפּל'ער איז פאַר איהר דער גיך־צוגעלאָזטער, דער הינטישער, וואָס שוין ליעגט ער אויפ'ן רוקען, דער הכנעה'דיגער; און עס איז אויך פאַראַן אַ קלוגשאַפט, וואָס איז הכנעה'דיג און הינטיש און פרום און גיך־צוגעלאָזט.

גאָר פאַרהאַסט און אַ חלשות איז איהר אַלץ, וואָס וויל זיך קיין מאָל ניט איינשטעלען פאַר זיך, וואָס שלינגט אַרונטער די גיפטיגע שפּייעכץ אין דעם בייזען בליק, דער שוין־צו־פיעל געדולדיגער, דער אַלץ־אויסשטעהענדער, דער מיט אַלץ צופרידענער: מחמת דאָס איז דער שטייגער פון קנעכט.

צי איינער איז קנעכטיש פאַר געטער און געטליכע פוס־טריט אָדער פאַר מענשען און נאַרישע מענשליכע מיינונגען: אַ ל ע קנעכטישע שטייגערס בעשפּייט זי, אָט די גליק־געבענשטע זעלבסטזוכט!

שלעכט: אַזוי רופט זי אָן אַלץ, וואָס איז געבראָכען און צובראָקעלט־קנעכטיש, אַלע אומפרייע־דערשראָקענע אויגען, געדריקטע הערצער און יענער פאַלשער מין נאָכגעבען, וואָס קושט מיט ברייטע פחדנ'ישע ליפּען.

און כלומרשט־קלוגשאַפט: אַזוי רופט זי אָן אַלץ, וואָס קנעכט

און זקנים קליגלען אוים; און בפרט די גאנצע שלעכטע איבער־געקליגעלטע און איבער־געקליגעלטע פריעסטער־טפשות!

די כלומרשט־חכמים אָבער, אַלע אָט די פריעסטער, וועלט־מיעדע, און וועמעס נשמה איז פון אַ ווייבערשען און קנעכטישען מין, אַ ווי האָט איהר שפיעל פון תמיד־אָן שאדען געבראַכט דער זעלבסטזוכט!

און דאָס גראָד האָט געזאָלט זיין טוגענד און זיך רופען טוגענד, מען זאָל שאדען טאָן דער זעלבסטזוכט. און „בטול היש" — דאָס האָבען זיי זיך גופא געוואונשען מיט אַגוטען גרונט אָט די אַלע וועלט־מיעדע פחדנים און צלם־שפינען!

אָבער אויף זיי, אויף אַלעמען קומט איצטער דער טאָג, דער איבערבייט, דער שווערד פון משפט, **דער גרויסער האַל־בער טאָג**: אַ סך זאַכען זאָלען דאַ אַנטפּלעקט ווערען!

און ווער עס דערקלערט דעם „איך" פאַר געזונט און הייליג און די זעלבסטזוכט פאַר גליק־געבענשט, באמת, יענער רעדט ארוים ווי אַ נביא, וואָס ער וויים: „זעה, ער קומט, ער איז נאָהענט **דער גרויסער האַלבער־טאָג**!"

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*

דער גייסט פון שווערקייט

1.

מיין חתוך הדבור איז דעם פאָלק'ס: פאר די זיידענע האָזען דריד איך צו גראָב און הארציג, און נאָך פרעמדער קלינגט מיין וואָרט פאר אלע נישט-פיש און פעדער-פיקס.

מיין האנט איז א נארען-האנט: וועה צו אלע טישן און ווענט און אלץ, וואָס האָט נאָך פלאץ פאר'ן נארען-ציער-ציכן, נארען-שמיערעכץ.

מיין פוס — איז ווי א פוס פון א פערד. מיט דעם שפרינג איך און טראָג מיך איבער העלצער און שטיינער, איבער'ן פעלד אהין-און-צוריק, אין דער בריים און אין דער לענג, און בין לוסטיג ווי א טייוועל ביי יעדען שנעלען לויפען.

מיין מאָגען — משמעות אן אָדלער'ס מאָגען? ווייל מעהר פאר אלץ האָט ער האָלה שעפסען-פלייש. בלי ספק איז ער אָבער א פויגעלשער מאָגען.

גענעהרט פון אומשולדיגע זאכען און פון וועניגס, אָנגעגרייט און אומגעדולדיג צו פליהען, אוועקצופליהען, — אָט דאָס איז מיין נאטור: ווי זאָל אין דעם ניט זיין עפּעס פון דער פויגעל-נאטור!

און דער עיקר איז, וואָס איך האָב פיינט דעם גייסט פון שווערקייט, דאָס איז פויגעל-נאטור: און אין דער אמת'ן טויט-פיינט, ערץ-פיינט, אור-פיינט, אָ, וואוהין איז שוין ניט געפלויגען און האָט זיך ניט פארפלויגען מיין פיינדשאפט!

וועגען דעם וואָלט איך שוין געקאָנט א ליעד זינגען — און וועל דאָס זינגען, הגם איך בין איינער אליין אין א ליידיגען הויז און מוז דאָס זינגען פאר מיינע אייגענע אויערען.

עס זענען דאָ, אמת, אנדערע זינגער. ביי יענע מאכט ערשט

א פולע הויז ווייך זייער האלז, בערעדעוודיג זייער האנט, אויס־דרוקספול זייער אויג, אויפגעוואכט זייער הארץ: איך בין ניט, ווי יענע. —

2.

ווער עס האט די מענשען אמאל פליעהען געלערנט, דער האט איבערגערוקט אלע גרענעץ־שטיינער; אלע גרענעץ־שטיינער גופא וועלען איהם אין דער לופטען פליהען, דער ערד וועט ער א נייעם נאמען געבען — די „גרינגע“.

דער שטרויס־פויגעל לויפט שנעלער, איידער דאס שנעלסטע פערד, אבער אויך ער פארשטעקט נאך שווער דעם קאפ אין שווע־רער ערד: אזוי טוט אויך דער מענש, וואס קאן נאך ניט פליהען.

שווער זיינען פאר איהם ערד און לעבען; און אזוי ווי ל דעם דער גייסט פון שווערקייט! ווער עס וויל אבער ווערען גרינג און א פויגעל, יענער מוז זיך אליין ליעבען: — אזוי־א לערען א י ך.

געוויס ניט מיט דער ליעבע פון די בענקליכע און ליידענדע: ווייל ביי זיי שטינקט אויך די ליעבע צו זיך!

מען מוז זיך אויסלערנען ליעבען זיך אליין — אזוי לערען איך — מיט א גאנצער און געזונטער ליעבע: מען זאל קאנען אויס־האלטען צו זיין ביי זיך גופא און ניט ארומשמייען.

אזא ארומשמייען גיט זיך א נאמען „ברודער־ליעבע“: מיט אט דעם ווארט האט מען ביז אהער בעסער פאר אלע געלאיגט און זיך געמאסקירט, און בפרט מצד יענע, וואס זיינען געפאלען ווי א שווערע לאסט אויף אלעמען.

און באמת, דאס איז ניט קיין געבאט פאר היינט און פאר מארגען, זיך א ו י ס ל ע ר נ ע ן צו ליעבען זיך אליין. גיכער איז דאס די פיינסטע, שלאנגען־קליגסטע, לעצטע און געדולדזאמס־טע פון אלע קונסטען.

מחמת פאר דעם באזיצער איז זיין גאנצער באזיץ גוט פאר־שטעקט און פון אלע אוצרות ווערט דער אייגענער שפעטער פאר־

אַלץ אויסגעגראָבען, — אזוי בעשאַפט דאָס גייסט פון שווער־
קייט.

כמעט שוין אין דער וויעג גיט מען אונז אין נדן שווערע ווער־
מער און ווערטען: „גוט" און „שלעכט" — אזוי רופט זיך יענער
נדן. צוליעב זייערט־ווילען פאַרגיט מען אונז, וואָס מיר לעבען.

און צוליעב דעם לאָזט מען צו זיך די קינדערלעך קומען, כדי
מען זאָל זיי בעצייטענס פאַרוועהרען ליעבען זיך אליין: אזוי בע־
שאַפט דאָס דער גייסט פון שווערקייט.

און מיר — מיר שלעפּען געטריי, וואָס מען גיט אונז, אויף
האַרטע אַקסלען און איבער שטיינערנע בערג! און ווען מיר שוי־
צען זאָגט מען אונז: „יע, עס איז שווער צו טראָגען דאָס לעבען!"

אָבער דעם מענשען איז שווער צו טראָגען נאָר זיך אליין.
די מעשה דערפון איז — ער שלעפּט צו פיעל פרעמדע זאַכען אויף
זיינע אַקסלען. ווי אַ קעמעל, לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף די קניע,
און לאָזט זיך גוט אָנלאָדען.

דערהויפּט דער שטאַרקער, דער לאַסט־טראָגערישער מענש,
וואָס האָט יראת הכבוד אין זיך: צו פיעל פ ר ע מ ד ע שווערע
ווערטער און ווערטען לאָדט ער אויף זיך אָן, איז — דוכט איהם
דאָס לעבען ווי אַ מדבר!

און אין דער אמת'ן! נים ווייניג אייגענע זאַכען זיינען אויך
שווער צו טראָגען. און אַ סך זאַכען אינווייניג אין דעם מענשען זיינען
ווי אַן אויסטער, כלאמר, עקעלדיג און גליטשיג און שווער צו באַ־
נעמען, —

— אזוי אַז איידעלע שאָלכלעך מיט איידעלער באַציערונג
מוזען דאָ זיין דער מליץ־יושר. אָבער אויך אָט די קונסט מוז מען
לערנען: ה אָ ב ע ן שאָלעכץ און אַ שעהנעם אָנבליק און קלוגע
בלינדקייט!

און ווידער ווערט מען גענאַרט אין גיט ווייניג זאַכען ביים
מענשען, ווייל גיט איין שאָלעכץ איז שפּל און טרויעריג און שוין
צו פיעל שאָלעכץ. פיעל פאַרבאָרגענע גוטסקייט און קראַפט ווערט

קיינמאל נים דערשפירט. די טייערסטע נאשערייען געפינען נים, ווער עס זאל זיי אין מויל נעמען!

די פרויען ווייסען דאס, די ליעבליכסטע: א ביסעל פעטער, א ביסעל מאגערער, א וויפיעל שיקזאל ליעגט אין אזא ביסעל!

עס איז שווער צו ענטדעקען דעם מענשען, און שווערער פאר אלץ — זיך אליין; אפט לאיגט דער גייסט וועגען דער נשמה. אזוי בעשאפט דאס דער גייסט פון שווערקייט.

יענער אבער האט זיך אליין ענטדעקט, וואס זאגט: דאס איז מ י י ן גוט און שלעכט: דערמיט האט ער דעם מויל־ווארף און דעם קארליק געמאכט שטומען, וואס זאגט „גוט פאר אלעמען, שלעכט פאר אלעמען“.

באמת, איך האב אויך יענע ניט האלט, וועמען יעטוועדע זאך איז גוט און אט די וועלט ווערט אנגערופען די בעסטע. אזוינע רוף איך אן די מיט־אלץ־צופרידענע.

די מיט־אלץ־צופרידענקייט, וואס קאן אלץ אין מויל נעמען: דאס איז ניט דער בעסטער געשמאק! איך האלט עהרליך די ווידער־שפענסטיגע, אויסקלויבערישע צינגער און מאגענס, וואס האבען זיך אויסגעלערנט צו זאגען: „איך“ און „יע“ און „ניין“.

אבער אלץ קייען און איבערקאכען: דאס איז פונקט מעשה חזיר!

בסדר זאגען י־א, דאס האט זיך נאר דער אייזעל אויס־געלערנט און די וואס האבען זיין שכל! —

טיעפע געל און הייסע רויט: אזוי וויל דאס מ י י ן גע־שמאק, — ער מישט אריין בלוט אין אלע פארבען. ווער עס פארבט אבער אפ זיין הויז אין ווייסען, דער פארמסר'ט מיר א ווייס געפארבטע נשמה.

די איינע זיינען פארליעבט אין מומיעס, די אנדערע אין גע־שפענסטער און ביידע זיינען זיי גליך פיינדליך צו אל' דאס פלייש און בלוט. א, ווי ביידע זיינען צואווידער מיין געשמאק! ווייל איך ליעב בלוט.

און דערטעו וויל איך ניט וואוינען און זיך אויפהאלטען, וואו יעדערער מייקענט און שפייט: דאס איז שוין מ י י ן געשמאק, — ליעבערשט וואלט איך נאך געלעבט צווישען גנבים און פאלש־שווערער. קיינער טראגט ניט קיין גאלד אין מויל.

נאך מעהר צואווידער זיינען מיר אבער אלע טעלער־לעקער, און די צואווידעריגסטע בריאה פון א מענשען, וואס איך האב געפונען, האב איך א נאמען געגעבען פאראזיט: ליעבע האט זי ניט געוואלט, און פארט לעבען פון ליעבע.

גליק־פארשאלטען רוף איך אן יעדען, וואס האט נאר איין ברירה: צו ווערען אדער א בייזע חיה, אדער א חיה־באצווינגער. צווישען אזעלכע וועל איך מיר ניט בויען קייןביידלעך.

גליק־פארשאלטען רוף איך אן אויך די, וואס מוזען תמיד ס א ר ו ו ע ר ע ן, — זיי זיינען צואווידער מיין געשמאק: אלע אט די מוכסים און קרעמער און מלכים און אנדערע לענדער־און קראמען־היטער.

באמת, איך האב מיך אויסגעלערנט אויך, ווי צו סארווערען און פון גרונט־אויס, — אבער נאר צו סארווערען ביי ז י ך. וועל כולם האב איך מיך אויסגעלערנט שטעהן און געהן און לויפען און שפרינגען און קלעטערען און טאנצען.

דאס איז אבער מיין לערנונג: ווער עס וויל א מאל זיך אויסלערנען פליהען, דער מוז זיך פריהער אויסלערנען שטעהן און געהן און לויפען און קלעטערען און טאנצען: מען פליהט ניט ארויף מיט א מאל צו דעם פליהען.

איך האב מיך אויסגעלערנט מיט שטריק־לייטערס ארויפצוקלעטערען אויף ניט איין פענסטער, מיט פלינקע פיס האב איך מיך אויף הויכע מאסט־בוימער ארויפגעדראפעט: זיצען אויף די הויכע מאסט־בוימער פון דער דערקענטניס איז פאר מיר געווען ניט קיין קליינע גליק־בענשונג, —

— גלימצערען ווי קליינע פלאמען אויף הויכע מאסט־בוימער: א קליין ליכט, בלי־ספק, אבער פארט א גרויסע טרויסט פאר די

שיפער און די שיף־געבראָכענע, וואָס זיינען פארשלאָגען געוואָרען פון זייער וועג!

אויף פיעלערליי וועגען און אופנים בין איך צו מיין אמת געקומען, ניט אויף איין לייטער בין איך ארויף צו דער הויך, וואו מיין אויג וואָגעלט אום אין מיין ווייט.

און גאָר אָהן חשק האָב איך אַלע מאָל געפרעגט דעם וועג, — דאָס איז מיר תמיד געווען ווידער מיין געשמאַק! איך האָב ליעבערשט געפרעגט ביי די וועגען גופא און האָב זיי געפרואווט.

א פרואווען און פרעגען איז געווען מיין גאנצער געהן: — און באמת, מען מוז זיך אויסלערנען, ווי צו ענטפערען אויף אזא פרעגען! דאָס אָבער — איז מיין געשמאַק:

— ניט קיין גוטער, ניט קיין שלעכטער, אָבער מ י י ן געשמאַק, מיט וועלכען איך שעם זיך ניט און וועלכען איך בעהאַלט ניט.

„אָט דאָס־אָ איז מ י י ן וועג, — וואו איז אייערער?" אזוי האָב איך געענטפערט יענע, וואָס האָבען ביי מיר „דעם וועג" געפרעגט. מחמת „ד ע ם ו ו ע ג", — דאָס איז ניטאָ אין אַ מציאות.

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *

*

אַלטע-ן נייע לוחות.

1.

אַט דאָ זיץ איך און וואַרט, אַרום מיר — אַלטע צובראָכענע לוחות און אויך נייע לוחות, האַלב באַשריבענע. ווען קומט מיין שעה?

—די שעה פון מיין אַראָפּגאַנג, פון מיין אונטערגעהן: ווייל איך וויל נאָך אַ מאָל געהן צו די מענשען.

איצט וואַרט איך דערויף: ווייל פריהער מוזען צו מיר קומען די סימנים, אַז דאָס איז מ י י ן שעה, — איך מיין דעם לאַכענדען לייב מיט דער מחנה טויבען.

בינו לבינו רייד איך צו זיך גופא, ווי איינער, וואָס האָט צייט. קיינער דערצעהלט מיר ניט קיין נייעס. איז — דערצעהל איך מיר מיך גופא.

*   *
*

2.

אַז איך בין געקומען צו די מענשען, האָב איך זיי געפונען זיצענדיג אויף אַן אַלטען איינגלויב אין זיך אַליין. זיי אַלע האָבען זיך איינגעגלויבט, זיי ווייסען שוין פון לאַנג אָן, וואָס עס איז פאַר דעם מענשען גוט און שלעכט.

אַן אַלטער, איינגעמאַטערטער ענין, האָט זיך איהם געדוכט, איז יעדער ריידען וועגען רעכטשאַפענקייט; און דער וואָס האָט געוואָלט גוט שלאָפען, יענער האָט גערעדט וועגען „גוט" און „שלעכט" פאַר'ן שלאָפען-געהן.

אַט די שלעפעריי האָב איך צושטערט, בשעת איך האָב געלערנט: וואָס גוט און שלעכט איז, דאָס ווייס נאָך קיינער ניט: — סיידען דער בעשאַפער!

— און דאָס איז יענער, וואָס בעשאַפט דעם מענשענס ציעל און ניט דער ערד איהר זין און איהר צוקונפט: אַט דער ערשט ב ע־ ש אַ פ ט, אַז עפּעס זאָל זיין גוט אָדער שלעכט.

און איך האָב זיי געהייסען, זיי זאָלען איבערקערען אַלע זייערע קאַטעדרעס און אַלץ, וואו נאָר דער אַלטער איינגלויב איז געזעסען; איך האָב זיי געהייסען לאַכען פון זייערע גרויסע מאָראַל־לעהרער און הייליגע און פּאָעטען און וועלט־אויסלייזער.

פון זייערע פינסטערע חכמים האָב איך זיי געהייסען לאַכען און פון יעדוועדען איינעם, וואָס איז ווען עס איז ווי אַ פויגעל־שרעק געזעסען אויף דעם בוים פון דעם לעבען און האָט געוואָרענט.

אויף זייער גרויסער קברים־גאַס האָב איך מיך אַנידערגעזעצט, גראָד לעבען דעם פּגר און די קאַרשונעס — און איך האָב געלאַכט פון זייער גאַנצען אַמאָל און זיין צוואוייכטע פאַרפאַלענע פּרעכ־טיגקייט.

באמת, פונקט ווי אַ פרומער מגיד און אַ שוטה האָב איך וועה־געשריען אין צער און צאָרן אויף נאָר זייער גרויס און קליין; אַז זייער בעסט איז נאָר אַזוי קליין! אַז זייער ערגסט איז נאָר אַזוי קליין! — אַזוי־אַ האָב איך געלאַכט פון זיי.

מיין קלוגשאַפענע בענקשאַפט, פון די בערג אַ געבירטיגע, האָט אַזוי־אַ געשריען און געלאַכט פון מיר אַרויס, — אַ ווילדע קלוגשאַפענקייט — באמת! — מיין גרויסע, מיט־די־פליגלען־ברויזענדע בענקשאַפט.

און אָפט פלעגט זיך מיך אין מיטען לאַכען אַ ריס טאָן אַרויס און אַרויף און אַוועק: פלעג איך פליהען אין שוידער, ווי אַ פייל, דורך זון־באַ׳שיכור׳טען תענוג:

— אַרויס אין די וויטע צוקונפטען, וואָס קיין חלום האָט נאָך ניט געזעהען, אין אַ הייסערען דרום, איידער די קינסטלער האָבען זיך געטרוימט: אַהין, וואו די געטער אין זייער טאַנץ שעמען זיך פאַר זייער זיין־אָנגעטאָן: —

— איך מיין, וואָס איך רייד נאָך אין משלים און הינט און שטאָמעל, ווי א דיכטער: און באמת איך שעם זיך, וואָס איך מוז נאָך זיין א דיכטער! —

וואו יעדער ווערן האָט מיר אויסגעדוכט א געטער־טאַנץ און א געטער־שטיפעריי, און די וועלט — פרייגעלאָזען און צולאָזען און געפלויגען צוריק צו זיך אליין:

— ווי אַן אייביגער פון־זיך־פליהען און זיך־ווידער־זוכען פון א סך געטער, ווי דאָס גליק־געבענשטע זיך־ווידעראנאנדזיין, זיך ווידער־הערען און זיך ווידער־געהערען פון א סך געטער: —

וואו יעדע צייט האָט מיר אויסגעדוכט ווי א גליק־געבענשטער חוזק אויף די הרף־עין׳ס, וואו די נויטווענדיגקייט איז געווען די פרייהייט גופא, וואָס האָט זיך גליק־געבענשט געשפיעלט מיט דער פרייהייט׳ס שטעכיגען אָנטרייב:

וואו איך האָב אויך מיין אַלטען טייוועל און דעם אויבער־פיינט ווידער־געפונען, דעם גייסט פון שווערקייט, און אלץ, וואָס ער האָט בעשאַפען: צוואַנג, דינים, נויט און פועל־יוצא און צוועק און ווילען און גוט און שלעכט: —

ווייל מוז דען ניט זיין דאָ אזוינס, וואָס זאָל אריבער גע־טאַנצט, אוועק־געטאַנצט ווערען? מוזען ניט צוליעב די גרינגע, די גרינגסטע זיין דאָ די מויל־וואורפען און די שווערע קאַרלי־קעס? —

*　*

*

3.

דאָרטען איז דאָס אויך געווען, וואו איך האָב דאָס וואָרט „אויבער־מענש“ פון דעם וועג אויפגעהויבען, און אז דער מענש איז עפּעס אזוינס, וואָס מוז אריבערגעשטיגען ווערען,

— אז דער מענש איז א בריק און ניט קיין צוועק: אין גליק־געבענשטען ליב־געזאַנג אויף זיין מיטען העלען טאָג און זיין אוונט, ווי א וועג צו נייע פריה־מאָרגען־רויטען:

— דאָס זאַראַטוסטראַ־וואָרט פון דער גרויסער מיטטאָג־צייט און אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס איך האָב אויפגעהאַנגען איבער דעם מענשען, ווי אַ פּורפּעלנע צווייטע אָוונט־רויט.

בנאמנות, איך נייע שטערען מיט נייע נעכט האָב איך זיי געלאָזט זעהן; און דאָס לאַכען האָב איך אויסגעשפּרייט ווי אַ פיעל־פאַרביג געצעלט איבער וואָלקען און טאָג און נאַכט.

איך האָב זיי אויסגעלערנט מ י י ן גאַנצען דיכטען און טראַכטען: אין איינס צו דיכטען און צונויפצוטראָגען אַלץ וואָס עס איז אין דעם מענשען אַ שערבעל און אַ רעטעניש און אַ גרויליגע סבה. —

ווי אַ דיכטער, אַ רעטעניש־טרעפער און אויסלייזער פון דעם צופאַל, האָב איך זיי געלערנט, זיי זאָלען בעשאַפען דעם צופאַל, און אַלץ וואָס עס איז דאָ, — בעשאַפענד אויסצולייזען.

דעם עבר דעם מענשענס אויסצולייזען און יעדען „עס איז געוועזן“ איבערצושאַפען, ביז דער ווילען וועט זאָגען: „אָבער אַזוי האָב איך דאָס געוואָלט! אַזוי וועל איך דאָס ווילען — “

— אָט דאָס האָב איך זיי אָנגערופען אויסלייזונג, דאָס אַליין, האָב איך זיי געלערנט, זאָלען זיי רופען אויסלייזונג. — —

איצטער וואַרט איך אויף מ י י ן אויסלייזונג, — איך זאָל געהן צו זיי צום לעצטען מאָל.

ווייל איך וויל נאָך אַ מאָל צו די מענשען: צווישען זיי וויל איך פאַרגעהן, שטאַרבענדיג וועל איך זיי געבען מיין רייכסטע מתנה.

פון דער זון האָב איך דאָס אָפּגעלערנט, ווען זי פאַרגעהט, די איבער־רייכע: גאָלד שיט זי יעמאָלט אין ים פון אַ ניט אויס־צו־שעפּענדען רייכטום, —

— אַזוי, אַז אפילו דער אָרעמסטער פישער־מאַן רודערט מיט אַ גילדערנעם רודער! מחמת דאָס האָב איך אַמאָל געזעהען און האָב מיך ניט געקאָנט זאַט אָנוויינען ביים צוקוקען. — —

זאראטוסטרא וויל אויך פארגעהן, ווי די זון: איז — זיצט ער דא אוןווארט, אלטע צובראכענע לוחות ארום איהם און אויך נייע טאוולען, — האלב באשריבענע.

* *
*

4.

זעה, אט איז א נייע טאוועל: אבער וואו זיינען מיינע ברידער, וואס זאלען זי מיט מיר טראגען צום טאל און אין די פלייש׳ערנע הערצער אריין? —

אזוי פאדערט ס׳אט מיין גרויסע ליעבע צו די ווייטסטע: שאנעווע ניט דיין נאהענטסטען, דער מענש איז עפעס אזוינס, וואס מוז אריבערגעשטיגען ווערען.

עס זיינען דא פיעלערליי וועגען און אופנים, ווי איהם גנבר צו זיין: דאס דארפסט דו שוין זעהען! אבער נאר א קלאון טראכט: „דער מענש קאן אויך אריבערגעשפרונגען ווערען“.

זיי גובר דיך אליין אפילו אין דיין נאהענטסטען: און א רעכט, וואס דו קאנסט רויבען פאר זיך, זאלסטו זיך ניט לאזען געבען.

וואס דו טהוסט, דאס קאן דיר קיינער ניט ווידער טהון. זעה, עס איז ניטא קיין שכר ועונש.

ווער עס קאן זיך ניט באפעהלען, דער זאל טאן פאלגען. און איינער קאן זיך באפעהלען, אבער דא פעהלט נאך א סך, אז ער זאל זיך אליין טאן פאלגען.

* *
*

5.

אזוי וויל דאס די טבע פון איידעלע נשמות: זיי ווילען קיין זאך ניט האבען אומזיסט, ווענינער פאר אלץ דאס לעבען.

דער וואָס איז פון דעם המון, יענער וויל לעבען אומזיסט; אָבער מיר אנדערע, וועמען דאָס לעבען האָט זיך געגעבען, — מיר קלעהרען תמיד וועגען דעם, וואָס מיר זאָלען דאָס בעסטע צוריקגעבען ד ע ר פ א ר.

און באמת, עס זיינען נאָבעלע רייד, וועלכע זאָגען: „וואָס דאָס לעבען האָט א ו נ ז צוגעזאָגט, דאָס ווילען מ י ר דעם לע־בען מקיים זיין."

מען זאָל ניט ווילען הנאה האָבען, וואו מען גיט ניט קיין הנאה. און — מען זאָל הנאה האָבען ניט ו ו ע ל ע ן!

מחמת הנאה און אומשולד זיינען די שעמעוודיגסטע זאַכען: ביידע ווילען ניט, מען זאָל זיי זוכען. מען זאָל זיי ה אָ ב ע ן, — אָבער ז ו כ ע ן זאָל מען שוין גלייכער שולדיגקייט און צער! —

*　*

*

6.

אָ, מיינע ברידער, ווער עס איז א בכור, יענער ווערט תמיד געבראַכט פאַר א קרבן. מיר אָבער זיינען דאָך בכורים.

מיר אַלע בלוטיגען אויף פאַרבאָרגענע מזבחות; מיר אַלע ברענען און בראָטען זיך צוליעב דעם כבוד פון אַלטע עבודה־זרה'ס.

אונזער בעסט איז נאָך יונג: דאָס רייצט די אַלטע גומענס. אונזער פלייש איז צאַרט, אונזער פעל איז נאָר א לאַם־פעל: — ווי זאָלען מיר ניט אויפרייצען די אַלע כהנים פון די אָפּגעטער!

אין אונז גופא וואוינט ער נאָך, דער אַלטער כהן פון דעם אָפּגאָט, וואָס בראָט אונזער בעסט פאַר זיין סעודה. אַך, מיינע ברידער, ווי קאָנען בכורים ניט זיין קיין קרבנות.

אָבער אזוי וויל דאָס אונזער טבע; און איך ליעב יענע, וואָס ווילען ניט אָפּהיטען זיך. די וואָס געהען־אונטער ליעב איך מיט מיין גאַנצער ליעבע: ווייל זיי געהען אריבער.

*　*

*

7.

זיין אמת'דיג — דאָס קאָנען וועניג מענשען! און ווער עס קאָן דאָס, יענער וויל דאָס נאָך ניט! ווייניגער פאַר אַלעמען קאָנען דאָס אָבער די גוטע.

אָ, אָט די גוטע! גרטע מענשען זאָגען קיינ־מאָל ניט דעם אמת; אויף אַזאַ'ן אופן איז גוט־זיין אַ קראַנקהייט פאַר דעם גייסט.

זיי גיבען־נאָך, יענע גוטע, זיי גיבען זיך איבער, זייער האַרץ זאָגט נאָך, דער גרונט זייערער טוט פאָלגען: ווער עס פאָלגט אָבער, יענער הערט זיך אַליין ניט!

אַלץ, וואָס די גוטע רופען שלעכט, מוז צוזאַמענקומען אין איי־נעם, כדי אַן אמת זאָל געבאָרען ווערען: אָ, מיינע ברידער, זייט איהר גענוג שלעכט פאַר אָט דעם אמת?

אַ דערוועגענער זיך־דערוועגען, אַ לאַנגער חשד, אַן אכזריות'־שער ניין, אַ דערעסענקייט, אַ שניידען אין לעבעדיגען פלייש — ווי זעלטען קומט דאָס זיך צונויף! אָבער פון אַזאַ זריעה ווערט — אמת געפרוכפּערט!

נעבען דעם שלעכטען געוויסען איז ביז אַהער געוואַק־סען יעדער וויסען! צוברעכט, צוברעכט מיר, איהר דער־קענענדע, די אַלטע לוחות!

* *
*

8.

ווען איבער דעם וואַסער ליגען באַלקענס, ווען שטעג און פּאַרענץ שפּאַנען אַריבער דעם שטראָם: בנאמנות, דאָ וועט קיי־נער ניט גלויבען, ווען מען זאָגט איהם: „אַלץ איז אין שטראָם".

נייערט אפילו די שוטים זיינען איהם סותר. „וואָס? זאָגען די שוטים, אַלץ איז אין שטראָם? באַלקענס און פּאַרענץ זיינען דאָך איבער דעם שטראָם!"

„א י ב ע ר דעם שטראָם איז אַל׳דאָס דינג פעסט, אַלע ווער־
טען פון די זאַכען, די בריקען, די באַגריפען, ד׳ס גאַנצע „גוט"
און „שלעכט": דאָס אַלץ איז פ ע ס ט!" —

און קומט גאָר דער האַרטער ווינטער, דער שטראָם־באַצווינ־
גער: יעמאָלט הויבען־אָן אויך די שאַרפסטע קעפ חושד צו זיין;
און בנאמנות, ניט נאָר די שוטים זאָגען יעמאָלט: „ש ט ע ה ט
ד ע ן נ י ט ש ט י ל אַל׳־דאָס־דינג?"

„אין גרונט שטעהט אַל׳־דאָס־דינג שטיל," — דאָס איז אַ
רעכטע ווינטער־תורה, אַ גוטע זאַך פאַר אַן אומפּרוכפּערער צייט,
אַ גוטע טרייסט פאַר ווינטער־שלאָפער און הינטערן־אויווען־זיצער.

„אין גרונט שטעהט אַל׳־דאָס־דינג שטיל" —: אָבער דעם
היפך דערצו פּריידיגט דער טוי־ווינט.

דער טוי־ווינט, אַ יונגער אָקס, וואָס געהט ניט אין אַקער־
שפּאַן, אַ צאָרענדיגער אָקס, אַ צושטערער, וואָס ברעכט דעם
אייז מיט זיינע צאָרענדיגע הערנער! דער אייז אָבער — צ ו־
ב ר ע כ ט ד י ש ט ע ג ע ן!

אָ מיינע ברידער, איז א י צ ט ע ר ניט אַלץ אין שטראָם?
זיינען ניט אַלע פּאַרענצעס און שטעגען אין וואַסער אריין? ווער
וועט זיך נאָך אָנהאַלטען אָן „גוט" און „שלעכט"?

„וועה צו אונז! וואויל צו אונז! דער טוי־ווינט וועהט!" —
אַזוי־אָ, מיינע ברידער, זאָלט איהר מיר פּריידיגען אין אַלע גאַסען!

* *

*

9.

עס איז דאָ אַן אַלטער שגעון, זיין נאָמען איז גוט און שלעכט.
אַרום וואָהר־זאָגער און שטערן־זעהער האָט זיך ביז אַהער געדרעהט
די ראָד פון יענעם שגעון.

אַמאָל האָט מען ג ע ג ל ו י ב ט אין וואָהר־זאָגער און שטערן־
זעהער: און ד ע ר י ב ע ר האָט מען געגלויבט „אַלץ איז שיקזאַל:
דו זאָלסט, ווייל דו מוזט!"

דערנאָך ווידער האָט מען אויפגעהערט גלויבן אין אַלץ וואָהר־זאָגער און שטערן־זעהער: און ד ע ר י ב ע ר האָט מען געגלויבט „אַלץ איז פרייהייט: דו קאָנסט, ווייל דו ווילסט!“

אָ, מיינע ברידער, וועגען שטערן און צוקונפט האָט מען ביז אהער נאָר גע׳דמיון׳ט, אָבער ניט געוואוסט: און ד ע ר י ב ע ר איז וועגען גוט און שלעכט ביז אהער גע׳דמיון׳ט געוואָרען און ניט געוואוסט!

* *
*

10.

„דו זאָלסט ניט גזלנ׳ען! דו זאָלסט ניט רצחנ׳ען!“ — אזעלכע ווערטער האָט מען אמאָל א נאָמען געגעבען הייליג; פאַר זיי האָט מען געבויגען קני׳ע און קעפּ און אויסגעטאָן די שיך.

אָבער איך פרעג ביי אייך: וואו זיינען ווען געווען ערגערע גזלנים און רוצחים אין דער וועלט, איידער אזעלכע הייליגע ווערטער?

איז ניט אין יעדען לעבען גופא — גזילה און רציחה? און דורכדעם וואָס אזעלכע ווערטער האָט מען אָנגערופען הייליג איז ניט דער א מ ת גופא דערשלאָגען געוואָרען אויף טויט?

אָדער איז דאָס געווען א פּריידיגען דעם טויט, ווען מען האָט אָנגערופען הייליג אזוינס, וואָס איז סותר דעם לעבען און ראָט פון איהם אָפּ? — אָ, מיינע ברידער, צוברעכט, צוברעכט מיר די אַלטע לוחות!

* *
*

11.

אָט דאָס איז מיין רחמנות מיט יעדען עבר, וואָס איך זעה: ער איז א פּאַרקויפטער, —

— א פּאַרקויפטער צו דער גענאָד, דעם גייסט, דער משוגעת

פון יעדען דור, וואס קומט און אלץ, וואס איז געווען, פייטש אויס ווי א בריק צו זיך!

א גרויסער געוואלט־האר האט געקאנט קומען, א שארפזיני־גער אכזר, וואס וואלט מיט זיין גענאד און אומגענאד יעדען עבר געקאנט צווינגען און האט געצוואונגען אזוי לאנג, ביז ער איז איהם געווארען א בריק און א פאר־צייכען און אן אויסרופער און א האהן־געקרעה.

און אין דעם איז די אנדער געפאהר און מיין אנדער רחמנות: ווער עס איז פון דעם המון, יענעמס געדענקען געהט צוריק נאר ביז צום זיידען, — מיט דעם זיידען אבער הערט שוין אויף די צייט.

אזוי־א איז יעדער עבר א פארקויפטער: ווייל עס קאן א מאל קומען, אז דער המון וועט ווערען דער האר און וועט אין פלאכע וואסערען דערטרינקען יעדע צייט.

דעריבער, א מיינע ברידער, דארף מען האבען א נ י י ע ם א ד ע ל, וואס איז א שונא יעדען המון און יעדע געוואלט־הערישקייט און וואס שרייבט אויף נייע טאוולען אויף'ם ניי דאס ווארט „איידעל".

מחמת מען דארף האבען א סך איידעלע און פיעלערליי איי־דעלע, כ ד י ע ס ז א ל ק א נ ע ן ז י י ן א ן א ד ע ל! אדער, ווי איך האב דאס אמאל געזאגט אין א משל: „גראד אין דעם באשטעהט די געטליכקייט, וואס עס זיינען דא געטער, אבער עס איז ניטא קיין גאט!"

* *
*

12.

ס מיינע ברידער, איך הייליג אייך און ווייז אייך אן צו א נייעם אדעל: איהר זאלט מיר ווערען ארויסבברענגער און אויפציהער און זריעה־ווארפער פון דער צוקונפט. —

— באמת, ניט צו אן אדעל, וועלכען איהר וואלט געקאנט

קויפען, ווי די קרעמער, און מיט קרעמער — געלד; ווייל ווענינ
ווערט האט אלץ, וואס האט זיין מקח.

פון איצט אן זאל אייער כבוד באשטעהן ניט אין דעם, פון
וואנען אנהר קומט, נאר אין דעם, וואוהין איהר געהט! אייער
ווילען און אייער פוס, וואס וויל איבער אייך גופא ארויסגעהן, —
אין דערין זאל באשטעהן אייער נייער כבוד.

באמת ניט אין דעם, וואס איהר האט געדיענט א פירסט —
ווער טראכט נאך וועגען פירסטען! — אדער אין דעם, וואס איהר
זייט געוועזען א שוץ־וואנט פאר עפעס, וואס שטעהט, כדי עס זאל
נאך פעסטער שטעהן!

ניט אין דעם, וואס אייער משפחה איז געווארען הויפיש אין
די הויפען און איהר האט זיך אויסגעלערנט — פיעלפארביג ווי א
פלאמינגא צו שטעהן לאנגע שעה'ן אין פלאכע וואסערען:

ווייל — ק א נ ע ן שטעהן איז ביי די הויף־לייט א פאר־
דיענסט; און אלע הויף־לייט גלויבען, אז צו דער גליק־געבענשט־
קייט נאך דעם טויט געהערט — דאס מ עג ע ן זיצען! —

אויך ניט אין דעם, וואס א גייסט, וועלכען זיי רופען א
הייליגען, האט אייערע אבות געפיהרט אין צוגעזאגטע און געלויב־
טע לענדער, וועלכע איך לויב ניט: ווייל דארטען, וואו עס איז
אויסגעוואקסען דער ערגסטער פון אלע בוימער, דער צלם, — אין
יענעם לאנד איז גארנישט פאראן וואס צו לויבען! —

און באמת, וואוהין אט דער הייליגער גייסט זאל ניט האבען
געפיהרט זיינע ריטערס־לייט, תמיד זיינען ביי אזעלכע צוגען
פ א ר א ו י ס ג ע ל א פ ע ן — ציעגען און גענז און צלם־קעפ
און פארדרעהטע מוחות!

מיינע ברידער, ניט אויף צוריק זאל קוקען אייער אדעל, נאר
אויף פאראוים! פארטריבענע זאלט איהר זיין פון אלע פאטער־
לענדער און אור־פאטער־לענדער!

אייער ק י נ ד ע ר ־ ל א נ ד זאלט איהר ליעבען: אט די
ליעבע זאל אייער נייער יחוס זיין, — דאס ניט־אנטדעקטע, אין

יעם ווייטסטען ים! אט דאס צו זובען און זובען היים איך אייערע שיף-לייוועגטען.

אויף אייערע קינדער זאָלט איהר פארריכטען דעם פעהלער, וואס איהר זייט קינדער פון אייערע פאָטערס: דעם גאנצען עבר זאָלט איהר אזוי אויסלייזען! אט די נייע טאָוועל שטעל איך אוועק איבער אייך!

* *

*

13.

„צוליעב וואס לעבען? אלץ איז נישטיג! לעבען — דאס איז דרעשען שטרוי; לעבען — דאס איז זיך פארברענען און פארט נים ווערען ווארעם.“ —

אזא אלט-געבאקענער געפלאפעל געהט נאָך אלץ ארום ווי „קלוגשאפט“; וואס ער איז אבער אלט און האט א דומפען ריח, דערפאר ווערט ער נאָך העכער געעהרט. אויך פארשימעלטקייט אדעלט. —

קינדער האבען געמעגט אזוי ריידען: זיי האבען מורא פאר פייער, ווייל עס האט זיי געברענט! עס איז א סך קינדעריי אין די אלטע ביכער פון קלוגשאפט.

און ווער עס טוט כסדר „דרעשען שטרוי“, ווי אזוי טאר אזא לעסטערען דאס דרעשען! אזא נאר האט מען געדארפט פאר־בינדען דאס מויל!

אזוינע זעצען זיך צום טיש און ברענגען גארנישט נים מיט זיך, אפילו נים דעם גוטען הונגער: און נו — לעסטערען זיי „אלץ איז נישטיג!“

אבער גוט עסען און טרינקען, א מיינע ברידער, איז בנאמנות גים קיין נישטיגע קונסט! צוברעכט, צוברעכט מיר די לוחות פון די קיינמאָל-ניט-פריידיגע!

* *

*

14

„פאר דעם ריינעם איז אלץ ריין“ — אזוי זאגט דאס פאלק.
איך אבער זאג אייך: „פאר די שווייניען איז אלץ שוויין!“

דעריבער פריידיגען די פאר'חלום'טע און די קאפ־הייגנער, ביי וועמען אויך דאס הארץ הענגט אראפ: „די וועלט גופא איז א קויטיגע בריאה משונה“.

ווייל אט די אלע זיינען פון אן אומציכטיגען גייסט; בפרט אבער יענע, וועלכע קאנען נים איינרוהען, ביז זיי זעהען נים די וועלט פון הינטען — די הינטערוועלטלער!

זיי אין פנים אריין זאג איך, הגם עס קלינגט נים ליעבליך: די וועלט איז אין דעם געגליכען צו א מענשען, וואס זי האט א הינטער־חלק, — אויף א זוי־פיעל איז דאס אמת!

עס איז דא אין דער וועלט א סך טנופת: א זוי א זוי־פיעל איז דאס אמת! אבער דעריבער איז די וועלט גופא נאך ווייט נים קיין קויטיגע בריאה משונה!

עס ליעגט פיעל קלוגשאפט דערין, וואס א סך זאכען אין דער וועלט האבען א שלעכטען ריח: די חלשות גופא בעשאפט פליגלען און קוואלען־שפירענדע קרעפטען!

אין דעם בעסטען איז נאך עפעס דא חלשות'דיגס; און דער בעסטער איז נאך עפעס אזוינס, וואס דארף אריבערגעשטיגען ווערען! —

א, מיינע ברידער, עס ליעגט פיעל קלוגשאפט דערין, וואס ס'איז דא א סך קויט אין דער וועלט! —

* *
*

15

איך האב געהערט, ווי די פרומע הינטערוועלטלער האבען גע־רעדט צו זייער געוויסען אזעלכע דבורים און, בנאמנות, אהן

שלעכטינקייט און פאַלשקייט, — הנם עס קאַן [illegible] ניט זיין אין דער וועלט אַ פאַלשערע זאַך, אָדער אַן ערגערע:

„לאָז דאָך די וועלט זיין ווי זי איז! הויב ניט אויף אַנטסעגען איהר אפילו אַ פינגער!"

„זאָל, ווער עס וויל, ווערגען די מענשען־קינדער און שטעכען און שינדען און שאָבען: אפילו אַ פינגער הויב ניט אויף אַנטקעגען דעם. דערפון וועלען זיי זיך אויסלערנען ווי זיך אָפּצוזאָגען פון דער וועלט".

„און דיין אייגענעם שכל — איהם זאָלסטו אליין כאַפּען פאַר'ן גאָרגעל און ווערגען; ווייל ער איז אַ שכל פון ד ע ר וועלט, — דערפון וועסטו זיך אליין אויסלערנען, ווי זיך אָפּצוזאָגען פון דער וועלט". —

— צובראָכט, צוברעכט מיר די דבורים פון די וועלט־פאַרשווארצער.

* *
*

16.

„ווער עס לערנט אַ סך, יענער פאַרגעסט אלע העפטיגע באַגעהרען" — דאָס סור'עט היינט איינער דעם אַנדערן אין אלע טונקעלע גאַסען.

„קלוגשאַפט מאַטערט אויס; קיין זאַך לוינט זיך ניט; דו זאָלסט ניט באַגעהרען!" — אַט די נייע טאָוועל האָב איך געפונען הענגענדיג אפילו אויף אָפענע מאַרק־פּלעצער.

צוברעכט מיר, אַ מיינע ברידער, צוברעכט מיר אויך אַט די נ י י ע טאָוועל! די וועלט־מידע האָבען זי אויפגעהאַנגען, און די פריידיגער פון טויט און אויך די תפיסה־שומרים: ווייל זעהט, דאָס איז אויך אַ פריידיגער פון קנעכטשאַפט:

ווייל זיי האָבען שלעכט געלערנט און ניט דאָס בעסטע, און אלץ צו פריה און אלץ צו געשווינד: ווייל זיי האָבען שלעכט געגעסען דעריבער האָבען זיי באַקומען יענעם פאַרדאָרבענעם מאָגען, —

מחמת אַ פאַרדאַרבענער מאַגען איז זייער גייסט: אַ ט ע ה עצה'ט דאָס דעם טויט! ווייל בנאמנות, מיינע ברידער, דער גייסט א י ז אַ מאַגען!

דאָס לעבען איז אַ ברונען פון לוסט: אָבער פון וועמען עס רעדט אַ פאַרדאַרבענער מאַגען, דער פאָטער פון מרה־שחורה, ביי יענעם זיינען אַלע קוואַלען פאַרגיפטעט.

דערקענען: דאָס איז אַ ל ו ס ט פאַר דעם מאַן מיט דעם ווילען פון אַ לייב! אָבער ווער עס איז איינגעמאַטערט געוואָרען, יענער ווערט אַליין נאָר „געוואָלט“, מיט יענעם שפּיעלען אַלע וואַלען.

און אַזוי איז תמיד די טבע פון שוואַכע מענשען: זיי פאַר־לירען זיך אויף זייערע וועגען. און לסוף פרעגט נאָך זייער מאַט־קייט: „צוליעב וואָס זיינען מיר לכתחילה ארוים אין די וועגען! אַלע איז אַלץ־איינס!“

אָט זיי קלינגט דאָס ליעבליך אין די אויערען, ווען עס ווערט געפּריידיגט: „קיין זאַך לוינט זיך ניט! איהר זאָלט ניט ווילען!“ דאָס אָבער איז די פּריידיגונג פון קנעכטשאַפט.

אָ, מיינע ברידער, ווי אַ פרישער ברויז־ווינט קומט זאַראַ־טוסטראַ פאַר אַלע וועג־אויסגעמאַטערטע; אַ סך נעז וועט ער נאָך מאַכען צו גיעסען!

אויך דורך מויער־ווענט בלאָזט מיין פרייער אָטעם, און אין תפיסות אריין און אין געפאַנגענע גייסטער!

ווילען—באַפרייט: ווייל ווילען איז שאַפען: אַזוי לערן איך. און נ אָ ר צוליעב שאַפען זאָלט איהר לערנען!

און אויך דעם ענין פון לערנען זאָלט איהר ערשט פון מיר ל ע ר נ ע ן, דעם ענין פון גוט־לערנען! — ווער עס האָט אויערען זאָל הערען!

* *
*

17.

דאָ שטעהט דאָס רודער־שיפעל, — דאָרטען, אויף יענער זייט, פיהרט דאָס אפשר אין דאָס גרויסע גאָרנישט. — אָבער ווער וויל אריינשטייגען אין אָט דעם „אפשר“?

קיינער פון אייך וויל ניט אריינשטייגען אין דער שיף פון טויט! היינט ווי ווילט איהר דען זיין וועלט־מיעד?

וועלט־מיעד! און אפילו ניט קיין ערד־אנטלאָפענע זייט איהר געוואָרען! תאוה־לוסטיג נאָך דער ערד האָב איך אייך תמיד געפונען, פארליעבט אין דער אייגענער ערד־מיעדקייט!

ניט אומזיסט הענגט אראָפּ ביי אייך די ליפּ: א קליינער ערדען־וואונש זיצט נאָך אויף דערויף! און אינ׳ם אויג — שווימט דאָרטען ניט א וואָלקענדעל פון אומפארגעסענע ערדען־לוסט?

עס זיינען דאָ אויף דער וועלט א סך גוטע ערפינדונגען, איינע ניצליך, די אנדערע אנגענעם: צוליעב זיי דאַרף מען ליעבען די ערד.

און עס זיינען דאָ ניט וועניג אזוי גוט ערפונענע זאכען, וואָס זיינען ווי דער בוזים פון א ווייבס־פּארשוין: ניצליך און אנגענעם אין דער זעלביגער צייט.

אָבער איהר וועלט־מיעדע! איהר ערד־פוילע! אייך זאָל מען מיט ריטער שמייסען! מיט ריטער־שמיץ זאָל מען ווידער מונטער מאכען אייערע פיס.

ווייל: אויב איהר זייט ניט קיין קראנקע און אָפּגעלעבטע בעל־עבירה׳ס וואָס די ערד איז פון אייך מיעד געוואָרען, יעמאָלט זייט איהר פוקסען־קלוגע פויל־חיות און נאשערישע פארקראָכענע לוסט־קעץ. און אויב ווילט ניט ווידער לוסטיג לויפען, איז זאָלט איהר זיך — אריבערפּעקלען!

מען זאָל ניט וועלען זיין קיין רופא פאר די וואָס קאָנען ניט געהיילט ווערען: אזוי לערנט זאראטוסטרא: איז — זאָלט איהר זיך אריבערפּעקלען!

אָבער עס פֿאַדערט זיך אַ סך מעהר מוט, צו מאַכען אַ סוף, איידער צו מאַכען אַ נייעם פּערז: דאָס וויסען אַלע רופאים און אַלע דיכטער.

* *
* *

18.

אַ, מיינע ברידער, עס זיינען דאָ לוחות, וואָס די איינגעמאַ־טערטקייט האָט בעשאַפֿען, און לוחות וואָס קומען פֿון פֿוילקייט, דער צוגעפֿוילטער: הגם זיי ביידע ריידען גלייכע רייד, ווילען זיי דאָך באַזונדער געהערט זיין. —

זעהט דאָרטען יענעם פֿאַרשמאַכטען! נאָר אַ שפּאַן די ווייט איז ער פֿון זיין ציעל, אָבער פֿון מיעדקייט האָט ער זיך פֿאַר־עקשן׳ט און זיך דאָ אין שטויב אַוועקגעלייגט: אָט דער מוט־שאַפּענער!

פֿאַר מיעדקייט געניצט ער אויף דעם וועג, דער ערד, דעם ציעל און אויף זיך אַליין: קיין איין טראָט וויל ער ווייטער ניט מאַכען, — אָט דער מוטשאַפּענער!

איז — גליהט די זון אויף איהם און די הינט לעקען זיין שווייס: אָבער ער ליעגט דאָ אין זיין עקשנות און וויל בעסער פֿאַר־שמאַכטען: —

— אַ שפּאַן ווייט פֿון זיין ציעל פֿאַרשמאַכטען! בנאמנות, איהר וועט איהם נאָך דאַרפֿען פֿאַר די האָר ארויפציהען אין זיין הימעל, — אָט דעם העלד!

איז בעסער, לאָזט איהם ליעגען, וואו ער ליעגט, זאָל דער שלאָף אויף איהם קומען, דער טרויסטער, מיט אַ קיהלענדען רויש־רעגען:

לאָזט איהם ליעגען, ביז ער וועט זיך אַליין אויפכאַפּען, ביז ער וועט אַליין אָפּלייקענען זיין גאַנצע מיעדקייט און אַלע וואָס זיין מיעדקייט האָט דורך איהם געלערנט.

2.

נאָר די הינט, מיינע ברידער, זאָלט איהר פון איהם אוועק־טרייבען, אַט דעם גאַנצען שוויבלענדען ווערים־קנויל: —

— דעם גאַנצען שוויבלענדען ווערים־קנויל פון די „געבילדעטע“, וואָס זיינען זיך מתענג מיט דעם שוויים פון יעדען העלד! —

*　　*

*

19.

איך שליס קרייזען ארום מיר און היילינע גרעניצען: אַלץ ווייניגערע שטייגען מיט מיר אויף אַלץ העכערע בערג: איך בוי אַ געבירג פון אַלץ היילינערע בערג.

וואוהין איהר זאָלט אָבער מיט מיר ניט שטייגען, אָ, מיינע ברידער, זעהט, אַז אַ פּ אַ ר אַ ז י ט זאָל ניט שטייגען מיט אייך!

אַ פּאַראַזיט: דאָס איז אַ וואָרים אַ קריעכינס, אַ בויגינס, וואָס וויל פעט ווערען פון אייערע קראַנקע, ווינדע ווינקלען.

און דאָס איז זיין קונץ, וואָס ער דערשפּירט וואו די שטייגענדע נשמות ווערען מיעד: אין אייער צער און אומעט, אין אייער צאַרטער פאַרשעמטקייט בויט ער זיין עקעלהאַפטען נעסט.

וואו דער שטאַרקער איז שוואַך, וואו דער איידעלער איז צופיעל מילד, דאָרטען בויט ער זיין עקעלהאַפטען נעסט אריין: דער פּאַראַזיט וואוינט, וואו דער גרויסער האָט קליינע ווינדע ווינקלען.

וואָס איז דער העכסטער מין פון אַלץ וואָס עקזיסטירט און וואָס איז דער שפּל'סטער? דער פּאַראַזיט איז דער שפּל'סטער מין; דער אָבער, וואָס איז פון דעם העכסטען מין, יענער דערנעהרט די מעהרסטע פּאַראַזיטען.

גראָד אַזאַ נשמה, וואָס האָט די לאַנגסטע לייטער און קאָן אַראָנטער ביז צו טיעפסט: ווי זאָלען דאָ אויף איהר ניט זיצען די מעהרסטע פּאַראַזיטען? —

— די ניט איינצופאַנגענע נשמה, וואָס קאָן אין זיך אריינ־

לויפען אין די ווייטסטע ווייט און ארומוואקלען און זיך ארומטראָ־גען; די נויטוועגדיגסטע, וואָס ווארפט זיך אריין אין דעם צופאל אוים לוסט: —

— די נשמה — א זיין, וואָס טונקט זיך אין א ווערן; א האָבען, וואָס ו ו י ל אריבער אין א וועלען און א פארלאנגען: —

— וואָס אנטלויפט פון זיך אליין און יאָגט אָן זיך אליין אין דעם ווייטעסטען קרייז; די קלוגשאפענסטע נשמה, וועמען די נארישקייט רעדט אזוי זים:

— די ליעבע־פולסטע צו זיך אליין, אין וועלכע אלע זאכען האָבען זייער שטראָמען און אנטקעגען־שטראָמען און אָפפלוס און צופלוס: — אָ, ווי זאָל די העכסטע נשמה ניט האָבען די ערגסטע פאראזיטען?

* *

*

20.

אָ, מיינע ברידער, בין איך דען אן אכזר? אָבער איך זאָג: וואָס עס פאלט, דאָס זאָל מען נאָך א שטויס טאָן!

דאָס אלץ פון היינט — דאָס פאלט, דאָס ווערט צופאלען: ווער וואָלט נאָך געוואָלט דאָס אונטערהאלטען! אָבער איך — איך ו ו י ל דאָס נאָך שטויסען!

איז אייך בעקאנט דער תענוג, וואָס שליידערט שטיינער אין דער שארף־משופע׳נער טיעף?—אָט די מענשען פון היינט, טוט נאָר א קוק, ווי זיי קייקלען זיך אראָפ אין מיינע טיפעניסען!

א פאָרשפיעל בין איך פאר בעסערע שפיעלער, אָ מיינע ברי־דער! אביישפיעל! ט ו ט לויט מיין ביישפיעל!

און וועמען איהר קאָנט ניט אויסלערנען פליהען, יענעם לערנט — ש נ ע ל ע ר פ א ל ע ן! —

* *

*

21.

איך ליעב די מוטשאפענדע: אָבער עס איז ניט גענוג צו זיין אַ שלאָג־שווערד, — מען מוז אויך געדענקען דעם כלל: „שלאָג— ועה — וועמען".

און אָפט איז מעהר מוטשאפענקייט אין דעם, וואָס איינער האלט זיך איין און געהט פארביי: כדי ער זאָל זיין אָנגעגרייט פאר אַ חשוב'ערען שונא!

איהר זאָלט האָבען שונאים, וואָס צום האסען, אָבער ניט שונאים צום פאראכטען: איהר דארפט זיין שטאָלץ אויף אייער פיינד: אזוי האָב איך דאָס שוין אמאָל געלערנט.

פאר דעם חשוב'ערען פיינד זאָלט איהר, אַ מיינע פריינד, זיך האלטען אָנגעגרייט: דעריבער מוזט איהר פארביי אַ סך זאכען פארבייגעהן, —

בפרט פארביי אַ סך ערב־רב, וואָס ליארעמט אייך אין די אויערען וועגען פאָלק און פעלקער.

האלט ריין אייער אויג פון זייער פ א ר און געגען. עס איז דאָרטען פיעל רעכט, פיעל אומרעכט: ווער עס קוקט זיך צו, ווערט אין כעס.

ארייגעקוקט, ארייגעשלאָגען — דאָס איז דאָרטען איינס: דעריבער געהט אוועק אין די וועלדער און לייגט אנידער שלאָפען אייער שווערד!

געהט אין א י י ע ר ע וועגען! און זאָלען פאָלק און פעל־קער געהן אין זייערע! — טונקעלע וועגען, אמת, אויף וועלכע קיין איין־איינציגע האָפענונג בליצט מעהר ניט אויף!

זאָל הערשען דער קרעמער דאָרטען, וואו אלץ, וואָס האָט נאָך אַ גלאנץ, איז קרעמער־גאָלד! עס איז שוין ניט מעהר די צייט פון מלכים: וואָס היינטיגע צייטען אַ פאָלק איז, פארדיענט ניט קיין מלכים.

קוקט דאך צו, ווי אָט די פעלקער טוען איצטער אליין פונקט

ווי די קרעמער: זיי הויבען אויף פאַר זיך די קלענסטע פּאַרטיילע פון יעדען מיסט!

זיי לויערען איינס אויף דעם אנדערען, זיי לויערען עפּעס אָפּ איינס פון דעם אנדערען, — דאָס רופען זיי „גוטע שכנות". אַ, די גליק־געבענשטע ווייטע צייט, ווען איין פאָלק האָט צו זיך געזאָגט: „איך וויל זיין איבער פעלקער — ד ע ר ה א ר!"

ווייל, מיינע ברידער: דאָס בעסטע זאָל הערשען, דאָס בעסטע ו ו י ל אויך הערשען! און וואו די לעהרע קלינגט אנדערש, דאָרטען פ ע ה ל ט איהר — דאָס בעסטע.

*

*

22.

ווען י ע נ ע זאָלען האָבען אומזיסט ברויט, וועה געשריען! וועגען וואָס וועלען י ע נ ע נאָך שרייען! זייער חיונה איז זייער גאַנצער חיות; און זאָל זיי דאָס שווער אָנקומען!

רויב־חיות זייענען דאָס: אין זייער „אַרבייטען" ליעגט נאָך אַ רויבען, אין זייער „פאַרדיענען" ליעגט אָן איבער־פוקסען! דערוי־בער זאָל זיי דאָס אָנקומען שווער!

אַזוי־אַ זאָלען זיי ווערען בעסערע רויב־חיות, פיינערע קליגערע, מ ע נ ש ע ן ־ ע ה נ ל י כ ע ר ע: מחמת דער מענש איז די בעסטע רויב־חיה.

ביי אַלע חיות האָט שוין דער מענש זייערע טוגענדען אַוועק־גערויבט: דאָס קומט דערפון, וואָס פון אַלע חיות איז דעם מענ־שען געווען שווערער פאַר אַלעמען.

מעהר נישט די פויגלען זיינען איבער איהם. און ווען דער מענש וועט זיך נאָך אויסלערנען פליהען, וועה איז מיר! ו ו א ה י ן — וועט זיין רויב־לוסט ארויספליהען!

*

*

23.

אזוי־אַ וויל איך האָבען מאַן און ווייב: אַ בריה אין קריעג מיט דעם איינעם, אַ בריה אין געבוירען די אַנדערע, ביידע אָבער בריה'ס אין טאַנצען מיט קאָפּ און פיס.

און פאַרלאָרען זאָל פאַר אונז זיין דער טאָג, אין וועלכען מען האָט קיין איין מאָל ניט געטאַנצט! און פאַלש זאָל אונז זיין יעדער אמת, ביי וועלכען עס איז ניט געוועזן קיין איין געלעכטער!

*　　*

*

24.

אייער שליסען אַ חופּה־בונד: גיט אַכטונג, אַז דאָס זאָל ניט זיין אַ שלעכטער ש ל ו ס! איהר האָט געצוינגען דעם שלוס צו שנעל: איז דער פּועל־יוצא דערפון — טרייקייט־ברוך!

און שוין בעסער טרייקייט־ברעכען, איידער טרייקייט־בויגען, טרייקייט־לאַיגען. — אַ פרוי האָט צו מיר אזוי געזאָגט: „ס'איז אמת, איך האָב געבראָכען דעם חופּה־בונד, אָבער פריהער האָט דער חופּה־בונד געבראָכען — מיך!"

די שלעכט־געפּאָרטע, האָב איך געפונען, זיינען תמיד פול מיט נקמה: זיי רעכענען זיך אָפּ מיט דער גאַנצער וועלט, פאַר וואָס זיי קאָנען ניט מעהר לויפען איינציגווייז.

מהאי טעמא וויל איך, אַז די אָרענטליכע זאָלען זאָגען איינס דעם אַנדערען: „מיר ליעבען זיך: לאָמיר זעהען, אַז אונזער ליעבע זאָל זיך האַלטען! אָדער — זאָל אונזער פאַרשפּרעך זיין אַ פאַר־זעה?"

— „לאָמיר אונז געבען אַ צייט און אַ קליינעם חופּה־בונד, כדי צו זעהען, צי מיר טויגען פאַר דעם גרויסען חופּה־בונד! עס איז אַ האַרבער ענין, כסדר צו זיין זאַלבענאַנד!"

אזוי איז מיין עצה פאַר אַלע אָרענטליכע; און וואָס וואָלט דען

געווען מיין גאנצע ליעבע צו דעם איבער־מענשען און צו אלץ, וואס דארף קומען, ווען איך וואלט אנדערש געראט און גערעדט!

ניט נאר זיך פארפלאנצען ווייטער, נייערט א ר ו י ף — דערצו, א מיינע ברידער, זאל אייך העלפען דער פרוכט־גארטען פון דעם חופה־בונד!

*　　*
*

25.

ווער עס איז קלוג געווארען מכח די אלטע אורשפרונגען, זעה, יענער וועט לסוף זוכען די קוואלען פון דער צוקונפט און די נייע אורשפרונגען. —

א, מיינע ברידער, עס וועט ניט נעמען לאנג, און נייע פעל־קער וועלען ארויסשפרינגען און נייע קוואלען וועלען אראפ־רוישען אין נייע טיעפען.

מחמת די ערד־ציטערניש — זי פארשיט א סך ברונענס, זי בעשאפט א סך פארשמאכטע: זי ברענגט אבער אויך ארויף אויף דער ליכטיגער שיין אינווענינסטע קרעפטען און פארבארגענקייטען.

די ערד־ציטערניש מאכט אנטפלעקען נייע קוואלען. אין דער ערד־ציטערניש פון אלטע פעלקער רייסען זיך ארויס נייע קוואלען.

און ווער עס רופט ארויס: „זעהט, אט איז א ברונען פאר א סך דארשטיגע, א הארץ פאר א סך פארבענקטע, א ווילען פאר א סך ווערק־געצייג": — ארום יענעם קלייבט זיך צונויף א פ א ל ק, דאס הייסט א סך אויספרואווער.

ווער קאן דא באפעהלען, ווער מוז דא טאן פאלגען — אט דאס ווערט דא אויסגעפרואווט! אך, מיט וואס פאר א לאנגען זוכען און וועלען־טרעפען און ניט טרעפען און לערנען און איבער'ס־ניי־פרואווען!

די מענשען־געזעלשאפט: דאס איז אן אויספרואוו, אזוי לערן איך דאס, — א לאנגער זוכען: זוכען — זוכט זי אבער דעם בא־פעהלער! —

— אן אויספּרואוו, אַ מיינע ברידער! און נ י ט ק י י ן „אַפּמאַך“! צובּרעכט, צובּרעכט מיר אזא וואָרט פון די ווייכהאַר־ציגע און האַלב־אויף־האַלבע!

*　　*

*

26.

אַ, מיינע ברידער! ביי וועמען ליענט דאָך די גרעסטע גע־פאַהר פאַר דער גאַנצער מענשען־צוקונפט? אפשר ניט ביי די גוטע און גערעכטע? —

— אפשר ניט ביי יענע, וואָס ריידען און פיהלען אין זייער הארצען: „מיר ווייסען שוין, וואָס גוט איז און גערעכט, מיר האָבען דאָס אויך; וועה צו די, וואָס זוכען נאָך דאָ!“

און וואָס פאַר אַ שאָדען די רשעים זאָלען ניט אָנטאָן: דער שאָדען פון די גוטע איז דער שעדליכסטער שאָדען!

און וואָס פאַר אַ שאָדען די וועלט־פארשווארצער זאָלען ניט אָנטאָן: דער שאָדען פון די גוטע איז דער שעדליכסטער שאָדען.

אַ, מיינע ברידער, איינער האָט אַמאָל די גוטע און גערעכטע צריינגעקוקט אין הארצען, — אָט דער, וואָס האָט געזאָגט: „זיי זיינען פאַריסעער“. אָבער מען האָט איהם ניט פאַרשטאַנען.

די גוטע און גערעכטע גופא האָבען איהם ניט געטאָרט פאַר־שטעהן: זייער גייסט איז אריינגעפאַנגען אין זייער גוטען געוויסען. די נארישקייט פון די גוטע איז אומדערגרינטליך קלוג.

אָט דאָס איז אָבער דער אמת: די גוטע מוזען זיין פאַרי־סעער, — זיי האָבען ניט קיין אַנדער ברירה!

די גוטע מ ו ז ע ן צושלאָגען צו אַ צלם־האָלץ יענעם, וואָס געפינט אויס זיין אייגענע טוגענד! אָט דאָס איז דער אמת.

דער צווייטער אָבער, וואָס האָט זייער לאַנד ענטדעקט, לאַנד, הארץ און פלאַנץ־ערד פון די גוטע און גערעכטע: דאָס איז געוועזען דער. וואָס האָט געפרעגט: „וועמען האסען זיי מעהר פאַר אַלץ?“

דעם בעשאפענדען האבען זיי מעהר פאר אלץ פיינט: דעם, וואס ברעכט די לוחות און אלטע ווערטען, דעם ברעכער, — איהם רופען זיי פארברעכער.

מחמת די גוטע — זיי קאנען נים שאפען: זיי זיינען תמיד דער אנהויב פונ'ם סוף: —

— זיי שלאגען־צו צום צלם יענעם, וואס שרייבט נייע ווערטען אויף נייע טאוולען, זיי ברענגען זיך די צוקונפט פאר א קרבן, — זיי שלאגען־צו צום צלם די גאנצע מענשען־צוקונפט!

די גוטע — זיי זיינען אלע מאל געווען דער אנהויב פונ'ם סוף. —

* *
*

27.

א, מיינע ברידער, האט איהר פארשטאנען אויך אט דאס ווארט? און וואס איך האב אמאל געזאגט וועגען דעם „לעצטען מענשען?" — —

ביי וועמען ליעגט די גרעסטע געפאהר פאר דער גאנצער מענשען־צוקונפט? אפשר נים ביי די גוטע און גערעכטע?

צוברעכט, צוברעכט מיר די גוטע און גערעכטע! —

א, מיינע ברידער, האט איהר אויך דאס ווארט פארשטאנען?

* *
*

28.

איהר אנטלויפט פון מיר? איהר האט זיך דערשראקען? איהר ציטערט פאר יענעם ווארט?

א, מיינע ברידער, אז איך האב געהייסען צוברעכען

די גוטע און די לוחות פון די גוטע, — אט יעמאָלט ערשט האָב איך דעם מענשען איינגעשיפּט אויף זיין אויפגעשטורעמטען ים.

און איצטער ערשט קומט אויף איהם די גרויסע אימה, דער גרויסער זיך־אַרום־זעהן, די גרויסע חלאת, די גרויסע חלשות, די גרויסע ים־קראַנקהייט.

פאַלשע ברעגען און פאַלשע זיכערקייטען האָבען איך געלערנט די גוטע; אין דעם שקר פון די גוטע זייט איהר געבאָרען געוואָרען און געהיט געוואָרען. אלץ איז ביז'ן גרונט פאַרלייגט און פאַרבויגט געוואָרען דורך די גוטע.

אָבער ווער עס האָט ענטדעקט דאָס לאַנד „מענש“, האָט אויך ענטדעקט דאָס לאַנד „מענשען־צוקונפט“. נו — זאָלט איהר מיר ים־פאָהרער זיין, בראַווע, געדולדיגע!

געהט מיר בייציַיטענס האָפּערדיג, אָ מיינע ברידער. לערנט זיך צו געהן האָפּערדיג! דער ים שטורעמט: אַ סך ווילען דורך אייך ווידער אויפגעריכט ווערען.

דער ים שטורעמט. עס איז אלץ אין'ם ים. מוטיג! מיט גליק! איהר אלטע מאַטראָסען־הערצער!

וואָס — פאָטערלאַנד! אַ ה י ן וויל אונזער רודער, וואו עס איז אונזער ק י נ ד ע ר־ל אַ נ ד! אַהין אַרויס שטורעמט אונזער גרויסע בענקשאַפט נאָך שטורעמדיגער איידער דער ים! —

* *
*

29.

„פאַרוואָס אַזוי האַרט! האָט צום דימענט אַמאָל געזאָגט די אויוועךן־קויל; זיינען מיר דען ניט נאָהענטע קרובים?“ —

פאַרוואָס אַזוי ווייך? אָ, מיינע ברידער, אַזוי טו אַ י ך איך פרעגען: זייט איהר דען ניט — מיינע ברידער?

פאַר וואָס אַזוי ווייך, אַזוי אויסווייכענד און נאָכגיעביג? פאַרוואָס איז אַזוי פיעל לייקענונג, פאַרלייקענונג אין אייער האַרצען? אַזוי וועניג שיקזאַל אין אייער בליק?

און אויב איהר ווילט ניט זיין קיין שיקזאל און קיין אומדער־בעטענע: ווי קאָנט איהר מיט מיר — מנצח זיין?

און אויב אייער הארטקייט וויל ניט בליצען און צושניידען און צושניידען, ווי קאָנט איהר ווען מיט מיר אינאיינעם — שאַפען?

מחמת די שאַפענדע זיינען הארט. און גליק־געבענשטקייט מוז אייך דוכטען, אייער האַנט אויף יאָהר־טויזענדער ארויפצודריקען, ווי אויף וואקס. —

— א גליק־געבענשטקייט, אויף דעם ווילען פון יאָהר־טויזענטער צו שרייבען ווי אויף בראָנז, — הארטער איידער בראָנז, איידעלער איידער בראָנז. גאַנץ הארט איז נאָר דאָס איידעלסטע.

אָט די נייע טאָוועל, אָ מיינע ברידער, שטעל איך אויף איבער אייך: ווערט הארט! —

* *

*

30.

אָ, דו מיין ווילען! דו קעהר־און־ווענד פון יעדער נויט, דו מיין נויטווענדיגקייט! היט מיך אָפּ פון אַלע קליינע נצחונות!

דו אָנשיקונג פון מיין נשמה, וואָס איך רוף שיקזאל! דו אין־מיר! איבער־מיר! היט מיך אָפּ און האַלט מיך גרייט פאר איין גרויסען שיקזאל!

און דיין לעצטע גרויס, מיין ווילען, היט דיר אָפּ פאר דיין לעצט, — אז דו זאָלסט זיין אומדערבעטען א י ן דיין נצחון! אַך, ווער האָט ניט דורכגעלעבט קיין מפלה אין זיין נצחון!

אַך, וועמעס אויג האָט ניט געטונקעלט אין יענעם שכור'ען בין־השמשות! אַך, וועמעס פוס איז ניט צוטומעלט געוואָרען און האָט אין נצחון פארגעסען — ווי צו שטעהן!

— כדי איך זאָל אַמאָל זיין אָנגעגרייט און צייטיג אין דעם

גרויסען העלען טאָג: אָנגעגרייט און צייטיג ווי אַן אָנגעגליהטער מע־טאַל, א בליץ־שוואַנגערער וואָלקען און אָנגעגאָסענע מילך־אייטער.

— אָנגעגרייט פאַר מיר גופא און פאַר מיין פארבאָרגענסטען ווילען: א בויגען, וואָס גערהט אויס אין תשוקה נאָך זיין פייל, א פייל, וואָס גערהט אויס אין תשוקה נאָך זיין שטערען: —

— א שטערען, אָנגעגרייט און צייטיג אין זיין מיטען העלען טאָג, אָנגעגליהט, דורכגעלעכערט גליק־אָנגעזאָפט פון צושטערענדע זון־פיילען: —

— א זון גופא און אַן אומדערבעטענער זון־ווילען, אָנגעגרייט צו צושטערען אין נצחון!

אָ, ווילען, קעהר־און־ווענד פון יעדער נויט, דו מ י י ן נויט־ווענדיגקייט! האַלט מיך גרייט פאַר איין גרויסען זיעג! — —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *

*

דער גענעזונג־ווערענדער.

1.

איין מאָל אין דער פריה, ניט לאַנג נאָך דעם, ווי ער איז צוריקגעקומען אין זיין הייהל, איז זאַראַטוסטראַ אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, ווי אַ משוגע׳נער האָט ער גענומען שרייען מיט אַ שרעקליכען קול און האָט זיך אויפגעפיהרט, אַקוראַט ווי נאָך איינער וואָלט געלעגען אויפ׳ן געלעגער און וויל ניט אויפשטעהן; און זאַראַטוסטראַ׳ס קול האָט געהילכט אַזוי, אַז זיינע חיות זיינען צוגעגאַנגען דערשראָקענע און אַז פון אַלע הייהלען און פאַרקריך־ווינקלען, וואָס זיינען געווען אין שכינות פון זאַראַטוסטראַ׳ס הייהל, זיינען אַלע חיות אַנטלאָפען געוואָרען, — פליהענדיג, פלאַטערענדיג, קריכענדיג, שפּרינגענדיג, ווי איינעם׳ס טבע איז געווען אין פוס און פליגלען. זאַראַטוסטראַ אָבער האָט אַט די רייד גערעדט:

אַרויף, אָפּגרונטיגער געדאַנק, פון מיין טיעף! איך בין דיין האָהן און גראָהער פריה־מאָרגען, דו פאַרשלאָפענער וואָרים: אויפשטעהן! אויפשטעהן! מיין קול וועט דיך שוין אויפקרעהען!

בינד פאַנאַנדער די קניפּלען פון דיינע אויערען: הער זיך איין! ווייל איך וויל דיך הערען! אויפשטעהן! אויפשטעהן! דאָ איז פאַראַן גענוג דונערס, אַז אויך די קברים זאָלען זיך אויסלערנען, ווי איינצוהערען זיך!

און וויש אָפּ דעם שלאָף און גאָר די טונקעלקייט און גאָר די בלינדקייט פון דיינע אויגען! הער מיך אויך מיט דיינע אויגען: מיין קול איז אַ רפואה אפילו פאַר בלינד־געבאָרענע.

און קוים ביסטו וואַך, זאָלסטו מיר אייביג פאַרבלייבען וואַך. עס איז ניט מ י י ן שטייגער, אויפצואוועקען אור־באַבעס פון דעם שלאָף און זיי הייסען — ווייטער שלאָפען!

דו ריהרסט זיך, ציהסט זיך, כאָרכעלסט? שטעה אויף! ניט כאָרכלען — ריידען זאָלסטו מיר! — זאראטוסטרא רופט דיך, דער כופר בעיקר!

איך, זאראטוסטרא, דער מליץ־יושר פון דעם לעבען, דער מליץ־יושר פון יסורים, דער מליץ־יושר פון דעם קרייז, — דיך רוף איך, מיין אָפּגרונטיגען געדאַנק!

וואויל צו מיר! דו קומסט, — איך הער דיך! מיין אָפּגרונט ר ע ד ט, מיין לעצטע טיעף האָב איך ארויפגעקערט אויף דעם ליכט־שיין!

וואויל צו מיר! קום אהער! גיב די האנט — — הא! לאָז אָפּ! האהא — — חלשות, חלשות, חלשות — — וועה צו מיר!

* *

*

2.

קוים אָבער האָט זאראטוסטרא ארויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, איז ער אנידערגעפאַלען, ווי טויט, און איז לאנג געבליבען ליגען ווי א מת. אז ער איז אָבער ווידער געקומען צו זיך, איז ער געווען בלייך און האָט געציטערט און איז געבליבען ליגען און האָט א לאַנגע צייט ניט געוואָלט עסען און טרינקען. אזא מעמד האָט ביי איהם געדויערט זיבען טעג; זיינע חיות אָבער האָבען איהם ניט פארלאָזען ביי טאָג און ביינאכט, סיידען ווען דער אָדלער איז ארויסגעפלויגען קריגען שפייז. און וואָס ער האָט צונויפגעקליבען און צונויפגערויבט, דאָס פלעגט ער אנידערלייגען אויף זאראטוסטרא'ס געלעגער: אזוי אז לסוף איז זאראטוסטרא געלעגען אונטער געלע און רויטע וויינפערלעך, וויינטרויבען, רויזען־עפעל, וואויל־שמעקענדע קרייטעכער און טענען־צאַפּענס. צו זיין צופוסענס אָבער זיינען געווען אויסגעשפּרייט צוויי לעמער, וואָס דער אָדלער האָט מיט מיה אוועקגערויבט פון זייערע פאַסטעכער.

נאָך זיבען טעג האָט זיך זאראטוסטרא לסוף אויפגעהויבע

אויף זיין געלעגער, האָט גענומען אַ רויזען־עפּעל אין דער האַנט, האָט אַריינגעצויגען זיין ריח און האָט דעם ריח געפונען ליעבליך. האָבען זיינע חיות געמיינט, עס איז געקומען די צייט, צו ריידען מיט איהם.

„אָ, זאַראַטוסטראַ, האָבען זיי געזאָגט, איצט איז שוין זיעבען טעג ווי דו ליגסט אַזוי, מיט שווערע אויגען: ווילסטו ניט אַמאָל זיך ווידער שטעלען אויף דיינע פֿיס?

טרעט אַרויס פון דיין הייהל: די וועלט וואַרט אויף דיר, ווי אַ גאָרטען. דער ווינט שפּיעלט מיט שווערע וואויל־גערוכען, וואָס ווילען צו דיר; און אַלע טייכלעך וואָלטען וועלען נאָכלויפען נאָך דיר.

אַל־דאָס־דינג בענקט נאָך דיר, אין דער צייט, וואָס דו ביזט זיעבען טעג געבליבען אַליין, — טרעט אַרויס פון דיין הייהל! אַל־דאָס־דינג וויל דיין רופא זיין!

איז משמעות אַ נייע דערקענטניס געקומען צו דיר, אַ זויערע, שווערע? ווי איינגעזייערטע טייג ביזטו געלעגען, דיין נשמה איז אויפגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעגאָסען ביז איבער אַלע איהרע ראַנדער —"

— אָ, מיינע חיות, האָט זאַראַטוסטראַ געענטפערט, פּלאַפּלעט אַזוי ווייטער און לאָזט מיך צוהערען! עס דערקוויקט מיך אַזוי וואָס איהר פּלאַפּלעט: וואו עס ווערט געפּלאַפּלעט, דאָרטען ליגט שוין פאַר מיר די וועלט, ווי אַ גאָרטען.

ווי ליעב עס איז, וואָס עס זיינען דאָ ווערטער און טענער: זיינען ניט טענער און ווערטער רעגענבויגענס און דמיון־בריקען צווישען אייביג־צושיידענעם?

צו יעדער נשמה געהערט אַן אַנדער וועלט; פאַר יעדער נשמה איז יעדע אַנדער נשמה אַ הינטערוועלט.

גראַד צווישען דעם עהנליכסטען לאָיגט דער דמיון שענער פאַר אַלץ; ווייל איבער דעם קלענסטען תהום איז שווערער פאַר אַלץ אַ בויען אַ בריק

בײַ מיר — ווי קאָן דאָ זײַן אַ דרויסען־פון־מיר? ניטאָ קיין דרויסען! אָבער דאָס פאַרגעסען מיר בײַ אַלע טענער; ווי ליעב־ליך דאָס איז, וואָס מיר פאַרגעסען!

האָט מען ניט געשענקט נעמען און טענער די זאַכען, כדי דער מענש זאָל זיך דערקוויקען מיט די זאַכען? עס איז אַ שעה־נער אָפּנאַר — דאָס ריידען: דערמיט טאַנצט דער מענש איבער אַלע זאַכען.

ווי ליעבליך איז אַל׳ דאָס ריידען און יעדער שקר פון די טע־נער! מיט טענער טאַנצט אונזער ליעבע אויף פיעל־פאַרביגע רעגענבויגענס. —

— „אָ, זאַראַטוסטראַ, האָבען דערויף געזאָגט די חיות, פאַר אַזוינע, וואָס דענקען ווי מיר, טאַנצען אַלע זאַכען גופא. דאָס קומט צוגעהן, און גיט זיך די הענט, און לאַכט און אַנטלויפט — און קומט צוריק.

אַלץ געהט אוועק, אַלץ קומט צוריק; אייביג קייקעלט זיך די ראָד פון דעם זײַן. אַלץ שטאַרבט, אַלץ בליהט ווידער אויף; אייביג לויפט דער יאָהר פונ׳ם זײַן.

אַלץ צוברעכט, אַלץ ווערט אויפ׳ס ניי באַהעפט; אייביג בויט זיך דאָס גלײַכע הויז פונ׳ם זײַן. אַלץ צושיידט זיך, אַלץ גריסט זיך ווידער; אייביג בלײַבט זיך טריי דער רינג פון דעם זײַן.

אין יעדער רגע הויבט זיך אָן דאָס זײַן; אַרום יעדען „דאָ" קייקעלט זיך דער כדור „דאָרטען". דער מיטען איז אומעטום. קרום איז דער שטעג פון דער אייביגקייט." —

— אָ, איהר קאַטאָוועס־טרײַבער און דרעה־אָרגלען! האָט זאַראַטוסטראַ געענטפערט און האָט ווידער געשמייכעלט, ווי גוט פאַרשטעהט איהר, וואָס עס האָט געמוזט מקוים ווערען אין זיבען טעג: —

— און ווי יענע בריאה משונה איז מיר אין גאָרגעל אַרײַנ־געקראָכען און האָט מיך געוואָרגען! אָבער איך האָב איהר דעם קאָפּ אָפּגעביסען און פון מיר אוועקגעשפּיגען.

און איהר, — איהר מאכט שוין א גאסען־ליעדעל דערפון? איצט. אבער ליג איך דא, נאך א מיעדער פון יענעם בייסען און וועקשפייען, נאך א קראנקער פון דער אייגענער אויסלייזונג. —

און איהר האט צו דעם אלץ צוגע־קוקט? א, מיינע חיות, זייט איהר אויך אכזר'יש? האט איהר געוואלט צוקוקען צו מיין גרויסען צער, ווי דאס טוען די מענשען? מחמת דער מענש איז די אכזר'ישעסטע חיה.

ביי טרויער־שפיעלען, אקסען־קעמפען און תליות האט ער זיך ביז אהער דער גליקליכסטער געפיהלט אויף דער ערד; און אז ער האט זיך אויסגעטראכט דעם גיהנום, ערשט זעה, דאס איז געוועזן זיין הימעל אויף דער ערד.

ווען דער גרויסער מענש שרייט —: טוז! — לויפט דער קליינער מענש צו. און די צונג הייננט ביי איהם ארויס פונ'ם האלז אוים געלוסטיגקייט. ער אבער רופט דאס זיין „רחמנות“.

דער קליינער מענש, בפרט דער פאעט — מיט וואס פאר א התמדה ער קלאגט אן דאס לעבען אין ווערטער! הערט צו, אבער פארפעהלט מיר ניט צו הערען די לוסט, וואס ליגט אין אלע יענע קלאגען!

אזוינע אנקלאגען פון דעם לעבען, זיי קומט ביי דאס לעבען מיט איין פינטעל מיט'ן אויג. „דו ליעבסט מיך? זאגט די העזה'ניצע;ווארט נאך א ביסעל, איך האב נאך קיין צייט ניט פאר דיר“.

דער מענש איז צו זיך גופא די אכזר'ישעסטע חיה; און ביי אלע מענער, וואס רופען זיך „זינדיגע“, „צלם־טרעגער“ און „בעל־תשובה'ס“, פארפעהלט מיר ניט צו הערען די תאוה־לוסט, וואס ליגט אין אט די קלאגען און אנקלאגען.

און איך אליין — וויל איך דען דערמיט זיין דער אנקלעגער פון דעם מענשען? אך, מיינע חיות, נאר דאס האב איך ביז אהער געלערענט, אז דעם מענשען איז זיין בייזעסט נויטיג צוליעב זיין בעסט, —

— אז אל׳ דאָס בייזעסטע איז זיין בעסטע ק ר אַ פ ט און דער האַרטסטער שטיין פאַר דעם העכסטען שאַפער; און אַז דער מענש דאַרף ווערען בעסער און בייזער:

ניט צו אַט ד ע ם מאַטער־האָלץ בין איך צוגעבונדען גע־וואָרען, וואָס איך ווייס: דער מענש איז בייז, — גייערט איך האָב געשריען, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געשריען:

אַך, פאַרוואָס איז זיין בייזעסט גאָר אַזוי קליין! אַך, פאַר־וואָס איז זיין בעסט גאָר אַזוי קליין!"

— די גרויסע איבערדריסיגקייט מיט דעם מענשען — אַט ד אָ ס האָט מיך געוואָרגען און איז מיר אין גאָרגעל אריינגע־קראָכען: און וואָס דער וואָהרזאָגער האָט געוואָהרזאָגט: „אַלץ איז אַלץ איינס, עס לוינט זיך גאָרנישט ניט, וויסען ווערגט".

א לאַנגער בין־השמשות האָט פאַראויס געהינקט פאַר מיר, א טויט־מאַטע, טויט־אָנגעטרונקענע טרויעריגקייט, וואָס האָט גע־רעדט מיט א גענעצענדען מויל.

„אייביג קומט ער ווידער צוריק, דער מענש, וואָס דו קאָנסט איהם ניט אויסשטעהן, דער קליינער מענש" — אַזוי האָט גענע־נעצט מיין טרויעריגקייט און האָט געשלעפט איהרע פיס און האָט ניט געקאָנט איינשלאָפען.

די מענשען־ערד האָט זיך פאַרוואַנדעלט פאַר מיר אין א הייהל, איהר ברוסט איז איינגעפאַלען, אַלץ, וואָס האָט געלעבט, איז פאַר מיר געוואָרען מענשען־שטויב און ביינער און צופוילטע פאַרגאַנגענהייט.

מיין זיפצען איז געזעסען אויף אַלע מענשען־קברים און האָט מעהר ניט געקאָנט אויפשטעהן; מיין זיפצען און פרעגען האָט געקוואַקעט און געוואָרגען און גענאָגט און געקלאָגט ביים טאָג און ביינאַכט:

— „אַך, דער מענש קומט אייביג ווידער צוריק! דאָס קליין מענשעלע קומט אייביג ווידער צוריק!" —

א מאָל האָב איך זיי ביידען געזעהן נאַקעטע, דעם גרעסטען

מענשען און דעם קלענסטען מענשען: צו פיעל עהנליך איינער דעם אנדערען, — צו פיעל מענשליך אויך נאך דער גרעסטער!

צו פיעל קליין דער גרעסטער! דאס איז געווען מיין איבערדריסיגקייט מיט דעם מענשען! און דער אייביגער ווידערקום אויך פון דעם קלענסטען! — דאס איז געווען מיין דערעסענקייט מיט יעדען זיין!

אך, חלשות! חלשות! חלשות! — — אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און האט געזיפצט און געשוידערט; ווייל ער האט זיך דערמאנט אן זיין קראנקהייט. דא אבער האבען איהם זיינע חיות ניט געלאזט ווייטער ריידען.

„רייד ניט ווייטער, דו געזונט־ווערענדער! אזוי האבען איהם געענטפערט זיינע שטוב־חיות, נייערט געה ארויס אהין, וואו די וועלט ווארט אויף דיך, ווי א גארטען.

געה ארויס צו די רויזען און ביענען און מחנות טויבען! דער עיקר אבער צו די זינג־פויגלען: כדי דו זאלסט זיך פון זיי אויסלערנען ז י נ ג ע ן!

מחמת זינגען איז גוט פאר געזונט־ווערענדע; דער געזונטער קאן ריידען. און ווען אויך דער געזונטער וויל הערען ליעדער, וויל ער דאך אנדערע ליעדער, איידער דער געזונט־ווערענדער.“

א, איהר חוזק־מאכער און דרעה־ארגלען, איז — שווייגט דאך! האט זאראטוסטרא געענטפערט און געשמייכעלט צו זיינע חיות, ווי גוט איהר ווייסט, וועלכע טרויסט איך האב מיר אליין אויסגעפונען אין די זיעבען טעג!

אז איך מוז ווידער זינגען, — א ט ד ע ם טרויסט האב איך מיר אויסגעפונען און א ט ד י געזונט־ווערונג: ווילט איהר תיכף אויך דערפון ווידער מאכען א גאסען־ליעדעל?“

— „רייד ניט מעהר, האבען איהם נאכאמאל געענטפערט

זיינע חיות; זודם מאך דיר בעסער; אָ, געזונט־ווערענדער, אַ לירע, אַ נייע לירע!

ווייל זעהסטו דאָך, אָ, זאַראַטוסטראַ, צו דיינע נייע ליעדער דאַרף מען אַ נייע לירע.

זינג און ברויז אריבער, אָ, זאַראַטוסטראַ, הייל מיט נייע ליעדער דיין נשמה: כדי דו זאָלסט קאָנען טראָגען דיין גרויסען שיקזאַל, וואָס איז נאָך קיין איין מענשענ'ס שיקזאַל נים געווען!

ווייל דיינע חיות ווייסען גאַנץ גוט, אָ, זאַראַטוסטראַ, ווער דו ביזט און ווער דו מוזט ווערען: זעה, דו ביזט דעה נביא פון דעם אייביגען ווידערקום, — דאָס איז שוין דיין שיקזאַל!

וואָס דו האָסט דער ערשטער געמוזט לערנען אַט די לעהרע, — ווי זאָל אַט דער גרויסער שיקזאַל נים זיין אויך דיין גרעסטע סכנה און קראַנקהייט!

זעה, מיר ווייסען וואָס דו לערנסט: אַז אַל־דאָס־דינג קעהרט זיך אייביג אום צוריק און מיר גופא מיט זיי, און אַז מיר זיינען שוין אייביגע מאָל דאָ געווען, און אַל־דאָס־דינג מיט אונז.

דו לערנסט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער יאָהר פון ווערען, אַן אומגעהויער פון אַ גרויסען יאָהר: ער מוז זיך, ווי אַ זאַמד־זייגער תמיד אויף דאָס ניי ווידער אומדרעהען, כדי ער זאָל אויפ'ס ניי אַפּלויפען און אויסגעהן: —

— אַזוי אַז אַלע יענע יאָהרען זיינען גלייך צו זיך אַליין אין גרעסט ווי אין קלענסט, — אַזוי, אַז אויך מיר גופא זיינען אין יעדען גרויסען יאָהר גלייך צו זיך גופא אין גרעסט ווי אויך אין קלענסט.

און אויב דו וואָלסט איצטער געוואָלט שטאַרבען, אָ, זאַראַטוסטראַ: זעה, מיר ווייסען אויך, ווי דו וואָלסט יעמאָלט גערעדט צו זיך: — אָבער דיינע חיות בעטען דיך, דו זאָלסט נאָך נים שטאַרבען.

דו וואָלסט גערעדט און אָהן ציטערן, גיכער אַפּאַטעמענדיג

אין גליק־געבענשטקייט: ווייל אַ גרויסע משא און דאגה וואָלט פון דיר אוועקגענומען געוואָרען, דו געדולדיגסטער! —

„איצט שטאַרב איך און פאַרשווינד, וואָלסטו געדעדט, און אין אַ רגע בין איך גאָרנישט. די נשמות זייגען אַקוראַט אַזוי שטאַרבליך ווי די גופים.

„אָבער עס קעהרט זיך אום דער קנויט פון אורזאַכען, אין וועלכען איך בין איינגעפלאָכטען, — ער וועט מיך ווידער באַשאַפען! איך גופא געהער צו די אורזאַכען פון דעם אייביגען ווידערקום.

איך קום ווידער אָט מיט דער זון, מיט אָט דער ערד, מיט אָט דעם אָדלער, מיט אָט דער שלאַנג — ניט צו אַ נייעם לעבען אָדער בעסערען לעבען אָדער אַן עהנליכען לעבען:

— איך קום אייביג ווידער צו אָט דעם גלייכען, און דעמזעלביגען לעבען, אין גרעסט ווי אויך אין קלענסט, כדי איך זאָל ווידער לערנען דעם אייביגען ווידערקום פון אַלע זאַכען, —

— כדי איך זאָל ווידער רעדען דאָס וואָרט פון דעם גרויסען העלען טאָג פאַר ערד און מענשען, כדי איך זאָל די מענשען ווידער אָנזאָגען די בשורה וועגען דעם אויבערמענש.

איך האָב מיין וואָרט געזאָגט, איך ווער צובראָכען אָן מיין וואָרט: אַזוי וויל דאָס מיין אייביגער גורל, — ווי אַן אָנזאָגער נעה איך צו גרונט!

די שעה איז שוין געקומען, אַז דער פאַרגעהענדער זאָל זיך אַליין בענשען. אַזוי, — אָ — ע נ ד י ג ט ז י ך זאַראַטוסטראַ'ס אונטערגעהן." — —

ווען די חיות האָבען אָט די ווערטער ארויסגערעדט, האָבען זיי געשוויגען און געוואַרט, אַז זאַראַטוסטראַ זאָל עפּעס צו זיי זאָגען: אָבער זאַראַטוסטראַ האָט ניט געהערט זייער שווייגען. ער איז גאָר געלעגען שטיל מיט פאַרמאַכטע אויגען, ווי אין שלאָף, הגם ער האָט ניט געשלאָפען: ווייל ער האָט זיך גראָד דורכגעשמועסט מיט זיין נשמה. די שלאַנג אָבער און דער אָדלער, אַז

זיי האָבען איהם דערזעהן אזא שוויינעדיגען, האָבען אָפּגעגעבען כבוד דער גרויסער שטיל טרום איהם און זיינען אָפּגעהיט צרויס.

* *

*

די גרויסע בענקשאַפט.

אַ, מיין נשמה, איך האָב דיך געלערנט צו זאָגען „היינט" ווי „שפּעטער־א־מאָל" און „פריהער־א־מאָל" און אוועקטאַנצען דיין ראָד איבער יעדען „היע" און „דאָ" און „דאָרטען".

אַ, מיין נשמה, איך לעיז דיך אויס פון אַלע ווינקלען, און האָב אויסגעקערט פון דיר דעם שטויב, די שפּינען און דעם בין־השמשות.

אַ, מיין נשמה, איך האָב אָראָפּגעוואַשען פון דיר די קליינע בושה און די ווינקעל־טוגענד און האָב דיך איינגערעדט צו שטעהן אַ נאַקעטע אַנטקעגען דער זון.

מיט דעם שטורעם, וואָס רופט זיך „גייסט", האָב איך גע־בלאָזען איבער דיין וואַלענדען ים; אַלע וואָלקענס האָב איך אוועק־געבלאָזען פון דאָרט, איך האָב דערוואָרגען די ווערגעריין גופא, וואָס רופט זיך „זינד".

אַ, מיין נשמה, איך האָב דיר געגעבען דאָס רעכט צו זאָגען „ניין", ווי דער שטורעם, און צו זאָגען „יע", ווי דער אָפענער הימעל זאָגט „יע": דו שטעהסט שטיל ווי דער ליכט־שיין און איצט געהסטו דורך פאַרניינענדע שטורעמס.

אַ, מיין נשמה, איך האָב דיר די פרייהייט צוריקגעגעבען איבער בעשאַפענעס און אומבעשאַפענעס: און ווער קען, ווי דו קענסט איהם, דעם תענוג פון דער צוקונפט?

אַ, מיין נשמה, איך האָב דיך געלערנט אַ פאַראַכטען, וואָס קומט ניט ווי אַ פרעסען פון אַ וואָרים, דאָס גרויסע, דאָס ליע־בענדע פאַראַכטען, וואָס ליעבט מעהר פאַר אַלץ, וואו עס פאַר־אַכט מעהר פאַר אַלץ.

אָ, מיין נשמה, איך האָב דיך אויסגעלערנט אזוי איינצוהיי־
רען, אז דו רעדסט איין צו זיך די גרונטען גופא: פונקט ווי די זון,
וואָס רעדט איין דעם ים צו איהר הויך.

אָ, מיין נשמה, איך האָב אוועקגענומען פון דיר אַל־דאָס
פאָלגען, קניע־בויגען און זאָגען: „האר"; דיך גופא האָב איך א
נאָמען געגעבען „קעהר און ווענד פון דער נויט" און „שיקזאל".

אָ, מיין נשמה, איך האָב דיר געגעבען נייע נעמען און פיעל־
פארביגע שפיעל־געצייג, איך האָב דיך אָנגערופען „שיקזאל" און
„ארומנעם פון די ארומנעמען" און די „נאָפעל־שנור פון דער
צייט" און די „אזורענע גלאָק".

אָ, מיין נשמה, דיין פלאַנץ־ערד האָב איך געגעבען טרינקען
יעדע קלוגשאפט, אלע נייע ווייִנען און אויך אלע ניט־צו־געדענקען־
ווי אלטע שטארקע ווייִנען פון דער קלוגשאפט.

אָ, מיין נשמה, יעדע זון האָב איך אויסגעגאָסען אויף דיר
און יעדע נאכט און יעדען שווייגען און יעדע בענקשאפט: —
ביזטו מיר דאָ אויסגעוואקסען ווי א ווייִנשטאָק.

אָ, מיין נשמה, איבער־רייך און שווער שטעהסטו איצט דאָ, א
ווייִנשטאָק מיט אָנגעגאָסענע אייטערס און מיט ענג צונויפגע־
דרוקטע ברוינע גאָלד־ווייִנטרויבען: —

— ענג צונויפגעדרוקט און געדריקט פון דיין גליק, אין וואר־
טען פון פיעל שפע און פארשעהמט נאָך פון דיין ווארטען.

אָ, מיין נשמה, עס איז ערגעץ ניטאָ א נשמה, וואָס זאָל מעהר
ליעבען און זיין מעהר ארומנעהמענד און מעהר אויסגעשפרייט!
וואו זיינען עתיד און עבר נעהענטער אין איינעם, איידער ביי דיר?

אָ, מיין נשמה, איך האָב דיר אלץ אוועקגעגעבען און אלע
מיינע הענט זיינען אָן דיר ליידיג געוואָרען: — און איצט! איצט
זינגסטו מיר שמייכלענדיג און פול מיט שווער־געמיט: „ווער פון
אונז דארף דאנקען? —

— דארף ניט דאנקען דער געבער, וואָס דער גענומער האָט

צענומען? איז שענקען ניט א גויט־באַדערפעניש? איז נעמען ניט — דערבאַרעמען זיך?

אַ, מיין נשמה, איז פאַרשטעה דעם שמייכעל פון דיין שוועד־געמיט: דיין איבער־רייכטום גופא שטרעקט איצטער אויס זיינע בענקענדע הענט!

דיין שפע בליקט אהין איבער אויפגעברויזטע ים׳ען און זוכט, און וואַרט; די בענקשאַפט פון דיין איבער־פול בליקט פון דיין שמייכלענדען אויגען־הימעל!

און באמת, אַ, מיין נשמה! ווער קאַן זעהן דיין שמייכלען און ניט צוגעהן אין טרערען? אפילו די מלאכים ווערען צוגאַנגען אין טרערען דורך דער איבער־גוטסקייט פון דיין שמייכלען.

דיין גוטסקייט און איבער־גוטסקייט, זיי זיינען דאָס, וואָס ווילען ניט קלאָגען און וויינען: און פון דעסטוועגען, אַ, מיין נשמה, בענקט דיין שמייכלען נאָך טרערען און דיין ציטערענדער מויל נאָך שלוכצען.

„איז יעדער וויינען ניט א קלאָגען? און יעדער קלאָגען ניט אן אָנקלאָג?" אזוי רעדסטו צו זיך אליין און דעריבער ווילסטו, אַ, מיין נשמה, ליעבערשט שמייכלען, איידער אויסגיסען דיין לייד.

— אין שטירצענדע טרערען אויסגיסען גאָר דיין לייד איבער דיין שפע און איבער דער גרויסער תשוקה פון דעם ווייגשטאָק צו דעם וויינגערטנער און דעם וויינטרויב־מעסער!

נאָר אויב דו ווילסט ניט וויינען, ניט אויסוויינען דיין פּורפּעלנעם שוועד־געמיט, איז וועסטו מוזען ז י נ ג ע ן, אַ, מיין נשמה! — זעה, איך אליין שמייכעל, ווען איך זאָג דיר אזוינס פאָראויס:

— זינגען מיט א ברויזענדען געזאַנג, ביז אלע ים׳ען ווערען שטיל, כדי איינצוהערען זיך אין דיין בענקשאַפט, —

— ביז עס שוועבט איבער שטילע פאַרבענקטע ים׳ען דאָס רודער־שיפעל, דער גילדערנער וואונדער, ארום וועמעס גאָלד עס שפּריגגען ארום אלע גוטע שלעכטע וואונדערליכע זאַכען: —

— אויף א סך גרויסע און קליינע חיות און אלץ, וואס האט גרינגע וואונדערליכע פיס, כדי צו קאנען לויפען אויף פיאליעט־בלאהע שטעגען, —

— אהין, צו דעם גילדערנעם וואונדער, דעם פריוויליגען רודער־שיף און צו זיין האר: דאס איז אבער דער וויינגערטנער, וואס ווארט מיט א דימענטענעם וויינטרויב־מעסער, —

— דיין גרויסער באפרייער, א, מיין נשמה, דער אהן־א־נאָ־מען — — פאר וועמען די געזאנגען פון דער צוקונפט וועלען ערשט א נאמען געפינען! און באמת, דיין אטעם דופטעט שוין מיט צוקונפטיגע געזאנגען, —

— שוין גליהסטו און טרוימסט, שוין טרינקסטו דארשטיג פון אלע טיעפע קלינגענדע טרויסט־ברונענס, שוין רוהט דיין שווער־געמיט אין דער גליק־געבענשטקיים פון צוקונפטיגע געזאנ־גען! — —

א, מיין נשמה, שוין האב איך דיר אלץ אוועקגעגעבען און אויך מיין לעצט, און אלע הענט מיינע זיינען אן דיר ליידיג גע־וואָרען: — וואס איך האב דיר געהייסען זינגען, זעהסט, אט דאס איז געווען מיין לעצט!

וואס איך האב דיר געהייסען זינגען, זאג איצטער, זאג: ווער פון אונז האט איצט צו דאנקען? — אבער נאך בעסער: זינג מיר, זינג, א מיין נשמה! און לאז מיך דאנקען! —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

*　*

*

דאָס אַנדער טאַנץ־ליעד.

1.

אין דיין אויג אריין האָב איך ניט לאַנג אריינגעקוקט, אַ לעבען: גאָלד האָב איך געזעהן פינקלען אין דיין נאַכט־אויג, —
ס'איז מיין הארץ געשטאַנען שטיל פון אָט דעם תענוג;

אַ גילדערנעם רודער־שיפעל האָב איך געזעהן פינקלען אויף נאַכטיגע וואסערען, אַ זינקענדען, טרינקענדען, וויעדער וויג־קענדען גילדערנעם שאָקעל־שיפעל.

אויף מיין פוס, וואָס האָט זיך געריסען צום טאַנץ, האָסטו געוואָרפען דיין בליק, אַ לאַכענדען, פרעגענדען, שמעלצענדען שאָ־קעל־בליק:

צוויי מאָל נאָר האָסטו אַ ריהר געטאָן דיינע קלאַפּערס מיט קליינע הענט — און שוין האָט מיין פוס זיך געשאָקעלט פון ברענענדער תשוקה צום טאַנץ.—

מיינע פוס־טרעטען האָבען זיך געבוימט, מיינע פוס־פינגער האָבען זיך איינגעהערט, דיך צו פאַרשטעהן: טראָגט דאָך דער טענצער זיין אויער — אין זיינע פינגער פון פוס!

צו דיר צו טו איך אַ שפרונג: אַנטלויפסטו צוריק פון מיין שפרונג; און פון דיינע לויפענדע, פליהענדע האָר זיך צינגעלט צו מיר נאָר אַ צונג!

אַוועקגעשפרונגען בין איך פון דיר און פון דיינע שלאַנגען: ביזטו געשטאַנען שוין האַלב צוגעקערט, דאָס אויג פול פאַרלאַנגען.

מיט קרומע בליקען — לערנסטו מיך קרומע וועגען; אויף וועגען קרומע לערנט מיין פוס — ממזר'ייען.

כ'האָב מורא פאַר דיר נאָהענט, איך ליעב דיך אין דער וויים.

דיין אנטרינען ציהט מיך, דיין מיך־זוכען פריהרט מיך:—איך לייד נאר וואס וואלט איך גריילעך פאר דיר נים געליטען!

ווענעם קעלט עס צינדט, ווענעם האס עס פארפיהרט, ווע־מעס אנטרינען עס בינדט, ווענעס שפאט — עס ריהרט:

— ווער האט דיך נים פיינט געהאט, דיך, גרויסע בינדערין, ארומוואנדערין, אויספראוווערין, זוכערין, געפינערין! ווער האט דיך נים האלט געהאט, דיך, דו אומשולדיגע, דיך, אומגעדולדיגע, ווי א ווינט איילינע, קינדער־אויגיגע זינדערין!

וואוהין ציעהסטו מיך איצט, דו וואונדער, דו צולאזענע מויד? איצט ווידער לויפסטו פון מיר, דו זיסער ווילד־שפרונג און אומדאנק!

איך טאנץ דיר נאך, איך געה דיר נאך אויף א שוואכער שפור. וואו ביזטו? גיב מיר די האנט! אדער א פינגער נאר!

דא זיינען הייהלען און גערדיכטעניש. מיר וועלען דא פאר־בלאנדזיען אומעטום.—שטעה! בלייב שטיל! זעהסט דען נים ווי אוהו'ס און פלעדערמייז פליהען דא ארום?

דו אוהו, דו פלעדערמויז! ווילסט מיר א שפיצעל שפיעלען? וואו זיינען מיר? פון הינט האסטו געלערנט דאס וואויען, דאס בילען.

ליעבליך ווייזטו מיר דיינע ווייסע צייהנדעלעך, פון דיינע לאַ־קען שפרינגען אויף מיר דיינע בייזע אויגעלעך!

דאס איז א טאנץ איבער האלץ און שטיין: איך בין דער יעגער, — ווילסטו מיין הונט אדער מיין געמזע זיין?

איצט נעבען מיר! און געשווינט, דו בייזהאפטע שפרינגערין. איצטער ארויף! און אריבער אהין! — וועה! דא בין איך אין שפרינגען אנידערגעפאלען אליין!

א זעה, ווי איך ליג, דו איבערמוט, און בעט דיין גענאד! גריילעך וואלט איך מיט דיר געגאנגען אין א ליעבליכערען פאד!

— אין דעם סאַד פון ליעבע דורך שטילע פיעל־פאַרביגע בוימ־לעך, אָדער דאָרטען ביים ברעג פונ'ם וואַסער: וואו'ס שווימען און טאַנצען די גילדערנע פישלעך.

דו ביזט איצטער מיעד? אויף יענער זייט זיינען שעפּסען און אָוועגט־רויטען: איז דאָס דען ניט שעהן, צו שלאָפען, ווען פאַסטוכער פלויטען?

ביזטו דען מיעד אַזוי שטאַרק? איך טראָג דיך אַהין, לאָז די אָרעמס נאָר זינקען! און טאָמער ביזטו דורשטיג—האָב איך שוין וואָס, נאָר דיין מויל וועט ניט ווע לען דאָס טרינקען!—

— אָ, דו פאַרשאָלטענע פלינקע און בויגיגע שלאַנג, דו מכשפה! וואו ביזטו פאַרשוואונדען? אָבער אין פנים פיהל איך פון דיין האַנט צוויי רויטע פליאַמעס און וואונדען.

איך בין בנאמנות שוין מאַט, כסדר דיין שעפּסענער פאַסטעך צו זיין! מכשפה, האָב איך ביז אַהער רק געזונגען פאַר דיר, איצט וועסטו ביי מיר נעמען שרייען!

נאָך דעם טאַקט פון מיין בייטש זאָלסטו מיר טאַנצען און שרייען! איך האָב דאָך די בייטש ניט פאַרגעסען? אָ, ניין! —

* *
*

האָט מיר דאָס לעבען דערויף אַזוי געענטפערט און — האָט זיך דערביי איהרע שעהניגקע אויערען צוגעהאַלטען:

„אָ זאַראַטוסטראַ! קנאַק דאָך ניט אַזוי אימה'דיג מיט דיין בייטש! דו ווייסט עס דאָך: דער ליאַרעם טויט אַוועק געדאַנקען,

— און גראָד איצט קומען צו מיר אַזעלכע צערטליכע געדאַנקען.

מיר זיינען ביידע צוויי עכטע טו־ניט־גוטע און טו־ניט־שלעכטע. פון יענער זייט גוט און שלעכט האָבען מיר געפונען

אונזער אינזעל און אונזער גרינע לאנע — מיר צוויי אליין! דער ריבער מוזען מיר מיטאנאנדער גוט זיין!

און אויב אפילו מיר ליעבען זיך ניט פון גאנצען הארצען, — איז—מוז מען דען זיין ברוגז, ווען מען ליעבט זיך ניט פון גאנצען הארצען?

און אז איך בין גוט צו דיר און אפטמאל צו גוט, דאס ווייסט און דער טעם איז, ווייל איך בין איינפערזיכטיג אויף דיין קלונגשאפט! אך, אט די משוגענע אלטע טפשה קלינגשאפט!

זאל דיין קלוגשאפט א מאל אוועקלויפען פון דיר, אך! דערמאלט וועט אויך מיין ליעבע שנעל אנטלויפען פון דיר." —

דערנאך האט דאס לעבען געדאנקען־פול א קוק געטאן אהינטער זיך און ארום זיך און האט געזאגט שטילערהייד: „א זאראטוסטרא, דו ביזט מיר ניט גענוג טריי!

דו ליעבסט מיך נאך גאר ניט אזוי שטארק, ווי דו זאגסט; איך וויים, דו קלעהרסט מיך באלד צו פארלאזען.

עס איז פאראן אן אלטע שווערע ברום־גלאק: זי ברומט בייגאכט ביז צו דיין הייהל ארויף:—

הערסטו אט די גלאק שלאגען האלבע נאכט, דעמאלט קלעהרסטו צווישען איינס און צוועלף —

— דו קלעהרסט וועגען דעם, א זאראטוסטרא, איך וויים דאס, אז דו ווילסט מיך באלד פארלאזען"! —

„יע, האב איך געענטפערט איינגעהאלטען, אבער דו ווייסט דאך אויך—" און איך האב איהר עפעס געזאגט אין אויער אריין, אין מיטען צווישען איהרע פארווירטע געלע נארישע האר־קאלטענס.

„דו ווייסט דאס, א זאראטוסטרא? דאס וויים קיינער נים. — — "

און מיר האבען געקוקט איינס אויף דעם אנדערען, און געבליקט אויף דער גרינער לאנע, איבער וועלכער דער קיהלער אווענט

איז גראָד געפאַלען און האָבען אין איינעם געוויינט. — דעמאָלט אָבער איז מיר מיין לעבען געווען ליעבער ווי ווען עס איז מיין שלוגשאפט. —

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *
*

3.

איינס!

אָ מענש! גיב אכט!

צוויי!

וואס רעדט די טיעפע האַלבע נאַכט?

דריי!

„מיין שלאָף האָט לאַנג געוועהרט, —

פיער!

„בין אויפגעוואכט פון טיעפען טרוים: —

פינף!

די וועלט — אַ טיעפער תהום,

זעקס!

„נאָך טיעפער, איידער ס׳האָט דער טאָג געקלעהרט.

זיעבען!

„טיעף איז איהר וועה —,

אַכט!

„די לוסט — נאָך טיעפער איידער הארצענס-לייד:

נייען!

„וועה זאָגט: פאַרגעה!

צעהן!

„נאַר יעדע לוסט וויל אייבינקייט—,

עלף!

„—וויל טיעפע, טיעפע אייביגקייט!“

צוועלף! *)

* *
*

*) אַנמערקונג פון דעם איבערזעצער. דער ערשטער אָפּשניט פון „דעם אַנדערען טאַנץ־ליעד“ איז געשריבען אין האַלב־פּראָזע, האַלב־שיר מיט אַ סך גראַמען. די ענגלישע און העברעאישע איבערזעצער האָבען גע־מוזט — ווי דאָס ווערט געטאָן כמעט ביי י ע ד ע ר איבערזעצונג פון אַ שיר — אַרויסוואַרפען, צושטעלען און פאַרענדערען ווערטער, כדי אויך די איבערזעצונג זאָל אַרויסקומען געגראַמט.

מיר האָבען אונז אַזאַ פרייהייט מיט ניעטצשע'ס וואָרט ניט געקאָנט אין גאַנצען ערלויבען און האָבען — וואו מיר האָבען קיין בעסערס ניט געקאָנט — בעסער געאָפּפערט דעם גראַם, איידער דעם טעקסט.

אַן אויסנאַם האָבען מיר געמוזט מאַכען צוליעב דעם ד ר י ט ע ן אָפּשניט פון דעמזעלביגען טאַנץ־ליעד, ווייל ער איז אויך לויט זיין אוי־סערער פאָרם געשריבען ווי אַ שיר. דאָ האָבען מיר ליכט פאַרענדערט צוויי שורות. „מיין שלאָף האָט לאַנג געוועהרט“ איז ביי ניעטצשע'ן: „איך שליעף, איך שליעף“ און „די וועלט — אַ טיעפער תהום“ איז ביי איהם: „די וועלט איז טיעף“.

די זיעבען חתימות

(אָדער: דאָס ליעד פון יע און אמן)

1.

אויב איך בין אַ וואָהרזאָגער און פול פון יענעם וואָהרזאָגע־רישען גייסט, וואָס וואנדערט אויף דעם הויכען באַרג־רוקען — צווישען צוויי ים׳ען, —

וואנדערט ווי אַ שווערער וואָלקען צווישען עבר און עתיד, — אַ פיינד פון שטיקענד־הייסע ניעדערונגען און פון אַלץ, וואָס איז איינגעמאַטערט און וואָס קאָן ניט: ניט שטאַרבען און ניט לעבען:

אָנגעגרייט צו דעם בליץ אין דעם טונקעלען בוזים און צו דעם אויסלייזענדען ליכט־שטראַל, שוואַנגער פון בליצען, וואָס זאָגען יע!, לאַכען יע! צו די וואָהרזאָגערישע בליץ־שטראַלען: —

גליק־געבענשט אָבער איז דער, וואָס איז שוואַנגער אַזוי! און באמת, לאַנג מוז הענגען אויף דעם באַרג יענער, ווער עס זאָל אַמאָל אָנצינדען דאָס ליכט פון דער צוקונפט! —

אָ, ווי זאָל איך ניט ברענען אין תשוקה נאָך דער אייביגקייט און נאָך דעם קידושין־רינג פון אַלע ריגנען, — דעם רינג פון ווידערקום?

איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געפונען אַ ווייב, וואָס פון איהר וואָלט איך וועלען האָבען קינדער, אחוץ אָט דאָס ווייב, וואָס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

* *
*

2.

אויב מיין צאָרן האָט ווען קברים געבראָכען, גרעניץ־שטיינער אריבערגערוקט און אַלטע טאָוולען אראָפּגעקאָלערט, צובראָכענע, אין שארף־משופּע׳יגע טיעפען:

אויב מיין הויז האָט ווען צובלאָזען פאַרפוילטע ווערטער און איך בין ווי אַ בעזים געקומען פאַר די צלם־שפּינען און ווי אַ רייניגענדער ווינט פאַר אַלטע פאַרדומפּענע קברים־הייזלעך:

אויב איך בין אין שמחה געזעסען, וואו אַלע געטער ליגען באַגראָבען, בענשענדיג די וועלט, ליעבענדיג די וועלט נעבען די מצבות פון אַלטע וועלט־פאַרשווארצער: —

מחמת איך האָב ליעב אפילו קלויסטערס און געטער־קברים האָב איך ליעב, ווען נאָר דער הימעל קוקט אַריין מיט ריינע אויגען דורך זייערע צובראָכענע דעכער; גריילעך זיץ איך, ווי גראָז און רויטער מאָהן, אויף צובראָכענע קלויסטערס —

אָ, ווי זאָל איך ניט ברענען אין תשוקה נאָך דער אייביגקייט און נאָך דעם קידושין־רינג פון אַלע רינגען — דעם רינג פון דעם ווידערקום?

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפונען אַ ווייב, וואָס פון איהר וואָלט איך וועלען האָבען קינדער, אחוץ אָט דאָס ווייב, וואָס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

*   *

*

3.

אויב אַן אָטעם איז געקומען צו מיר פון יענעם בעשאַפערישען אָטעם און פון יענער הימעלשער נויט, וואָס צווינגט אפילו די צופאַלען, זיי זאָלען טאַנצען אַ שטערען־ראָד:

אויב איך האָב ווען געלאַכט אַ לאַכען פון אַ בעשאַפערישען בליץ, וואָס נאָך איהם טוט דער לאַנגער דונער פון דער טאַט דונז'דיג אָבער פאָלגענדיג נאָכגעהן:

אויב איך האָב ווען אויף דעם געטער־טיש פון דער ערד מיט געטער איןביינדלעך געשפּיעלט, אַז די ערד האָט געציטערט און זיך געשפּאָלטען, און האָט פייער־שטראָמען אַרויסגעפּרייכט:

מחמת די ערד איז אַ געטער־טיש, און זי ציטערט פון בעשעפערישע נייע ווערטער און געטער־וואָרפען: —

אָ, ווי זאָל איך ניט ברענען אין תשוקה נאָך דער אייביגקייט און נאָך דעם קידושין־רינג פון אַלע רינגען, — דעם רינג פון דעם ווידערקום?

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפונען אַ ווייב, וואָס פון איהר וואָלט איך וועלען האָבען קינדער, אַ־חוץ אָט דאָס ווייב, וואָס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקייט!

* *

*

4.

אויב איך האָב ווען מיט פולען שלונג געטרונקען פון יענעם שוימענדען געווירץ־ און מיש־קרוג, אין וועלכען אַלע זאכען זיינען געמישט:

אויב מיין האַנט האָט ווען אריינגעגאָסען די וויטסטע וויט אין דער נאָהענט, און פייער אין דעם גייסט, און לוסט אין דער פיין, און דאָס ערגסטע אין דאָס גוטינסטע:

אויב איך נופא בין אַ קערענדעל פון יענעם אויסלייזענדען זאַלץ, וואָס מאכט, אַלע זאכען זאָלען זיך גוט אויסמישען אין דעם מיש־קרוג: —

מחמת עס איז פאַראַן אַ זאַלץ, וואָס באַהעפט גוטס מיט שלעכטס, און אויך די גרעסטע בייז איז חשוב צו זיין אַ געווירץ און צוליעב דעם לעצטען אריבערשוים: —

אָ, ווי זאָל איך ניט ברענען אין תשוקה נאָך דער אייביגקייט און נאָך דעם קידושין־רינג פון אַלע רינגען, — דעם רינג פון דעם ווידערקום?

נאָך קיינמאָל האָב איך נים געפונען קיין ווייב, וואָס פון איהר וואָלט איך וועלען האָבען קינדער, אַ־חוץ אָט דאָס ווייב, וואָס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקיים!

וויי ל איך ליעב דיך, אָ אייביגקיים!

*   *

*

5.

אויב איך האָב האָלד דעם ים און אַלץ וואָס איז פון דעם ים'ס טבע, און נאָך העלסער דעמאָלט, ווען ער רעדט מיר אנטקעגנען אין צאָרן:

אויב אין מיר איז פאַראַן יענע זוכענדע לוסט, וואָס טרייבט מיינע שיף־לייוועגטען צו דעם נאָך נים־ענטדעקטען, אויב אַ ים־פאָהרער־לוסט איז פאַראַן אין מיין לוסט:

אויב מיין ווירבעל־פרייד האָט ווען אויסגערופען: „דער ברעג איז פאַרשוואונדען—איצט איז אַראָפּגעפאַלען פון מיר די לעצטע קיים —

דער אָהן־אַ־גרענעץ ברויזט אַרום מיר, ווייט אַרוים גלאַנצט פאַר מיר דער חלל און די צייט, מוטיג! מיט גליק! דו אַלטע האַרץ!“ —

אָ, ווי זאָל איך נים ברענען אין תשוקה נאָך דער אייביגקייט און נאָך דעם קידושין־רינג פון אַלע רינגען, דעם רינג פון דעם וויעדערקום?

איך האָב נאָך קיינמאָל נים געפונען אַ ווייב, וואָס פון איהר וואָלט איך קינדער האָבען געוואָלט, אַ־חוץ אָט דאָס ווייב, וואָס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקיים!

ווייל איך ליעב דיך, אָ אייביגקיים!

*   *

*

6.

אויב מיין טונענד איז די טוגענד פון א טענצער און איך האב אפט מיט ביידע פיס פריידיג געשפרונגען אין א גאלד־סמא־ראגדענעם עקסטאז:

אויב מיין רשעות איז א לאכענדע רשעות, און איהר היים איז צווישען רויזען־צווייגען און ליליען־בייטען:

מחמת אין דעם לאכען איז אל׳־דאס־בייז אין איינעם, נאר געהייליגט און גערייניגט דורך זיין אייגענער גליק־געבענשט־קיים: —

אויב דאס איז מיין אלף און תיו, אז יעדע שווערקייט זאל ווערען גרינג און יעדער גוף — א טענצער, און יעדער גייסט — א פויגעל: און באמת, דאס איז מיין אלף און תיו! —

א, ווי זאל איך ניט ברענען אין תשוקה נאך דער אייביגקייט און נאך דעם קידושין רינג פון אלע רינגען, — דעם רינג פון דעם ווידערקום?

איך האב נאך קיינמאל ניט געפונען א ווייב, וואס פון איהר וואלט איך געוואלט האבען קינדער א־חוץ את דאס ווייב, וואס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, א אייביגקייט!

ווייל איך ליעב דיך, א אייביגקייט!

* *

*

7.

אויב איך האב ווען איבער מיר שטילע הימלען פאנאנדער־געשפרייט און בין מיט אייגענע פליגלען אין אייגענע הימלען גע־פלויגען:

אויב איך בין שפיעלענדיג אין טיעפע ליכט־ווייטען ארומ־געשוואומען און צו מיין פרייהייט און פויגעל־קלוגשאפט געקו־מען —

די פויגעל־קלוגשאפט רעדט אבער אזוי: „זעה, עס איז ניטא

קיין אויבען און קיין אונטען! ווארף דיך ארום, ארויס, צוריק, דו גרינגער! זינג! רייד ניט מעהר!

— „זיינען דען ניט אלע ווערטער געמאכט געווארען פאר די שווערע? לאיגען דען ניט אלע ווערטער דעם גרינגען? זינג! רייד ניט מעהר!" —

א, ווי זאל איך ניט ברענען אין תשוקה נאך דער אייביגקייט און נאך דעם קידושין־רינג פון אלע רינגען, — דעם רינג פון דעם ווידערקום?

איך האב נאך קיין מאל ניט געפונען א ווייב, וואס פון איהר וואלט איך געוואלט האבען קינדער, א־חוץ אט דאס ווייב, וואס איך ליעב: ווייל איך ליעב דיך, א אייביגקייט!

ווייל איך ליעב דיך, א אייביגקייט!

* *

*

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא

פיערטער און לעצטער טייל.

אַך, וואו אין דער וועלט האָבען פּאַסירט גרעסע־רע נאַרישקייטען ווי ביי די בעלי־רחמים? און וואָס אין דער וועלט האָט אָנגעטאָן מעהר יסורים איידער די טפּשות פון די בעלי רחמים?

וועה צו אַלע לעבעדיגע, וואָס האָבען נאָך ניט דערגרייכט צו אַ הויך, וואָס שטעהט איבער זייער רחמנות.

אַזוי האָט צו מיר אַמאָל געזאָגט דער טייוועל: „אויך גאָט האָט זיין גיהנום: דאָס איז זיין ליעבע צו די מענשען".

און אַנומעלט האָב איך איהם געהערט זאָגען אָט די ווערטער: „גאָט איז טויט; פון זיין מיטלייד מיט די מענשען איז גאָט געשטאָרבען". —

(אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ, II, ז. 117.)

דער האָניג־קרבן.

— און ווידער זיינען פאַרביי געלאָפען חדשים און יאָהרען איבער זאַראַטוסטראַ'ס נשמה, און ער האָט ניט געטראַכט וועגען דעם; זיינע האָר אָבער זיינען וויים געוואָרען. איין מאָל, אַז ער איז געזעסען אויף אַ שטיין פאַר זיין הייהל און האָט שטיל גע־קוקט אין דער ווייט — מען קוקט אָבער פון דאָרטען אַרוים אויפ'ן ים און ווייטער איבער געשלענגעלטע אָפּגרונטען, — זיינען די שטוב־חיות זיינע אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט אַרום איהם און האָבען זיך לסוף אַוועקגעשטעלט פאַר איהם.

„אָ, זאַראַטוסטראַ, האָבען זיי געזאָגט, דו קוקסט מסתמא אַרוים אויף דיין גליק?" — „וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס גליק! האָט ער געענטפערט, איך טראַכט שוין לאַנג ניט מעהר וועגען גליק, איך טראַכט וועגען מיין ווערק". — „אָ, זאַראַ־טוסטראַ, האָבען די חיות נאָך אַמאָל געזאָגט, דאָס רעדסטו, ווי איינער, וואָס איהם איז צו גוט. ליעגסטו ניט אין אַ הימעל־בלויען ים פון גליק?" — „איהר חוזק־טרייבער, האָט זאַראַטוסטראַ געענטפערט און געשמייכעלט, ווי גוט האָט איהר אויסגעקליבען אייער פאַרגלייך! אָבער איהר ווייסט אויך, אַז מיין גליק איז שווער און ניט ווי אַ פליסיגע וואַסער־אינד: עס דריקט מיך און וויל ניט אַוועק פון מיר, און פיהרט זיך אויף, ווי געשמאָלצענע פעך". —

זיינען די חיות ווידער אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט אַרום איהם און האָבען זיך אָבער־אַ־מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר איהם. „אָ, זאַראַטוסטראַ, האָבען זיי געזאָגט, ד ע ר פ ו ן, הייסט עס, קומט דאָס, וואָס דו גופא ווערסט אַלץ געלער און טונקעלער, הגם דיינע האָר זעהען אוים וויים ווי פלאַקס? זעה אָקאָרשט, דו זיצסט אין דיין פעך!" — „וואָס רעדט איהר דאָ אַזוינס, מיינע חיות, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט און געלאַכט דערביי, באמת, איך האָב גע־

לעסטערט, ווען איך האָב גערעדט וועגען פעך. וואָס עס געשעהם מיט מיר, אַזוי קומט דאָס פאַר מיט אַלע פּירות, וואָס ווערען צייטיג. דער האָניג אין מיינע אָדערען מאַכט דאָס מיין בלוט־דיקער און מיין נשמה שטילער". — „הפּנים ס'איז אַזוי, זאַראַטוסטראַ, האָבען די חיות געענטפערט און זיך געדריקט אַרום איהם; ווילסטו אָבער היינט ניט אַרויפשטייגען אויף אַ הויכען באַרג? די לופט איז ריין און מען זעהט היינט מעהר פון דער וועלט איידער ווען אַן אַנדערס מאָל." — „יע, מיינע חיות, האָט ער געענטפערט, אייער עצה איז אויסטערליש און מיר צום האַר־צען: איך וועל היינט אַרויפשטייגען אויף אַ הויכען באַרג! אָבער זעהט, אַז דאָרטען זאָל מיר האָניג זיין ביי דער האַנט, געלער, ווייסער, גוטער, אייז־פרישער, גאָלדיגער וואַפּעל־האָניג, ווייל זייט וויסען, איך וויל דאָרטען אויבען מקריב זיין אַ האָניג־קרבן". —

אַז זאַראַטוסטראַ איז אָבער געווען אויבען אויף דער הויך, האָט ער אַוועקגעשיקט אַהיים די חיות וואָס האָבען איהם באַגלייט, און האָט דערזעהען, אַז ער איז שוין אַליין: — האָט ער געלאַכט פון גאַנצען האַרצען, האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט אַזוי גערעדט:

וואָס איך האָב גערעדט וועגען קרבנות און האָניג־קרבנות, דאָס איז נאָר געווען אַ שפּיצעל פון מיינע רייד און, בנאמנות, אַ ניצ־ליכע שטות! דאָ אויבען מעג איך שוין ריידען פרייער, איידער פאַר די מתבודד־הייהלען און פאַר די שטוב־חיות פון אַ מתבודד.

וואָס מיר קרבנות! איך פאַרשווענד, וואָס מען האָט מיר געשענקט, איך, דער פאַרשווענדער מיט טויזענד הענט: ווי טאָר איך דאָס נאָך אָנרופען אַ קרבן!

און ווען איך האָב געבעטען האָניג, האָב איך נאָר געבעטעי אַ רוף־שפּייז, זיסע לאַקרעץ און מעד, וואָס נאָך זיי לעקען ח ליפּען אפילו די ברום־בערען און די וואונדערליכע, פאַרברוגז'טע בייזע פויגלען:

די בעסטע ציעה־שפּייז, ווי די וואָס די יעגער און די פישער דאַרפען זי. ווייל אויב די וועלט איז אַ פינסטערער וואַלד מיט

חיות און פאר אַלע ווילדע יעגער אַ לוסט־גאַרטען, דוכט זיך מיר ליעבערשט, אַז זי איז נאָך מעהר אַן אַפגרונט־טיעפער, רייכער ים.

— אַ ים פול פיעלפאַרביגע פיש און קרעבסען, וואָס אפילו געטער וואָלטען וועלען ווערען זיינע פישער און נעצען־אויסשפּריי־טער: אַזוי רייך איז די וועלט אין וואונדערליכע זאַכען, גרויסע און קליינע!

בפרט די מענשען־וועלט, דער מענשען־ים: אין א י ה ם פאַרוואַרף איך מיין גילדערנע פאַנג־רוט און זאָג: עפען זיך, דו מענשען־אַפּגרונט!

עפען זיך און וואַרף מיר צו דיינע פיש און גלימצער־קרעב־סען! מיט מיין ציעה־שפּייז ציעה איך מיר היינט־צו די וואונ־דערליכסטע מענשען־פיש!

— מיין גליק גופא וואַרף איך אויס אין אַלע ברייטען און ווייטען, צווישען מזרח, דרום און מערב, אפשר וועלען אַ סך מענ־שען־פיש זיך אויסלערנען צו צופּען און צו צאַפּלען זיך,

ביז זיי וועלען זיך אַנבייסען אַן מיינע שפּיציגע פאַרבאָרגענע העקלעך און וועלען מוזען אַרויף צו מ י י ן הויך, די פיעל־פאַר־ביגסטע אַפּגרונט־גרונט־פיש צו דעם בייזהאַפּטיגסטען פון אַלע מענשען־פישער.

מחמת אָט ד אָ ס בין איך פון גרונט אויס און פון אָנהויב אָן, אַ ציהענדער, צוציהענדער, אַרויפציהענדער און אַרויסציהענ־דער, אַ ציעהער, ערציהער און אויפציה־מייסטער, וואָס האָט ניט אומזיסט אַמאָל געזאָגט צו זיך: „ווער דאָס, וואָס דו ביסט!“

אויף אַזאַ'ן אופן זאָלען איצט די מענשען אַ ר ו י ף קומען צו מיר: ווייל איך וואַרט נאָך אויף די סימנים, אַז עס איז געקו־מען די צייט פון מיין אַראָפּגאַנג; איך גופא געה נאָך ניט אונטער צווישען מענשען, ווי איך מוז.

אָט דערויף וואַרט איך דאָ, פוקסענקלוג און שפּאָטיש, אויף די הויכע בערג. ניט קיין אומגעדולדיגער, ניט קיין געדולדיגער,

נייערט איינער, וואָס האָט אויך פאַרגעסען די גדולה, — ווייל ער־טוט מעהר ניט „דולדען".

מחמת מיין שיקזאַל לאָזט מיר צייט: ער האָט משמעות מיך פאַרגעסען? אָדער זיצט ער אין שאָטען הינטער אַ שטיין און כאַפּט פליגען?

און בנאמנות, איך בין מיט איהם גוט־פריינד, מיט מיין אייביגען שיקזאַל, דערפאַר, וואָס ער יאָגט מיך ניט און שטעהט ניט צו און גיט מיר צייט פאַר שפּאַסען און רשעות'ען: איז — בין איך היינט אַרויף אויף אַט דעם הויכען באַרג צו כאַפּען פיש.

האָט הפּנים אַ מענש ווען פיש געכאַפּט אויף הויכע בערג?

און ווען אפילו עס איז אַ נאַרישקייט, וואָס איך וויל טאָן דאָ אויבען: אַלץ בעסער, איידער דאָרטען אונטען ווערען שטייף־ערנסט איבער'ן וואַרטען און גרין און געל —

— אַ צאָרן־פּרייכער אויף שטעלצעס — איבער'ן וואַרטען; אַ הייליגער קלאָג־שטורעם פון די בערג, אַן אומגעדולדיגער, וואָס רופט אַראָפּ אין די טאָלען: „הערט זיך איין, אַז ניט שמייס איך אייך מיט גאָט'ס בייטש!"

אויף די צאָרענדיגע בין איך חלילה ניט בייז דערפאַר! זיי זיינען מיר נענוג גוט צום לאַכען! זיי מוזען שוין זיין אומגע־דולדיג יענע גרויסע ליאַרעם־באַראַבאַנעס, וואָס מוזען האָבען אַ וואָרט דוקא היינט אָדער קיינמאָל ניט!

איך אָבער און מיין שיקזאַל — מיר רעדען ניט צו דעם היינט, מיר ריידען אויך ניט צו דעם קיינמאָל־ניט: מיר האָבען שוין צום ריידען געדולד און צייט און איבער־צייט. ווייל ווען עס איז מוז ער דאָך קומען און טאָר ניט פאַרבייגעהן.

ווער מוז ווען עס איז קומען און טאָר ניט פאַרבייגעהן? אונ־זער גרויסער האַזאַר*), דאָס איז די גרויסע ווייטע מענשען־ממשלה, די זאַראַטוסטראַ־ממשלה פון טויזענט יאָהר — —

*) אַ פּערסיש וואָרט פאַר דער טויזענט יעהריגער ממשלה: „האַזאַ־ראַ"—טויזענט. — זש.

ווי ווייט קאָן זיין אזא „ווייט“ ? וואָס זאָל דאָס מיך ארען? אָבער פון דעסטוועגען איז דאָס ביי מיר ניט ווענינער פעסט, — מיט ביידע פיס שטעה איך זיכער אָט אויף דעם גרונט, —

אויף אָן אייביגען גרונט, אויף הארטע אור־שטיינער, אָט אויף דעם העכסטען, הארטעסטען אור־בארג, וואָס צו איהם קומען אלע ווינטען, ווי צו א שטורעם־פאַנאנדערשייד, און פרעגען מכח וואו? און פון וואַנען? און וואוהין?

אָט דאָ לאַך, לאַך, מיין העלע, געזונטע בייזקייט! פון הויכע בערג ווארף אראָפּ דיין גלימצערנדען שפּאָט־געלעכטער! ציה מיר צו מיט דיין גלימצערן די שענסטע מענשען־פיש!

און וואָס עס געהערט מ י ר אין אלע ים'ען, מיין אין־און־פאַר־מיר־גופא אין אלע זאכען — אָט ד אָ ס פיש מיר ארויס, דאָס פיהר צו מיר ארויף: דערויף ווארט איך, דער בייזהאפטינסטער פון אלע פיש־פאַנגערס.

ארויס, ארויס, מיין פאנג־העקעל! אריין, אראָפּ, רוף־שפּיין פון מיין גליק! בייס זיך אריין, מיין פאנג־העקעל, אין דעם בויך פון גאָר דעם שווארצען אומעט!

קוק ארויס, קוק ארויס מיין אויג, אָ, וואָס פאַר פולע ים'ען ווי א רינג ארום מיר, וואָס פאַר אויפבאַגינענדע מענשען־צוקונפטען! און איבער מיר — וואָס פאַר א ראָזענרויטע שטילקייט! וואָס פאַר א שווייגען אָהן וואָלקענס!

* *

*

א געשריי אין נויט.

אויף מאָרגען איז זאראַטוסטרא ווידער געזעסען אויף זיין שטיין, בעת די חיות האָבען זיך ארומגעטראָגען דרויסען אין דער וועלט, כדי צו ברענגען נייע חיונה אהיים, — אויך נייען האָניג: ווייל דעם אלטען האָניג האָט זאראַטוסטרא פארטאָן און פאַרשווענדעט ביז צום לעצטען טראָפּען. ווי ער איז אָבער אזוי געזעסען, מיט א שטעקען אין דער האַנד און נאָכגעצייכענט אויף

דער ערד דעם שאָטען פון זיין געשטאַלט, פאַרטיעפט אין געדאַנק; און בנאמנות! ניט וועגען זיך און זיין שאָטען — ערשט פלוצים האָט ער זיך דערשראָקען און איז פאַרציטערט געוואָרען: ווייל ער האָט נעבען זיין שאָטען דערזעהן נאָך אַן אַנדער שאָטען. און אַז ער האָט שנעל אַ קוק געטאָן ארום זיך און איז אויפגעשטאַנען, ערשט נעבען איהם איז געשטאַנען דער וואָהרזאָגער, דער אייגענער, וועמען ער האָט אַמאָל געגעבען ביי זיין טיש שפּייז און געטראַנק, דער אָנזאָגער פון דער גרויסער מאַטקייט, וואָס האָט געלערנט: „אַלץ איז אַלץ־איינס, קיין זאַך לוינט זיך ניט, וועלט איז אָהן אַ זין, וויסען ווערגט". אָבער זיין פּנים איז מיט דער צייט געוואָרען אַן אַנדערער; און אַז זאַראַטוסטראַ האָט איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען, איז זיין האַרץ ווידער־אַ־מאָל דערשראָקען געוואָרען: אַזוי פיעל שלעכטע בשורות און אַש־גראָהע בליצען זיינען דורכגעלאָפען איבער זיין פּנים.

וואָהרגעוואָרען וואָס עס קומט פאָר אין זאַראַטוסטראַ'ס נשמה, האָט דער וואָהרזאָגער זיך אַ וויש געטאָן זיין פּנים מיט דער האַנט, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט איהם אָוועקווישען; אויך זאַראַטוסטראַ האָט געטאָן דאָס אייגענע. און אַז ביידע האָבען אַזוי געשוויגען, זיך געשטאַרקט און צו זיך געקומען, האָבען זיי זיך געגעבען די הענט, ווי אַ סימן, אַז זיי ווילען ווידער זיין בעקאַנט איינער מיט דעם אַנדערען.

„ברוך הבא, דו וואָהרזאָגער פון דער גרויסער מאַטקייט, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט, ניט אומזיסט ביסטו אַמאָל שוין געווען מיין אורח און טיש־פריינד. עס און טרינק אויך היינט ביי מיר און נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס אַן אַלטער פאַרגעניגטער מאַן זיצט מיט דיר ביים טיש!" — „אַ פאַרגעניגטער אַלטער מאַן?" האָט געענטפערט דער וואָהרזאָגער און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ווער אָבער דו זאָלסט אָדער ווילסט ניט זיין, אַ זאַראַטוסטראַ, דאָ אויבען ביסטו געווען שוין צו לאַנג, — דיין שיפעל זאָל אין גיכען ניט מעהר ליעגען אויף דער יבשה." — „זיץ איך דען אויף דער

יבשה?" — האָט זאַראַטוסטראַ געפרעגט מיט אַ געלעכטער. — „די וואָלטן ארום דיין בארג, האָט דער וואָהרזאָגער געענטפערט, שטייגען און שטייגען, די וואָלטן פון גרויסער נויט און אומעט: זיי וועלען באַלד אויך דיין שיפעל אויפהויבען און דיך אוועקטראָגען פון דאַנען". — האָט זאַראַטוסטראַ געשוויגען און זיך געוואונדערט. — „הערסטו נאָך גאָרנישט? האָט דער וואָהרזאָגער ווייטער גערעדט: רוישט־און־ברויזט עס ניט אַרויף פון דער טיעף?"— זאַראַטוסטראַ האָט ווידער געשוויגען און האָט זיך צוגעהערט: האָט ער דערהערט אַ לאַנגען, לאַנגען געשריי, וואָס די אָפּגרונטען האָבען געוואָרפען איינער צו דעם אַנדערען און ווייטער געגעבען, ווייל קיינער האָט איהם ניט געוואָלט האַלטען: אַזוי ביטער איז געווען זיין קלאַנג.

„דו שלימער אָנזאָגער, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט לסוף, דאָס איז אַ נויט־געשריי און דער געשריי פון אַ מענשען; ער קומט משמעות פון אַ שוואַרצען ים. אָבער וואָס זאָל מיך אַהרען מענשען־נויט! מיין לעצטע זינד, וואָס איז פאַר מיר געבליבען אָנגעגרייט, ווייסטו, הפנים, ווי מען רופט זי?"

— „ר ח מ נ ו ת ה אָ ב ע ן! האָט דער וואָהרזאָגער געענטפערט פון אַן איבער־שטראָמענדען הארצען און האָט אויפגעהויבען ביידע הענט אין דער הויך — אָ, זאַראַטוסטראַ, איך בין געקומען, דיך צו דיין לעצטער זינד צו פאַרפיהרען!" —

און קוים האָט ער ארויסגערעדט אָט די ווערטער, ערשט דער געשריי האָט זיך ווידער דערהערט, נאָך לענגער און אימה׳דיגער, איידער פריהער, און אויך שוין פיעל נעהענטער.

„הערסטו? הערסטו? אָ זאַראַטוסטראַ, האָט דער וואָהרזאָגער אויסגערופען, צו דיר איז דער געשריי, דיך רופט ער: קום, קום, קום, עס איז צייט, עס איז די העכסטע צייט!" —

דאָ האָט זאַראַטוסטראַ געשוויגען, אַ מבולבל׳ער, און זיך אויפגערודערטער; לסוף האָט ער געפרעגט, ווי איינער, וואָס שלאָגט זיך מיט דער דעה: „און ווער איז דאָס דאָרטען, וואָס רופט מיך?"

„אבער דו ווייסט עס דאך, האט דער וואהרזאגער היצינג גע־ענטפערט, וואס באהאלטסטו זיך? ד ע ר ה ע כ ע ר ע ר מ ע נ ש, ער שרייט צו דיר!"

„דער העכערער מענש, האט זאראטוסטרא אויסגעשריען, ארומגענומען מיט פחד: וואס וויל ד ע ר? וואס וויל ד ע ר? דער העכערער מענש! וואס דארף ער דא?" — און זיין הויט האט זיך באדעקט מיט שוויים.

דער וואהרזאגער האט אבער ניט געענטפערט אויף זאראטוס־טרא'ס אימה, נייערט זיך איינגעהערט און איינגעהערט אין דער טיעף. נאר א לאנגע צייט איז דארטען געבליבען שטיל, האט ער זיין בליק געווענדעט אויף צוריק און האט געזעהען, ווי זאראטוס־טרא שטעהט און ציטערט.

„א, זאראטוסטרא, האט ער אנגעהויבען מיט א טרויעריגען קול, דו שטעהסט דא ניט, ווי איינער, וועמען דער גליק מאכט, ער זאל זיך דרעהען: דו וועסט אבער מוזען טאנצען, כדי דו זאלסט ניט אנידערפאלען!

אבער ווען אפילו דו זאלסט טאנצען פאר מיר און שפרינגען אלע דיינע זייטיגע שפרונגען: קיינער זאל מיר ניט טארען זאגען: „זעה, אט טאנצט דער לעצטער פרעהליכער מענש!"

אומזיסט וואלט איינער געקומען אהער, אויף אט דער הויך, וואס זאל א י ה ם זוכען: הייהלען וואלט ער שוין יע געפינען און הינטער־הייהלען, פארשטעקעניסען אויף פארשטעקעניסען, אבער ניט גליק־שאכטעס און שאץ־קאמערען און נייע גליק־גאלד־אדערען.

גליק — ווי קאן מען משמעות געפינען גליק ביי אזוינע פאר־גראבענע און מתבודדים! מוז איך נאך זוכען דעם לעצטען גליק אויף די גליקליכע אינזלען און ווייט צווישען פארגעסענע ימ'ען?

אבער אלץ איז אלץ־איינס, קיין זאך לוינט זיך ניט, עס זיינען אויך ניטא מעהר קיין גליקליכע אינזלען!" — —

אזוי האט געזיפצט דער וואהרזאגער; ביי זיין לעצטען זיפץ

איז אָבער זאַראַטוסטראַ ווידער ליכטיג געוואָרען און זיכער, פּונקט ווי איינער, וואָס איז פון אַ טיעפען תהום אַרויף אויף דער ליכטיגער שיין. „ניין! ניין! דריי מאָל ניין! האָט ער אויסגערופען מיט אַ שטאַרקער שטים און האָט זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד — ד אָ ס ווייס איך בעסער! עס זיינען נאָך דאָ גליקליכע איַנזלען! רייד ניט װ ע ג ע ן ד ע ם, דו זיפציגער טרויערזאַק!

הער אויף צו פּליעטשען, דו רעגענוואָלקען פון פאַר האַלבען טאָג! שטעה איך שוין ניט דאָ, אַ נאַסער פון דיין אומעט און באַגאָסען ווי אַ הונט?

וועל איך מיך אָפּטרייסלען און פון דיר אַנטלויפען, איך זאָל ווידער טרוקען ווערען: דערויף זאָלסטו זיך ניט וואונדערען! וויַז איך דיר ניט אויס שטאָטיג? אָבער דאָ איז מ י י ן שטאַט.

גאָר וואָס איז שייך דיין העכערען מענשען: זאָל זיין! איך וועל איהם תיכף זוכען אין יענע וועלדער: פ ו ן ד אָ ר ט ע ן איז זיין געשריי געקומען. אפשר איז אַ חיה רעה אויף איהם אָנגעפאַלען.

ער איז אין מ י י ן ממשלה: עס זאָל איהם דאָ גאָרנישט ניט שאַטען! און באמת, עס זיינען דאָ אַ סך בייזע חיות ביי מיר.“ —

מיט אָט די ווערטער האָט זיך זאַראַטוסטראַ געווענדעט צו געהן. האָט דער וואָהרזאָגער געזאָגט: „אָ, זאַראַטוסטראַ, ביסט אַ ממזר!

איך פאַרשטעה שוין: דו ווילסט פון מיר פּטור ווערען! ליעבערשט לויפסטו אין די וועלדער און לויערסט אויף בייזע חיות!

אָבער וואָס איז דיר די פּעולה? אין אָווענט וועסטו דאָך מיך ווידער האָבען; אין דיין אייגענער הייהל וועל איך זיצען, געדולדיג און שווער ווי אַ קלאָץ — און וואַרטען אויף דיר!“

„אדרבה! האָט זאַראַטוסטראַ צוריק אַרויסגערופען בשעת'ן אַוועקגעהן: און אַלץ, וואָס איז אין מיין הייהל, געהערט אויף דיר, מיין גאַסט־פריינד!

זאָלסטו אָבער דאָרטען נאָך האָניג געפינען, איז מה טוב! לעק איהם נאָר אויס, דו ברום־בער, און פארזיס דיין נשמה! מחמת מיר וועלען זיין ביידע אויפגעראַמט, און וועלען מיר ביידע זיין אויפגעראַמט,

— אויפגעראַמט און פרעהליך, וואָס אָט דער טאָג איז שוין אריבער! און דו גופא זאָלסט צו מיינע ליעדער טאַנצען, ווי מיין טאַנץ־בער.

דו גלויבסט ניט אין דעם? שאָקעלסט מיט'ן קאָפּ? מילא! מיט גליק! אַלטער בער! אָבער אויך איך — בין אַ וואָהרזאָגער."

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא.

*　　*

*

א געשפרעך מיט די מלכים.

1.

זאראטוסטרא איז נאך ניט אבגעגאנגען קיין שעה אין זיינע בערג און וועלדער, ערשט מיט א מאל האט ער דערזעהען א חדוש'דיגע פראצעסיע. גראד אויף דעם וועג, אויף וועלכען ער האט געוואלט אראפנידערען, זיינען געגאנגען צוויי מלכים, באציערט מיט קרוינען און פורפור־גארטלען און פיעל־פארביג ווי די פלאמינגא־פוינלען: זיי האבען געטריבען פאראוים אן אנגעלאדענעם אייזעל. „וואס דארפען די מלכים אין מיין ממשלה?" האט זאראטוסטרא זיך געוואונדערט אין זיין הארצען און האט זיך געשווינד באהאלטען הינטער א קוסט. אז די מלכים זיינען אבער דערגאנגען ביז צו איהם, האט ער געזאגט האלב בלחש, ווי איינער, וואס רעדט צו זיך אליין: „א חדוש נפלא! ווי גראמט זיך דאס? צוויי מלכים זעה איך — און נאר איין אייזעל!"

האבען דיביידע מלכים זיך אפגעשטעלט, געשמייכעלט, א קוק געטאן אהין, פון וואנען דער קול איז געקומען, און דערנאך זיך א קוק געטאן אין די פנים'ער אריין. „אזוינע זאכען טראכטען שוין יע צווישען אונז, האט געזאגט דער קעניג פון רעכטס, אבער מען זאגט דאס ניט ארוים."

דער קעניג פון לינקס אבער האט געקוועטשט מיט די אקסלען און האט געענטפערט: „משמעות, א ציגענ־פיטערער, אדער א מתבודד, וואס האט צו לאנג געלעבט צווישען פעלזען און ביימער. גאר קיין געזעלשאפט, ווייסט איהר, פארדארבט אויך די גוטע מדות".

„די גוטע מדות? האט דערווידערט דער אנדער קעניג אומוויליג און ביטער: פון וועמען אנטלויפען מיר דען? אפשר ניט פון די „גוטע מדות"? פון אונזער „גוטער געזעלשאפט"?

באמת, ליעבערשט לעבען צווישען מתבודדים און ציעגען־פי־
טערער, איידער מיט אונזער פארגילדעטען פאלשען איבערגעפארב־
טען המון, — הגם ער רופט זיך גאר „גוטע געזעלשאפט“, —

— הגם ער רופט זיך גאר אדעל. אבער אלצדינג איז דאר־
טען פאלש און צופוילט, קודם דאס בלוט, א דאנק די אלטע שלעכ־
טע קראנקהייטען און ערגערע הייל־קינצלער.

דער בעסטער און ליעבסטער איז ביי מיר היינט א געזונטער
פויער, גראב, פארשפיצט, הארטנעקיג און לאנגאויסהאלטיג:
אט דאס איז היינט דער נאבעלסטער מין.

דער פויער איז היינט דער בעסטער; און דער פויערים־מין
האט געדארפט זיין דער האר. אבער עס איז די ממשלה פון דעם
המון, — איך לאז מיך נים מעהר איינשמועסען. המון אבער,
איז דער טייטש: מישמאש.

ערב־רב־מישמאש: דא איז אלץ אין איינעם דורכגעמישט, היי־
ליגער און שווינדלער, און יונקער און איד און כל המיני חיות
פון נח'ס תבה.

גוטע מדות! אלץ איז ביי אונז פאלש און צופוילט. קיינער
ווייס שוין נים, וואס הייסט עהרליך האלטען: אט פון דעם
גראד אנטלויפען מיר. דאס זיינען זיסליכע, נים אפצוטרייבענדע
הינט, זיי פארגילדען פאלמען־בלעטער.

אט דער עקעל ווערגט מיך, וואס מיר, די מלכים גופא, זיינען
געווארען פאלש, ארומגעהאנגען און פארקליידט מיט דעם אלטען,
געל־געווארענעם פאמפ פון די אבות, אויסשטעל־מטבעות פאר די
טיפשים און די רמאים און פאר אלעמען. וואס שאכער־מאכערען
מיט דער מאכט.

מיר זיינען נים די פני און מוזען דאך דאס באַ־
דייטען: אט די אפנארעריי האט לסוף דערעסען און איז אונז
נמאס געווארען.

פון דעם ערב־רב זיינען מיר אנטלאפען, פון אלע יענע שריי־
העלזער און שרייב־שמוץ־פליעגען. פון דעם קרעמער־געשטאנק, דעם

געצאפּעל פון כבוד־לוסט, דעם פאר'אויר'טען אָטעם —: פע, צו ליגען צווישען דעם ערב־רב, — פע, ביי דעם ערב־רב צו רעכענען זיך פאר דעם ראש וראשון! אך, חלשות! חלשות! חלשות! וואס פאר א באדייט האבען מיר נאך, די מלכים!"

„דיין אלטע חלאת באפאלט דיך, האט דא געזאגט דער קעניג פון לינקס, דער עקעל באפאלט דיך, מיין אָרעמער ברודער. אבער דו ווייסט דאך, אייגער הערט אונז אונטער."

תיכף האט זאראטוסטרא, וואס האט געהערט די רייד מיט אָפענע אויערען און אויגען, זיך אויפגעהויבען פון זיין באהעלטעניש, איז צוגעגאנגען צו די מלכים און האט אָנגעהויבען אזוי:

„דער וואס הערט אייך אונטער, דער וואס הערט אייך גריילעך אונטער, איהר מלכים, רופט זיך זאראטוסטרא.

איך בין זאראטוסטרא, וואס האט אמאל געזאגט: „וואס פאר א באדייט האבען די מלכים!"

דא אבער איז מ י י ן ממשלה און מיין הארשאפט: וואס אזוינס ווילט איהר זוכען אין מיין ממשלה? אבער אפשר האט איהר אונטערוועגענס ג ע פ ו נ ע ן, וואס איך זוך: איך מיין, דעם העכערען מענשען?"

אז די מלכים האבען דאס דערהערט, האבען זיי זיך געשלאגען אויף דער ברוסט און האבען פה אחד געזאגט: „דו האסט אונז דערקענט!

מיט דעם שווערד פון יענעם ווארט האסטו דורכגעהאקט דעם געדיכטעסטען חושך פון אונזער הארצען. דו האסט אויפגעדעקט אונזער נויט, ווייל זעה! מיר זיינען ארויס אין וועג, כדי צו געפינען דעם העכערען מענשען —

— דעם מענשען, וואס איז העכער, איידער מיר: הגם מיר זיינען מלכים. פאר איהם פיהרען מיר אט דעם אייזעל. מחמת דער העכסטער מענש דארף אויך זיין דער העכסטער האר אויף דער ערד.

עס איז ניטא קיין הארטערער אומגליק אין דעם גאנצען מענ־

שען־שיקזאל, איידער ווען די מעכטיגסטע פון דער ערד זיינען נים אויך די ערשטע מענשען. דא ווערט אלץ פאלש און קרום און אומגעהויער.

און ווען זיי זיינען גאר די לעצטע און מעהר פיה איידער מענש: דעמאלט שטייגט און שטייגט דער מקח פון דעם ערב־רב און צום סוף זאגט גאר די טוגענד פון דעם המון: „זעה, נאר איך אליין בין די טוגענד!“ —

וואס האב איך נאר וואס געהערט? האט זאראטוסטרא געענטפערט; וואס פאר א קלוגשאפט ביי מלכים! איך בין העכסט דערפרעהט, און בנאמנות, עס גלוסט זיך שוין מיר, א גראם צו מאכען אויף־דערויף: —

— אפילו ווען דאס זאל זיין א גראם, וואס טויג נים פאר יעדערענס אויערען. איך האב שוין לאנג פארגעסען צו האבען זינען די לאנגע אויערען. זאל זיין! געגומען זיך!

(דא אבער האט פאסירט, אז אויך דער אייזעל האט באקומען דאס ווארט: ער האט אבער געזאגט דייטליך און מיט א בייזען ווילען: י — א.)

אמאל־אמאל — איך גלויב, אין איינטען יאהר פון קריסט,
האט די סיביל געזאגט, א שכור'ע, נאר ניט פון וויין:
„ווערה, איצטער געהט עס ווינד און וויסט.
„אלץ ניעדערט! אין א זומף, א טיעפען, איז די וועלט אריין!
„רוים איז א הור געווארען און זי זינגט א הורען־ליעד,
רוים'ס קיסר איז א פיך. גאט גופא איז — א איד!“ *)

* *
*

---

*) די פראזאאישע איבערזעצונג פון זאראטוסטרא'ס עפיגראם לייענט זיך אזוי:

„פריהער א מאל — איך גלויב, אין דעם יאהר איינס פון דער ישועה — האט די סיביל געזאגט, א באטרונקענע נים פון וויין: „וועה, איצט

2.

די מלכים האָבען געקליבען נחת פון אַט די גראַמען זאַראַטוסטראַ'ס; דער קעניג פון רעכטס אָבער האָט געזאָגט: „אָ, זאַראַטוסטראַ, ווי גוט האָבען מיר געטאָן, וואָס מיר זיינען אַרויסגעצויגען, דיך צו זעהן!

מחמת די שונאים דיינע האָבען אונז באַוויזען דיין בילד אין זייער שפּיעגעל: דאָ האָסטו אויסגעקוקט מיט דעם פּרצוף־פּנים פון אַ טייוועל און אַ חוזק־מאַכער: אַזוי אַז מיר האָבען זיך געשראָקען פאַר דיר.

אָבער וואָס איז געווען די פּעולה? כסדר האָסטו אונז געשטאָכען אין אויער און האַרץ מיט דיינע שפּרוכען. האָבען מיר לסוף געזאָגט: וועמעס דאגה, ווי ער זעהט אויס!

מיר מוזען איהם הערען, וואָס לערענט: „איהר זאָלט ליעבען דעם שלום, ווי אַ מיטעל צו נייע מלחמות און אַ קורצען שלום מעהר איידער אַ לאַנגען!"

קיינער האָט נאָך ניט גערעדט אַזעלכע קריעגערישע ווערטער: „וואָס איז גוט? העלדיש־זיין איז גוט. דער גוטער קריעג איז דאָס, וואָס הייליגט יעדע זאַך".

אָ, זאַראַטוסטראַ, דאָס בלוט פון אונזערע אבות האָט זיך ביי אַזוינע ווערטער געריהרט אין אונזער לייב: דאָס איז געווען ווי די רעדע פון דעם פריהלינג צו אַלטע וויין־פעסער.

ווען די שווערדען פּלעגען לויפען איינער אין דעם אַנדערן, ווי רויט־געפּלעקטע שלאַנגען, יעמאָלט פּלעגען אונזערע פאָטערס פיהלען דעם טעם פון לעבען; די זון פון יעדען פריעדען איז זיי אויס־

געהט עס משופּע! ביעדערפאַל! ביעדערפאַל! נאָך קיינמאָל איז די וועלט ניט געזונקען אַזוי טיעף! רוים איז אַראָפּגעזונקען צו דער מדרגה פון אַ הור און פון אַ הורען־הייזעל. רוים'ס צעזאַר איז אַראָפּגעזונקען צו אַ פיך. גאָט גופא איז — געוואָרען אַ איד!" — דער איבערזעצער.

געקומען שלאף און לעבליך, א לאנגער שלום אבער איז פאר זיי געוועזן א חרפה.

ווי פלעגען זיי זיפצען, אונזערע אבות, ווען זיי האבען אויף דער וואנד געזעהען די בליטץ־בלאנקע איינגעדארטע שווערדען! ווי יענע, האבען אויך זיי געדארשט נאך קריעג. א שווערד, ווייסט איהר, וויל טרינקען בלוט און פונקעלט פאר באגעהר.״ — —

— בשעת די מלכים האבען אויף אזא׳ן אופן מיט חשק גערעדט און געפלאפעלט מכח דעם גליק פון זייערע אבות, האט זאראטוסטרא געגומען פיהלען ניט קיין קליינע לוסט, צו שפאטען פון זייער חשק: ווארים די מלכים, וואס ער האט געזעהען פאר זיך, זיינען געוועזן בעשייגפערליך זעהר פריעדליכע מלכים, מיט אלטע און איידעלע פנים׳ער. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען. „איז גוט! האט ער געזאגט, אהינצו פיהרט דער וועג, דארטען ליעגט זאראטוסטרא׳ס הייהל; און דער טאג זאל האבען א לאנגען אוועגט. איצטער אבער רופט מיך געשווינד אוועק פון אייך א נויט־געשריי.

עס איז א כבוד פאר מיין הייהל, ווען מלכים וועלען זיצען אין איהר און ווארטען: אבער, אמת, איהר וועט מוזען לאנג ווארטען!

נו, מילא! וואס איז די ביין? וואו לערנט מען זיך היינט בעסער ווארטען איידער אין די הויפען? און די גאנצע רעכטשאפענקייט פון די מלכים, וואס איז נאך געבליבען ביי זיי, — איז ניט היינט איהר נאמען: ק א נ ע ן ווארטען?״

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *

*

די פיאווקע.

און זאראטוסטרא איז געגאנגען פארטראכטערהייט ווייטער און טיעפער, דורך וועלדער און פארביי זומפיגע גרונטען; ווי עס טרעפט זיך אבער מיט איטליכען, וואס קלערט וועגען שווערע

ענינים, אזוי איז ער אויך דערביי אומגערן ארויפגעטרעטען אויף א מענשען. און תיכף האָט מיט אמאָל געגומען שפּריצען איהם אין פּנים אריין א וועה־געשריי און צוויי קללות און צוואנציג בייזע זידלערייען: אזוי אז ער האָט אין זיין שרעק אויפגעהויבען דעם שטעקען און האָט דעם געטראָטענעם נאָך אָנגעהויבען שלאָגען. באלד אָבער איז ער געקומען צום זינען; און זיין הארץ האָט געלאכט איבער דער נארישקייט וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן.

„זיי מיר מוחל, האָט ער געזאָגט צו דעם געטראָטענעם, וואָס האָט זיך אין כעס אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט, זיי מיר מוחל און הער קודם כל א משל.

ווי א וואנדערער, וואָס טרוימט פון ווייטע זאכען אויף אַן איינזאמער גאס, שטויסט זיך אָן פארקוקטערהייט אָן א שלאָפענדען הונט, א הונט, וואָס ליעגט אין דער זון:

ווי אָט די ביידע צינדען זיך אָן און זידלען זיך, פונקט ווי שונאים אויף טויט, אָט די צוויי ביז אויף טויט איבערגעשראָקענע: אזוי איז דאָס אויך געשעהען מיט אונז.

און פונדעסטוועגען! און פונדעסטוועגען — ווי ווייניג האָט געפעהלט, זיי זאָלען זיך האלזען, יענער הונט און יענער איינזאַמער! זיי זיינען דאָך ביידע — איינזאמע!"

— „ווער דו זאָלסט ניט זיין, האָט אַלץ נאָך אין כעס געזאָגט דער געטראָטענער, דו טרעטסט אויף מיר אויך מיט דיין משל, ניט נאָר מיט דיין פוס!

טו נאָר א קוק, בין איך דען א הונט?" און דערביי האָט דער זיצענדער זיך אויפגעהויבען און האָט ארויסגעצויגען זיין נאקעטען אָרעם פון זומף. מחמת צוערשט איז ער געלעגען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד, פארבאָרגען און אומקענטליך פונקט ווי די, וואָס לויערען אויף די ווילד־פויגלען פון דעם זומף.

„אָבער וואָס מאכסטו דאָ!" האָט זאראטוסטרא אויסגערופען, א דערשראָקענער, ווייל ער האָט דערזעהען, אז א סך בלוט איז געפלאָסען איבער זיין נאקעטען אָרעם, — „וואָס פאר א סבה האָט

דיך געטראָפען? האָט דיך, שלים־מזל, א בייז באַשעפעניס גע־
ביסען?"

דער געבלוטיגטער האָט געלאַכט, אלץ נאָך אין צאָרן. „וואָס
איז דאָס דיין דאגה! האָט ער געזאָגט און געוואָלט אוועקגעהן.
דאָ בין איך אין דערהיים און אין מיין ממשלה. זאָל מיך פרעגען
ווער עס וויל: א שוטה אָבער וועל איך אסור ענטפערען."

„האָסט א טעות, האָט זאראַטוסטרא געזאָגט אין רחמנות און
האָט איהם פעסט געהאַלטען, האָסט א טעות: דאָ ביסטו ניט ביי
זיך, נייערט אין מיין ממשלה, און אין איהר זאָל מיר קיינער ניט
קומען צו שאַדען.

רוף מיך פונדעסטוועגען ווי דו ווילסט, — איך בין, ווי'ס
איך מוז זיין. איך אַליין אָבער רוף מיך זאַראַטוסטרא.

נו־מילא! דאָרטען ארויף פיהרט דער וועג צו זאַראַטוסטרא'ס
הייהל, — ווילסטו ניט ביי מיר אויפפּאַסען אויף דיינע וואונדען?

עס איז דיר, אומגליקליכער, שלים געגאַנגען אין אָט דעם לע־
בען. פריהער האָט דיך די חיה געביסען, און דערנאָך האָט דיך
געטראָטען דער מענש!" — —

אז דער געטראָטענער האָט אָבער דערהערט זאַראַטוסטרא'ס
נאָמען, האָט ער זיך אין גאַנצען געביטען. „וואָס טוט זיך דאָ מיט
מיר! האָט ער אויסגערופען, פאַר וועמען אַרט מיך נאָך
אין אָט דעם לעבען אויב ניט פאַר איין מענשען, איך מיין, זאַראַ־
טוסטרא, און פאַר איין באַשעפעניש, וואָס לעבט פון בלוט, איך
מיין, די פּיאַווקע.

צוליעב דער פּיאַווקע בין איך דאָ אין דעם זומף געלעגען,
ווי א פישער, און שוין איז מיין אראָפּגעהאַנגענער אָרעם צעהן
מאָל אָנגעביסען געוואָרען, ערשט נאָך א שענערע פּיאַווקע האָט
מיך צוליעב מיין בלוט געביסען, זאַראַטוסטרא אַליין!

אָ גליק! אָ וואונדער! געלויבט זאָל זיין דער טאָג, וואָס
האָט מיך אָט אין דעם זומף פאַרפיהרט! געלויבט זאָל זיין דער

בעסטער לעבעדיגער זויג־גלאָז, וואָס לעבט איצטער, געלויבט זאָל זיין די גרויסע געוויסענס־פּיאַווקע זאַראַטוסטראַ!“ —

אזוי האָט גערעדט דער געטראָטענער; און זאַראַטוסטראַ האָט זיך געפרעהט פון זיינע ווערטער און פון זייער איידעלער אַרט יראת־הכבוד. „ווער ביסטו? האָט ער געפרעגט און האָט איהם דערלאַנגט די האַנט, עס פאַרבלייבט נאָך אַ סך וואָס אויפצוקלערען און אויפצולויכטען צווישען אונז: אָבער מיר דוכט, עס ווערט שוין ריינער העלער טאָג.“

„איך בין דער געוויסען־שטרענגער פון דעם גייסט, האָט געענטפערט דער אָנגעפרעגטער, און אין ענינים פון גייסט איז ניט גרינג פאַר עמיצען צו זיין שטרענגער, ענגער און האַרטער איידער איך, אַ־חוץ יענעם, פון וועמען איך האָב דאָס געלערנט, זאַראַטוסטראַ’ן גופא.

ליעבערשט גאָר ניט וויסען, איידער וויסען אַ סך און נאָר האַלב. ליעבערשט זיין אַ נאַר אויף דעם אייגענעם חשבון, איידער אַ חכם לויט אַ פרעמדענס באַטראַכט! איך — לאָז מיך אַראָפּ ביז צום גרונט:

—— וועמעס דאגה, צי ער איז גרויס אָדער קליין? צי ער רופט זיך הימעל אָדער זומף? מיר איז גענוג אַ גרונט, אַ האַנט די ברייט: אויב דאָס איז נאָר באמת אַ גרונט און אַ יסוד!

— אַ גרונט אַ האַנט די ברייט: אויף דעם קאָן מען שוין שטעהן. אין דער ריכטיגער וויסען־געוויסענשאַפט איז גאָרנישט גרויס און גאָרנישט קליין.“

„ביסטו דאָס אפשר דער אויספאָרשער פון דער פּיאַווקע? האָט זאַראַטוסטראַ געפרעגט; און דו געהסט נאָך נאָך דער פּיאַווקע ביז צו די לעצטע גרונטען, דו געוויסענהאַפטער?“

„אָ, זאַראַטוסטראַ, האָט געענטפערט דער געטראָטענער, דאָס וואָלט געווען עפּעס מורא’דיגס, ווי וואָלט איך געקאָנט האָבען די העזה צו אזא זאַך!

אָבער אַ מייסטער און אַ בקי בין איך אין דער פּיאַווקע'ס-מאַרך: אַט דאָס איז מ י י ן וועלט!

און דאָס איז אויך אַ וועלט! נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס מיין שטאָלץ קומט דאָ צום וואָרט, ווייל אין דעם ענין האָב איך ניט מיין גלייכען. דעריבער האָב איך געזאָגט „דאָ בין איך אין דער היים“.

ווי לאַנג פאַרטיעף איך מיך אין אַט דעם איין־איינציגען ענין, דעם מאַרך פון דער פּיאַווקע, כדי דער גליטשיגער אמת זאָל זיך ניט ארויסגליטשען פון מיר! דאָ איז מ י י ן ממשלה!

— צוליעב דעם האָב איך אַוועקגעוואָרפען אַלע אַנדערע זאַכען, צוליעב דעם זיינען מיר אַלע אַנדערע זאַכען געוואָרען גלייכגילטיג; און גלייך נעבען מיין וויסען ליעגט מיין שווארצע עם־הארצות.

מיין געוויסען פון דעם גייסט פאָדערט פון מיר, איך זאָל נאָר איין ענין וויסען און אַלע אַנדערע ענינים ניט וויסען. עס שלאָגט מיר צו דער גאַל פון אַלע האַלבע אין דעם גייסט, אַלע שוועבענדע, דאַמפּיגע, פאַר'חלום'טע.

וואו מיין אָרענטליכקייט הערט אויף בין איך בלינד און וועל אויך בלינד זיין. אָבער דאָרטען, וואו איך וויל וויסען, וויל איך אויך זיין אָרענטליך, דאָס הייסט הארט, שטרענג, ענג, אכזריש, אומדערבעטען.

וואָס ד ו האָסט אמאָל געזאָגט, אַ זאַראַטוסטראַ: „גייסט איז לעבען, וואָס שניידט אין לעבען אריין! אַט דאָס האָט מיך געפיהרט און פאַרפיהרט צו דיין לעהרע. און, באמת, מיט מיין בלוט האָב איך געמעהרט מיין אייגענעם וויסען!“

— „ווי מען זעהט דאָס באַשיינפּערליך“, האָט איהם איבערגעשלאָגען זאַראַטוסטראַ; ווייל אויף דעם נאַקעטען אָרעם פון דעם געוויסענהאַפטען איז אַלץ נאָך אַראָפּגעפלאָסען בלוט. מחמת צעהן פּיאַווקעס האָבען זיך אין איהם איינגעביסען.

אַ, דו וואונדערליכער חברה־מאַן, ווי פיעל לערנט מיך אַט די

בעשיינפערליכקייט, איך מיין, דו גופא! און נים אלץ האב איך מן חסתם געטארט גיסען אין דיינע שטרענגע אויערען!

גריילעך וואלט איך געוואלט פאררירכטען אויף דיין לייב, וואס איך גריילעך געוואלט דיך געפינען נאך א מאל. דארטען ארויף פיהרט דער וועג צו מיין הייהל: היינט ביינאכט קאנסטו מיר דארטען זיין א ליעבער גאסט!

גריילעך וואלט איך געוואלט פאררירכטען אויף דיין לייב, וואס זאראטוסטרא האט דיך געטראטען מיט די פים: איך טראכט ווע־גען דעם. איצטער אבער רופט מיך א נויט געשריי געשווינד אוועק פון דיר.”

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

*

*

דער צויבערער.*)

1.

אַז זאַראַטוסטראַ האָט אָבער אַרומגעבויגען אַ פעלז, האָט ער
דערזעהען ניט ווייט אונטער זיך, אויף דעמזעלביגען וועג, אַ מענ־
שען, וואָס האָט געוואָרפען מיט די איברים, ווי אַ משוגע'נער, און
לסוף איז ער אַנידערגעפאַלען מיט'ן בויך אויף דער ערד. „וואַרט!
האָט דאָ זאַראַטוסטראַ געזאָגט צו זיך אין זיין האַרצען. אָט דער־אַ
מוז משמעות זיין דער העכערער מענש, פון איהם איז דאָס געקומען
יענער שלימער נויט־געשריי, — לאָמיך זעהן, צי איך קאָן איהם
העלפען". אַז ער איז אָבער צוגעלאָפען צו דער שטעל, וואו דער
מענש איז געלעגען אויף דער קרקע, האָט ער געפונען אַ ציטערענדען
אַלטען מאַן מיט פאַרגליווערטע אויגען; און וויפיעל זאַראַטוסטראַ
האָט זיך ניט געמיהט אויפצוהויבען איהם און אוועקצושטעלען
אויף די פיס, איז דאָס געווען אומזיסט. עס האָט אויך אויסגע־
וויזען, ווי דער אומגליקליכער וואָלט ניט געמערקט, אַז עמיצער
איז אַרום איהם; פאַרקערט: ער האָט זיך כסדר אַרומגעקוקט מיט
ריהרענדע האַוואַיעס, ווי איינער, וואָס איז אַ פאַרלאָזענער פון
דער גאַנצער וועלט און אַ פאַראיינזאַמטער. לסוף אָבער, נאָך אַ
סך ציטערען און זיך צונויפקרעמפען, האָט ער אָנגעהויבען אַזוי צו
יאָמערען:

ווער וואַרעמט מיך, ווער ליעבט מיך נאָך?
גיט הייסע הענט!
גיט קויהלען־בעקענס פון דעם האַרצענס פלאַם!
צו אויסגעשטרעקטער, שוידערענד,
ווי אַ האַלב־טויטער, וואָס מען וואַרעמט זיינע פיס,
געטרייסעלט, אַך! פון אומבאַקאַנטע פיעבערס,

דערציטערט פון די שארפע אייזיג־קאלטע פיילען
פון דעם פראסט,
פון דיר געיאגט, געדאנק!
דו, אהן־א־נאמען! דו, פארבארגענער! דו, שרעקליכער!
דו, יעגער הינטער וואלקענס!
אנידער האסטו מיך געווארפען מיט דיין בליץ,
דו חוזק־אויג, וואס קוקט אויף מיר פון טונקעל:
אזוי־א ליעג איך,
בויג מיך און ווינד מיך, געפייניגט
פון אלע אייביגע יסורים,
געטראפען
פון דיר, דו אכזרי׳שער
דו אומבאקענטער גאט!

טריף איין נאך טיעפער!
טריף איין נאך א מאל!
צושטעך, צוברעך אט דאס הארץ!
צו וואס מיך פייניגען מיט
טעמפ־ציינערנע פיילען?
וואס קוקסטו ווידער,
ניט זאט פון מענשען־צער,
מיט בייז־פריידיגע, געטער־בליץ־אויגען?
ניט טויטען ווילסטו
נאר פייניגען, פייניגען?
צו וואס פייניגען,
בייז־פריידיגער, דו אומבעקאנטער גאט? —
כא־כא! דו שארסט זיך צו?
וואס ווילסטו פון מיר — זאג!
אין אזא האלבער נאכט?
דו שטופסט מיך, דריקסט מיך —

האַ! שוין פיעל צו נאָהענט!
אוועק! אוועק!
דו הערסט מיך עטעמען,
הערסט אויס מיין האַרץ,
דו, אייפערזיכטיגער —
אויף וואָס דען אייפערזיכטיג?
אוועק! אוועק! צו וואָס די ליטער?
ווילסטו אַריין
אין האַרצען?
אַריינשטייגען, אין די בעהאַלטענסטע
מיינע געדאַנקען ווילסטו אַריינשטייגען?
די חוצפּה! אומבעקאַנטער — גנב!
וואָס ווילסטו דאָרטען גנב'ענען?
וואָס ווילסטו דאָרטען אויסנישטערען?
וואָס זוכסטו מיט דיין מאַטערען,
דו מאַטערער!
דו תליון־גאָט!
אָדער זאָל איך, גלייך ווי אַ הונט,
פאַר דיר אין שטויב מיך קייקלען?
זיך איבערגעבענדיג, בעגייסטערט־אויסער־זיך
דיר ליעבע שאָקלען מיט מיין עק?
אומזיסט! שטעך ווייטער,
אכזר'ישער שטעכער! ניין,
ניט קיין הונט, נאָר דיין ווילד־פאַנג בין איך,
דו אכזר'ישער יעגער!
דיין שטאָלצעסטער געפאַנגענער,
דו רויבער הינטער וואָלקענס!
רייד דאָך אַ מאָל!
וואָס ווילסטו, וועג־רויבער, פון מיר?

דו בליץ־פארדעקטער! אומבעקאנטער!
זאג,
וואס ווילסטו, אומבעקאנטער — גאט? —

וואס? אויסקויף־געלד?
מה יקר? וויפיעל ווילסטו?
פארלאנג א סך — דאס ראט מיין שטאלץ!
און רייד וואס ווייניגער — דאס ראט מיין
אנדער שטאלץ!

כאכא!
מ י ך — ווילסטו? מיך?!
מיך — גאנץ?

כאכא!
און מאטערסט מיך, נאר, וואס דו ביסט,
צומאטערסט מיר מיין שטאלץ?
גיב ל י ע ב ע מיר, ווער ווארעמט מיך?
ווער ליעבט מיך נאך? גיב הייסע הענט,
גיב קוילען־בעקענס פון דעם הארצענס־פלאם,
גיב מיר, דעם איינזאמסטען,
וואס איהם האט אייז, אך! זיעבענפאכער אייז
געלערנט שמאכטען נאך די פיינד,
נאך שונאים גופא,
גיב, יע, גיב איבער,
אכזר'ישסטער פיינד,
מיר — ד י ך — —

אוועק איז ער!
אנטלאפען איז ער אויך.

דער איינציגער לעצטער חבר מיין,
מיין גרויסער פיינד,
מיין אומבעקאַנטער,
מיין תליון־גאָט! —

ניין! קום צוריק
מיט אַלע דיינע פּייניגונגען!
צום לעצטען פון די אַלע איינזאַמע,
אַ, קום צוריק!
אַל' מיינע טרערען־שטראָמען לויפען
צו דיר אין זייער לויף!
און מיינע לעצטע הארצענס־פלאַמען
פאַר דיר זיי גליהען אויף!
אַ, קום צוריק,
מיין אומבעקאַנטער גאָט! מיין שמאַרץ! מיין,
לעצטער גליק!

* *
*

2.

— דאָ האָט אָבער זאַראַטוסטראַ שוין מעהר ניט געקאָנט זיך איינהאַלטען, האָט גענומען זיין שטעקען און האָט מיט כל הכחות געשלאָגען דעם יאָמערענדען מאַן. „הער אויף! האָט ער געשריען צו איהם מיט אַ צאָרענדיגען געלעכטער, האַלט איין, דו אַקטיאָר! דו פאַלשע־מטבע'ניק! דו ליגנער פון טיעפען גרונט! איך דערקען דיך, ווער דו ביסט!

איך וועל שוין דיר דיינע פיס וואַרעם מאַכען, דו שלימזל צויבערער, איך פאַרשטעה גוט דעם עסק, ווי איינצוהייצען אַזוינע ווי דו!"

— „לאָז מיך אָפּ, האָט געזאָגט דער זקן און איז אויפגעש־

שפרונגען פון דער ערד. שלאָג ניט מעהר, אַ זאַראַטוסטראַ! איך האָב געטאָן דאָס נאָר צום שפּיעל!

אזעלכע זאכען געהערען צו מיין קונסט; איך האָב דיך גופא געוואָלט אוועקשטעלען אויף דער פּראָבע, ווען איך האָב דיר אָט די פּראָבע געגעבען! און, בנאמאנות, דו האָסט מיך גוט דורכגעבליקט.

אָבער אויך דו האָסט מיר ניט קיין קליינע פּראָבע געגעבען: דו ביסט האַרט, דו קלוגשאַפענער זאַראַטוסטראַ. דו שלאָגסט האַרט מיט דיינע „אמת'ען", דיין שטעקען צווינגט אַרויס פון מיר — אָט דעם אמת!"

— „חנפה ניט, האָט געענטפערט זאַראַטוסטראַ, אַלץ נאָך אַן אויפגערעגטער און מיט פינסטערע בליקען, דו אַקטיאָר פון טיעפען גרונט! דו ביסט פאַלש: וואָס רעדסטו — מכח דעם אמת!

דו פּאַווע שב'פּאַווע, דו ים פון קליין־כבוד־זוכט, וואָס שפּיעלסטו פאַר מיר, דו שלימער צויבערער, אין ווען האָב איך געזאָלט גלויבען, ווען דו האָסט געיאָמערט אין אַזאַ געשטאַלט?"

„דער בעל־תשובה פון דעם גייסט, האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן, — אָט איהם, האָב איך געשפּיעלט: דו אַליין האָסט אַמאָל אויסגעטראַכט אָט דאָס וואָרט —

— דעם פּאָעט און דעם צויבערער, וואָס לסוף ווענדט ער זיין גייסט אַנטקעגען זיך גופא, דעם פאַר'אַנדערשטען, וואָס דערפרירט פון זיין בייזען וויסען און געוויסען.

און זיי זיך נאָר מודה: עס האָט געדויערט לאַנג, אַ זאַראַטוסטראַ, ביז דו האָסט געטראָפען מיין קונסט און שקר! דו האָסט געגלויבט אין מיין נויט, ווען דו האָסט מיר דעם קאָפּ מיט ביידע הענט געהאַלטען, —

איך האָב געהערט, ווי דו האָסט געיאָמערט: „מען האָט איהם צו וועניג געליעבט, צו וועניג געליעבט! וואָס איך האָב דיך

אזוי טיעף אפגעגארט, דערפון האט אינוועניג געקוועלט מיין רשעות."

„דו האסט מן הסתם אפגעגארט נאך איידעלערע מענשען איידער איך, האט זאראטוסטרא געזאגט הארט. איך היט מיך ניט אפ פון רמאים, איך מ ו ז זיין אומפארזיכטיג: אזוי וויל עס מיין גורל.

דו אבער — מוזט אפנארען: אויף אזוי ווייט קען איך דיך! דו מוזט תמיד זיין צוויי־דריי־פיער־פינף־דייטיג! אויך דאס, אין וואס דו האסט זיך איצטער מודה געווען, איז פאר מיר בשום אופן ניט גענוג אמת און ניט גענוג פאלש!

דו שלימער פאלשע־ממבע'ניק, ווי וואלסטו דען געקאנט אנ־דערש זיין! דו וואלסט נאך דיין קראנקהייט בעפארבט, ווען דו וואלסט בעדארפט ווייזען זיך א נאקעטער פאר דיין רופא.

אזוי האסטו נאר וואס בעפארבט דיין ליגען, בעת דו האסט געזאגט: „איך האב דאס געטאן נ א ר צום שפיעל!" אין דערין איז אויך ע ר נ ס ט געווען, דו ב י ס ט א שמץ פון א גייסט־בעל־תשובה!

איך טרעף ריכטיג, ווער דו ביסט: דו ביסט געווארען אלע־מענס באצויבערער, אבער אויף זיך האסטו שוין ניט איבערגעלאז־זען קיין ליגען און קיין שמד־שטיק, — דו גופא ביסט אן אנט־צויבערטער פאר זיך אליין!

דו האסט געשניטען פון דיין פעלד נאר דעם עקעל, ווי דיין איינציגען אמת. קיין איין ווארט איז ביי דיר ניט עכט, א־חוץ דיין מויל: איך מיין די חלשות, וואס קלעפט זיך ארום דיין מויל."

— „ווער ביסטו דאך! האט דא אויסגעשריען דער אלטער צויבערער מיט א צולהכעיס־שטים, ווער דערוועגט זיך צו ריידען אזוי צו מ י ר, דעם גרעסטען פון די וואס לעבען היינט?" — און א גרינער בליץ האט א שאס געטאן פון זיין אויג אויף זארא־טוסטרא'ן. אבער באלד נאכדעם האט ער זיך געאנדערשט און האט טרויעריג געזאגט:

„אָ, זאַראַטוסטראַ, איך האַלט דאָס ניט אויס, עס שלאָגט מיך צו דער גאַל פון מיינע קונסטען, איך בין ניט ג ר ו י ס, וואָס זאָל איך מיך פאַרשטעלען! אָבער, דו ווייסט דאָך דאָס — איך האָב געזוכט גרויסקייט!

א גרויסען מענשען האָב איך געוואָלט פאָרשטעלען און האָב א סך מענשען איינגעשמועסט: אָבער אָט דער שקר האָט אריבער־געשטיגען מיין קראַפט. איך ווער צובראָכען דורך איהם.

אָ זאַראַטוסטראַ, אַלץ אין מיר איז שקר, אָבער אָט דער צו־ברעכען מיינער, וואָס איך צוברעך, — אָט דאָס אין מיר איז ע כ ט!" —

„עס טוט דיר אָן כבוד, האָט זאַראַטוסטראַ פינסטער געזאָגט און האָט אראָפּגעבליקט אָן א זייט, עס טוט דיר אָן כבוד, וואָס דו האָסט געזוכט גרויסקייט, אָבער דאָס טוט אויך דיך פאַר־מסר'ן, גרויס ביסטו ניט.

דו שלימער אַלטער צויבערער, אָט ד אָ ס איז די בעסטע און אָרענטליכסטע זאַך אין דיר, וואָס דו ביסט געוואָרען מיעד פון זיך גופא און האָסט דאָס ארויסגעזאָגט: „איך בין ניט גרויס".

א י ן ד ע ם גיב איך אָפּ כבוד דיר, ווי א בעל־תשובה פון דעם גייסט, און הגם נאָר פאַר א בלאָז און א רגע, אָבער אין דעם הרף־עין ביסטו געווען — עכט.

אָבער זאָג, וואָס זוכסטו דאָ אין מיינע וועלדער און פעלזען? און בעת דו האָסט זיך אוועקגעלייגט מ י ר אין וועג, וואָס פאַר א פּראָבע האָסטו געוואָלט פון מיר? —

אין וואָס האָסטו געוואָלט אויף דער פּראָבע שטעלען מ י ך?"

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ, און זיינע אויגען האָבען געפונקעלט. דער אַלטער צויבערער האָט א ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „האָב איך געוואָלט דען דיך ברענגען אין א נסיון? איך — זוך נאָר.

אָ זאַראַטוסטראַ, איך זוך אָן עכטען, רעכטען, פּשוט'ען איינ־

דייטיגען, אַ מענשען פון גאַר דער אָרענטליכקייט, אַ געפּעס פון קלוגשאַפּט, אַ היליגען פון דער דערקענטניס, אַ גרויסען מענשען!

ווייסטו עס דען ניט, אַ זאַראַטוסטראַ? א י ך ז ו ך ז אַ ר אַ ט ו ס ט ר אַ ׳ ן."

— און דאָ איז אויפגעשטאַנען צווישען ביידען אַ לאַנגער שטיל־שווייגען; זאַראַטוסטראַ אָבער איז אריינגעזונקען אין זיך גופא אַזוי טיעף, אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגען. דערנאָך אָבער, צוריקגעקומען צו דעם מאַן פון זיין שמועס, האָט ער אַ נעם געטאָן די האַנט פון דעם צויבערער און האָט געזאָגט פול איידעלקייט און הינטער־געדאַנק:

„גו־מילא! דאָרטען פיהרט דער וועג ארויף, דאָרטען ליעגט זאַראַטוסטראַ׳ס הייהל. אין איהר מעגסטו זוכען דעם, וועמען דו האָסט געוואָלט געפינען.

און פרעג אַן עצה ביי מיינע חיות, ביי מיין אָדלער און מיין שלאַנג: זיי זאָלען דיר העלפען זוכען. מיין הייהל איז אָבער אַ גרויסע.

איך אַליין, אמת — איך האָב נאָך קיין גרויסען מענשען ניט געזעהן. וואָס עס איז גרויס, דערויף איז היינט דאָס אויג פון די דינסטע מענשען נאָך צו גראָב. עס איז די ממשלה פון דעם המון.

ניט איינעם אַזאַ האָב איך שוין געפונען, וואָס האָט זיך געשטרעקט און אויפגעבלאָזען, און דאָס פאָלק האָט געשריען: „זעהט, דאָ איז אַ גרויסער מענש"! אָבער וואָס איז די פעולה פון אַלע בלאָז־זעק! לסוף געהט דער ווינט ארויס.

לסוף פּלאַצט אַ פראָש, וואָס האָט זיך צו לאַנג אויפגעבלאָזען: און דער ווינט געהט ארויס. אַ געשוואָלענעם אין בויך שטעכען, דאָס איז אַ וואוילע פאַרווייליגנג. הערט דאָס, איהר אינגלעך!

אַט דער הײנט איז דעם המון׳ס: װער קאָן דאָ נאָך װיסען, װאָס גרויס איז און װאָס קלײן! װער האָט דאָ גליק געהאַט אין זוכען גרויסקײט! נאַר א נאַר: נאַראָנים האָבען מזל.

דו זוכסט א גרויסען מענשען, דו װאונדערליכער נאַר? װער האָט דיך דאָס געלערנט? איז הײנט די צײט דערצו? אָ, דו שלימער זוכער, װאָס — ברענגסטו מיך אין נסיון?" — —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא, מיט א געטרויסטען האַר־צען, און איז אװעקגעגאַנגען לאַכענדיג פאַראויס אין זײן װעג.

*　*

*

ארויס פון דיענסט.

ניט לאַנג אָבער נאָכדעם, װי זאַראַטוסטרא האָט זיך בע־פרײט פון דעם צױבערער, האָט ער װידער דערזעהען עמיצען, װאָס איז געזעסען בײם װעג, אין װעלכען ער איז געגאַנגען; דאָס מאָל א שװאַרצען לאַנגען מאַן מיט אַן אײנגעשרומפענעם בלײכען פּנים: ד ע ר האָט איהם טיעף פאַרדראָסען. „װעה געשריען, האָט ער געזאָגט צו זיך אין האַרצען, דאָ זיצט די פאַרקלײדטע מרה־שחורה, און עס דוכט מיר אויס, זי איז פון דער גלחים־גזע: װאָס װילען ז י י אין מײן ממשלה?

װאָס! קוים אַנטרונען פון יענעם צויבערער, מוז מיר דאָ װידער אַן אַנדער שװאַרץ־קינסטלער אַריבערלויפען דעם װעג, —

— עפּעס א מכשף מיט אַרויפלײגען־הענט, א טונקעלער בעל־מופת פון גאָטס געגאָד, א געזאַלבטער װעלט־פאַרשװאַרצער, װע־מען דער רוח האָט געמאָגט נעמען!

אָבער דער טײװעל איז קײנמאָל ניטאָ דאָרטען, װאו מען דאַרף איהם האָבען: תמיד קומט ער צו שפּעט, אַט דער פאַר־שאָלטענער קאַרליק און „קרום־פוס!"

אזוי האָט זאַראַטוסטרא געשאָלטען אומגעדולדיג אין זײן האַרצען, און האָט געטראַכט, װי ער זאָל זיך מיט אַן אָפּגעקערטען

בליק פארביי־גנבה'נען פארביי דעם שווארצען מאן: ערשט עס האט אנדערש פאסירט. מחמת אין דעם זעלביגען אויגענבליק האט דער זיצענדער מענש איהם שוין דערזעהען; און כמעט ווי איינער, ווען עס איז צוגעפאלען אן אומדערוואַרטעטער גליק איז ער אויפגעשפרונגען און האט זיך א לאז געטאן צו זאראטוס־טרא'ן.

„ווער דו זאלסט ניט זיין, דו וואנדער־מענש, האט ער גע־זאגט, העלף א פארבלאנדזשעטען, א זוכענדען, אן אלטען מאן, וואס קאן דא געשעדיגט ווערען!

אט די וועלט דא איז מיר פרעמד און ווייט, איך האב אויך געהערט וואויען ווילדע חיות; און ד ע ר, וואס וואלט מיר גע־קאנט געבען שוץ, יענער איז שוין אליין מעהר ניטא.

איך האב געזוכט דעם לעצטען פרומען מענשען, א הייליגען און א מתבודד, וואס האט אליין אין זיין וואלד נאך גארנישט גע־הערט פון דעם, וואס די גאנצע וועלט וויס היינט.“

„ו ו א ס וויס היינט די גאנצע וועלט? האט זאראטוסטרא געפרעגט. אפשר דאס, אז דער אלטער גאט לעבט ניט מעהר, אין וועלכען די גאנצע וועלט האט אמאל געגלויבט?“

„אט אזוי ווי דו זאגסט, האט געענטפערט דער אלטער מאן אין גרוים אומעט. און איך האב געדיענט יענעם אלטען גאט ביז צו זיין לעצטער שעה.

איצט אבער בין איך ארוים פון דיענסט, אהן א האר, און פארט ניט פריי, אויך ניט מעהר לוסטיג אפילו א שעה, סיידען אין זכרונות.

צוליעב דעם בין איך אין אט די בערג ארויף, איך זאל צום סוף ווידער א מאל מאכען א יום־טוב פאר מיר, ווי עס פאסט זיך פאר אן אלטען פויפסט און קירך־פאטער: ווייל זיי וויסען, איך בין דער לעצטער פויפסט! — א יום־טוב פון פרומע זכרונות און גאט־דיענסטען.

איצט אבער איז ער גופא געשטארבען, דער פרימסטער

מענש, יענער הייליגער אין וואלד, וואס האט זיין גאט שטענדיג געלויבט מיט זינגען און ברומען.

איהם גופא האב איך שוין ניט געפונען, ווען איך האב זיין ביידעל געפונען, — דערפאר אבער אין איהר צוויי וועלף, וואס האבען געיאמערט אויף זיין טויט — ווייל אלע חיות האבען איהם ליעב געהאט. בין איך אנטלאפען פון דארטען.

בין איך, הייסט עס, אומזיסט געקומען אין אט די וועלדער און בערג? האט מיין הארץ אפגעמאכט ביי זיך, אז איך האב גאר אן אנדערען געזוכט, דעם פרימסטען פון אלע יענע, וואס גלויבען ניט אין גאט, — אז איך האב געזוכט זאראטוסטרא'ן!"

אזוי האט גערעדט דער זקן און האט געקוקט מיט א שארפען בליק אויף דעם, וואס איז געשטאנען פאר איהם; זאראטוסטרא אבער האט אז גענומען די האנט פון דעם אלטען פויפסט און זי לאנג מיט באוואונדערונג בעטראכט.

„טו א קוק, דו חשוב'ער מענש, וואס פאר א שעהנע און לאנגע האנט: דאס איז די האנט פון אזא, וואס האט שטענדיג ברכות אויסגעטיילט. איצטער אבער האלט זי פעסט יענעם, וועלכען דו זוכסט, מיך, זאראטוסטרא'ן.

דאס בין איך, דער כופר בעיקר זאראטוסטרא, וואס זאגט: ווער לייקענט מעהר אין גאט, איידער איך, איך זאל מיך דער־פרעהען מיט זיין למוד?"

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און האט דורכגעעגבערט מיט זיינע בליקען די געדאנקען און הינטער־געדאנקען פון דעם אלטען פויפסט. לסוף האט יענער אנגעהויבען:

„ווער עס האט איהם מעהר פאר אלעמען געהאט און גע־ליעבט, יענער האט איהם ממילא אויך מעהר פאר אלעמען פאר־לארען —:

— זעה, הפנים, אז פון אונזביידען בין איך גופא איצטער דער גרעסערער כופר־בעיקר? אבער ווער וואלט זיך געקאנט פרעהען דערפון!"

— „דו האָסט איהם געדיענט ביז צולעצט, ווייסטו ו ו י ער איז געשטאָרבען? האָט זאַראַטוסטראַ געפרעגט, פאַרזונקען אין געדאַנק, נאָך אַ טיעפען שווייגען. איז דאָס אמת, וואָס מען זאָגט, אַז די רחמנות האָט איהם דערוואָרגען,

— אַז ער האָט געזעהן, ווי דער מ ע נ ש איז געהאַנגען אויף דעם צלם, און האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, אַז די ליעבע צו דעם מענשען זאָל ווערען דער גיהנום זיינער און לסוף אויך זיין טויט? ‟ — —

דער אַלטער פּויפּסט האָט אָבער ניט געענטפערט, נייערט שרעקעדיג געקוקט אַן אַ זייט און מיט אַ שמערצליך־פינסטערן אויסדרוק.

„לאָז איהם געהן, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט נאָך אַ לאַנגען טראַכטען, בעת ער האָט נאָך אַלץ געקוקט דעם אַלטען מאַן גלייך אין אויג אַריין.

לאָז איהם געהן, עס איז אויס מיט איהם. און אויב עס טוט דיר אַן כבוד, וואָס דו רעדסט נאָר גוטס אויף אַט דעם שכיב־מרע, ווייסטו דאָך אַזוי גוט, ווי איך, ו ו ע ר ער איז געווען און אַז ער איז געגאַנגען אין וואונדערליכע וועגען.‟

„אונטער דריי אויגען גערעדט, האָט געזאָגט דער פּויפּסט, אַן אויפגעהייטערטער (ווייל ער איז געווען בלינד אויף איין אויג), אין די ענינים מכוח גאָט בין איך אויפגעקלערטער איידער זאַראַטוסטראַ אַליין — און אַזוי דאַרף דאָס זיין.

מיין ליעבע האָט איהם לאַנגע יאָהרען געדיענט, מיין ווילען איז נאָכגעגאַנגען נאָך גאָר זיין ווילען. אַ גוטער דיענער ווייס אָבער אַלץ, און אויך ניט ווייניג זאַכען, וואָס דער האַר בעהאַלט פון זיך אַליין.

ער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער גאָט, פול מיט סודות. באמת, אפילו אַ זוהן האָט ער בעקומען ניט אַנדערס ווי אויף גניבה'שע וועגען. ביי דער טיר פון זיין גלויבען שטעהט אַן אשת איש.

ווער עס לויבט איהם, ווי אַ גאָט פון ליעבע, טראַכט ניט גענוג

הויף פון דער ליעבע גופא. האָט יענער נאָט ניט געוואָלט זיין אויף א שופט? אָבער דער ליעבענדער ליעבט פון יענער זייט לוין און מדה כנגד מדה.

בעת ער איז געווען יונג, אָט דער נאָט פון מזרח־לאַנד, איז ער געווען הארט און נקמה־פול און האָט זיך א גיהנום אויפגעבויט פאַר דעם תענוג פון זיינע ליעבלינגע.

לסוף אָבער איז ער אַלט געוואָרען און ווייך און צוקראָכען און רחמנות׳דיג, מעהר מיט דעם אָנבליק פון א זיידען, איידער פון א פאָטער, אָדער מעהר פאַר אַלץ — מיט דעם אָנבליק פון א וואקעלדיגער באָבען.

א פאַרוועלקטער איז ער זיך געזעסען אין זיין ווינקעל, ביים אויווען, האָט זיך מצער געווען וועגען די שוואכע פיס זיינע, וועלט־מיעד, ווילענס־מיעד, און איז אין איין שעהנעם טאָג דערשטיקט געוואָרען פון גרויס רחמנות.״ — —

„דו אַלטער פויפסט, האָט דאָ אין מיטען אריינגערעדט זאראַ־טוסטרא, האָסטו ד אָ ס מיט דיינע אויגען געזעהען? אודאי האָט דאָס געקאָנט זיך פאַרלויפען אזוי: אזוי, און אויך אויף אַן אנדער אופן. ווען געטער שטאַרבען, שטאַרבען זיי תמיד מיט פיעלערליי ארטען מיתות.

אָבער — לאָז זיין! אזוי אָדער אזוי, אזוי און אזוי — ער איז אוים! ער איז געווען צוואווידער מיין געשמאַק פאַר מיינע אויערען און אויגען, אַן ערגערע זאך וויל איך ניט זאָגען נאָך איהם.

איך ליעב אַלץ, וואָס בליקט העל און רעדט אָרענטליך. אָבער ער — דו ווייסט דאָך, דו אַלטער כומר, עס איז געווען אין איהם עפּעס פון דיין טבע, פון דעם גלחים־שטייגער — ער איז געווען פיעל־דייטיג.

ער איז אויך געווען אומדייטליך. וויפיעל האָט ער, דער צאָרן־פרייכער, געצאָרענט אַנטקעגען אונז, אַלעמאי מיר האָבען איהם שלעכט פאַרשטאַנען! אָבער אַלעמאי האָט ער ניט גערעדט קיין קלאָרע דבורים?

און אויב שולדיג זיינען געוועזן אונזערע אויערען, אלעמאי האט ער אונז געגעבען אויערען, וואס האבען איהם שלעכט געהערט?

אויב שלאס איז געוועזן אין אונזערע אויערען, אדרבה! ווער האט דאס אריינגעלייגט אהין?

צו פיעל זאכען האבען זיך איהם ניט איינגעגעבען, אט דעם טעפער, וואס ער האט ניט גוט זיך אויסגעלערנט! וואס ער האט אבער נקמה גענומען פון זיינע באשעפעניסען, פאר וואס זיי האבען זיך איהם שלעכט איינגעגעבען, — דאס איז געוועזן א זינד כלפי דעם גוטען געשמאק.

אויך אין דער פרומקייט איז דא א גוטער געשמאק: אט דער האט לסוף געזאגט: אוועק מיט אזא גאט! ליעבערשט גאר קיין גאט, ליעבערשט אויף אייגענער ריזיקא בויען דעם שיקזאל, ליעבערשט זיין א נאר, ליעבערשט אליין זיין א גאט!"

— „וואס הער איך, האט דא געזאגט דער אלטער פויפסט מיט צוגעשפיצטע אויערען; א, זאראטוסטרא, דו ביסט פרימער איידער דו מיינסט, מיט אזא מין אומגלויבען! איינער, א גאט אין דיר, האט דיך באקערט צו דיין לייקענען אין גאט.

איז דאס ניט דיין פרומקייט גופא, וואס לאזט דיך ניט מעהר גלויבען אין א גאט? און דיין צו גרויסע ערענטליכקייט וועט דיך נאך אוועקפיהרען אויף יענער זייט גוטס און שלעכטס!

זעה דאך, וואס עס איז געבליבען אנגעגרייט פאר דיר? דו האסט אויגען און הענט און מויל, וואס זיינען פון אייביגקייט אן פאראויס־באשטימט געווארען צו בענשען. מען בענשט ניט נאר מיט דער האנט.

אין דיין נאהענט, ווען אפילו דו ווילסט זיין דער גרעסטער כופר אין גאט, דערשפיהר איך א פארבעהאלטענעם הייליגען ריח, א וואויל־גערוך פון לאנגע בענשונגען: עס ווערט דערביי אי גוט, אי וועהיג אויפ'ן הארצען.

לאז מיך זיין דיין גאסט, א זאראטוסטרא, פאר איין איינציג

נער נאכט! ערגעץ ניט אויף דער ערד וועט מיר איצטער וואוילער זיין איידער ביי דיר!" —

„אמן! כן יהי! האט זאראטוסטרא געזאגט מיט גרויס פאר־וואונדערונג, דארטען ארויף פיהרט דער וועג, דארטען ליעגט זא־ראטוסטרא'ס הייהל.

גריילעך, בנאמנות, וואלט איך דיך אליין באגלייט אהין, דו חשוב'ער מענש, ווייל איך ליעב אלע פרומע מענשען. אבער איצ־טער רופט מיך א נויט־געשריי אוועק פון דיר.

אין מיין ממשלה זאל קיינער ניט ליידען קיין שאדען; מיין הייהל איז א גוטער פארט. און מעהר פאר אלץ וואלט איך גע־וואלט ווידער אוועקשטעלען איטליכען טרויעריגען אויף א פעס־טען לאנד און אויף פעסטע פיס.

ווער אבער וואלט געקאנט אראפנעמען דיין שווער־געמיט פון דיינע אקסלען? דערצו בין איך צו שוואך. מיר וועלען באמת לאנג דארפען ווארטען, ביז איינער וועט דיר דיין גאט ווידער אויפוועקען.

מחמת אט דער אלטער גאט לעבט שוין ניט מעהר: אט דער איז גרינטליך טויט." —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *

*

דער מאוס'ער מענש.

— און ווידער זיינען זאראטוסטרא'ס פיס געלאפען איבער בערג און וועלדער, און זיינע אויגען האבען געזוכט און געזוכט, אבער ערגעץ האבען זיי ניט געקאנט זעהן יענעם, וועמען זיי הא־בען געוואלט זעהן, דעם גרויסען נויט־ליידענדען און נויט־שרייענ־דען מענשען. אויף דעם גאנצען וועג אבער האט ער אנגעקוואלען אין זיין הארצען און איז געווען דאנקבאר. „וואס פאר גוטע זאכען, האט ער געזאגט, האט מיר דאך אט דער טאג געשענקט, ווי א

בעצאלט דערפאר, וואס ער האט זיך אזוי ניט גוט אנגעהויבען!
וועלכע חדוש'דיגע מיט־שמועסער האב איך געפונען!

זייערע ווערטער וועל איך איצט לאנג קייען, פונקט ווי גוטע
קערנער, מיין צאהן זאל זיי אויף קליין צומאלען און צורייבען,
ביז זיי וועלען מיר אריינפליסען אין דער נשמה, ווי מילך!" —

אז דער וועג האט זיך אבער ווידער א בויג געטאן ארום א
פעלז, האט זיך דער פייזאזש מיט איין מאל פארענדערט, און
זאראטוסטרא איז אריינגעטראטען אין א ממשלה פון טויט. דא
האבען ארויסגעשטארצט שווארצע און רויטע בארג־פעלזען: קיין
גראז, קיין בוים, קיין שטים פון א פויגעל. מחמת דאס איז געווען
א טאל, וואס אלע חיות האבען אויסגעמיטען, אויך די רויב־חיות.
נאר איין סארט מיאוס'ע, דיקע, גרינע שלאנגען פלעגען קומען אהער
קרעפירען, ווען זיי פלעגען ווערען אלט. דעריבער האבען די פאס־
טוכער א נאמען געגעבען דעם טאל: שלאנגען־טויט.

זאראטוסטרא אבער איז פארזונקען געווארען אין א שווארצע
עראינערונג, ווייל איהם האט זיך געדוכט, פונקט ווי ער וואלט שוין
האבען אמאל געשטאנען דא אין דעם טאל. און א סך שווערע
זאכען האבען זיך געליינט אויף זיין זין: אזוי, אז ער האט אנגע־
הויבען געהן פאמעלעך און אלץ פאמעלעכער און איז לסוף געבלי־
בען שטעהן. דא אבער האט ער אויפגעהויבען די אויגען און האט
דערזעהן זיצען ביים וועג עפעס אזוינס, וואס האט געהאט די גע־
שטאלט פון א מענשען און כמעט ווי ניט פון א מענשען, עפעס
וואס מען קאן גאר ניט ארויסריידען. און מיט איין מאל איז זא־
ראטוסטרא בעפאלען געווארען פון א גרויסער בושה, אלעמאי ער
האט מיט זיינע אויגען געזעהען אזא מין זאך: רויט געווארען ביז
זיינע ווייסע האר ארויף, האט ער אבגעווענדט זיין בליק און
אויפגעהויבען דעם פוס, צו פארלאזען יענעם ניט־גוטען ארט. דא
אבער איז די טויטע וויסטקייט פול געווארען מיט קול: מחמת פון
דער קרקע ארויס האט געגומען גארגלען און כארכלען, ווי עס גאר־
געלט און כארכעלט וואסער ביי נאכט דורך פארשטאפטע וואסער־

רעהרען; און לסוף איז דערפון געווארען א מענשען־שטים און מענשען־רייד: — זיי האבען אזוי געקלונגען:

„זאראטוסטרא! זאראטוסטרא! טרעף מיר מיין רעטעניש. זאג! זאג! וואס איז די נקמה, וואס מען נעמט פון אן עדות?

איך רוף דיך צוריק, דא איז גלאטער אייז, גיב אכטונג, גיב אכטונג, דיין שטאלץ זאל זיך דא ניט צוברעכען די פיס.

דו האלטסט זיך פאר א חכם, דו שטאלצער זאראטוסטרא! איז — טרעף דאך די רעטעניש, דו הארטע־ניס־קנאקער, — די רעטעניש, וואס איז איך! איז — זאג דאך: ווער בין איך!“

— אז זאראטוסטרא האט אבער געהערט יענע ווערטער, — וואס מיינט איהר, אן ערך, האט זיך אפגעשפיעלט אין זיין נשמה? די רחמנות האט איהם בעפאלען; און ער איז מיט א מאל אנידערגעזונקען, ווי א דעמב, וואס האט זיך א לאנגע צייט געהאלטען אנטקעגען א סך האלץ־העקער, — שווער, פלוצלונג, צו דעם שרעק אפילו פאר יענע, וועלכע האבען געוואלט איהם מאכען פאלען. אבער אויפ'ן שטעל איז ער ווידער אויפגעשטאנען פון דער ערד, און זיין פנים איז געווארען הארט.

„איך דערקען דיך גוט, האט ער געזאגט מיט א מעשענעם קול: דו ביסט גאט'ס רוצח! לאז מיך געהן.

האסט ניט געקאנט אריבערטראגען יענעם, וואס האט דיך געזעהן, דו נמאס'דיגסטער מענש! דו האסט גענומען נקמה פון יענעם עדות!“

אזוי האט געזאגט זאראטוסטרא און האט געוואלט אוועקגעהן; אבער דער ניט־צו־בעשרייבענדער האט זיך אנגעכאפט פאר א פיצעל פון זיין קלייד און האט אנגעהויבען איבער־א־נייעם צו גארגלען און צו זוכען ווערטער.

„בלייב!“ האט ער לסוף געזאגט, —

— בלייב! געה ניט פארביי! איך האב געטראפען, וועלכע

האָט עס האָט דיך אַנידערגעוואָרפען: וואויל צו דיר, אַ זאַראַטוסטראַ, וואָס דו ביסט ווידער אויף די פיס!

די האָסט געטראָפען, איך וויים עס גוט, ווי עס איז יענעם אויפ׳ן הארצען, וואָס האָט איהם געטוים, — אויפ׳ן הארצען דעם גאָט׳ס רוצח. בלייב! זעץ זיך־צו צו מיר, עס איז ניט אומזיסט.

צו וועמען זאָל איך דען געהן, אויב ניט צו דיר? בלייב, זעץ זיך! קוק מיך אָבער ניט אָן! האָב אָפּשיי אויף פאַר מיין העסליכקייט!

זיי רודפ׳ן מיך: איז — ביסטו מיין לעצטע אנטרינונג. ניט מיט זייער שנאה, ניט מיט זייערע שפּיאָנען: —

אָ, פון אזעלכע רדיפות וואָלט איך געשפּאָט; איך וואָלט געווען שטאָלץ און פרעהליך!

איז ניט יעדער ערפאָלג געווען ביז אַהער ביי די, וועמען מען האָט גוט פאַרפאָלגט? און ווער עס רודפ׳ט גוט, לערנט זיך אויס גרינג נאָך־צו־געהן: ער איז דאָך שוין אמאל — אהינטער! עס איז אָבער זייער רחמנות, —

— זייער רחמנות איז עס, פאַר וועלכער איך אַנטלויף און אַנטרין צו דיר. אַ זאַראַטוסטראַ, באַשירעם מיך, צו מיין לעצטע אַנטירנונג, דו איינציגער, וואָס האָט מיך דורכגעבליקט:

— דו האָסט געטראָפען, ווי עס איז יענעם אויפ׳ן הארצען, וואָס האָט איהם געטוים. בלייב! און אויב דו ווילסט געהן, דו אומגעדולדיגער: געה ניט אין דעם וועג, אין וועלכען איך בין געקומען. יענער וועג איז אַ שלעכטער.

ביסטו אין כעס אויף מיר, וואָס איך פּלאַפּעל און ראַבעה אַזוי לאַנג? וואָס איך גיב שוין דיר עצות? אָבער זיי וויסען, איך בין דאָס דער מיאוס׳טער מענש —

— וואָס האָט אויך די גרעסטע, די שווערסטע פיס. וואו איך בין נאָר געגאַנגען, איז דער וועג געוואָרען שלעכט. אַלע וועגען טו איך טרעטען צו טויט און צו שאַנד.

וואָס דו ביסט אָבער פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיר און האָסט

פּעשווינגען; וואָס דו ביסט רויט געוואָרען, איך האָב דאָס גוט גע־זעהען: אין דעם האָב איך דיך דערקענט, זאַראַטוסטראַ׳ן.

איטליכער אַנדערער וואָלט מיר צוגעוואָרפען אַ נדבה, זיין רחמנות, אין בליק און רייד. אָבער דערצו — בין איך ניט גענוג בעטלער, דאָס האָסטו דערשפּיהרט —

— דערצו בין איך צו ר י י ך, רייך אין דעם וואָס איז גרויס, אימה׳דיג, העסליך, ניט־אויס־צו־דריקען־אין־ווערטער! דיין שעמען־זיך, זאַראַטוסטראַ, האָט מיר כ ב ו ד אָ נ ג ע ט אָ ן!

קוים מיט צרות בין איך אַרויס געקומען אויס דעם שטופּענים פון די דערבאַרמדיגע, כדי איך זאָל געפינען דעם איינציגען, וואָס לערנט היינט, אַז „רחמנות האָבען איז אַן אָנטשעפּענעס“ — דיך, אָ זאַראַטוסטראַ!

— דאָס רחמנות־האָבען סיי פון אַ גאָט, סיי פון אַ מענשען: רחמנות־האָבען געהט אַנטקעגען דער שעמעוודיגקייט. און ניט־וועלען־העלפען קאָן זיין נאָבעלער, איידער יענע טוגענד, וואָס שפּרינגט צו איינעם צו.

ד אָ ס אָבער רופט זיך היינט טוגענד גופא ביי אַלע קליינע לייטלעך, רחמנות האָבען: — זיי האָבען ניט קיין יראת הכבוד פאַר אַ גרויסען אומגליק, פאַר דער גרויסער העסליכקייט, פאַר דעם גרויסען ניט־איינגעב.

אַריבער אַט די אַלע מענשען בליק איך אוועק, ווי אַ הונט אַרי־בער די רוקענס פון די אָנגעפּראַפּטע שאָף־הערדען. דאָס זיינען קליינע וואָליגע, וואויל־וויליגע גראָהע לייט.

ווי אַ בוטשאַן קוקט אוועק אַריבער פלאַכע טייכלעך, מיט אַ צוריק־געדרעהטען קאָפּ: אַזוי בליק איך אוועק אַריבער דעם גע־שוויבעל פון די גראָהע קליינע וואַלען און ווילענס און נשמות.

צו לאַנג האָט מען זיי געגעבען גערעכט, יענע קליינע לייט: אַזוינערנאָך האָט מען זיי לסוף אויך געגעבען די מאַכט — איז לערנען זיי: גוט איז נאָר דאָס, וואָס קליינע לייט רופען גוט.

און „אמת“ הייסט היינט, וואָס דער פּריידיגער האָט גע־

רעדט, וואָס איז אַליין געקומען פון זיי, יענער וואונדערליכער הייליגער און מליץ־יושר פון די קליינע לייט, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיך, „איך — בין דער אמת“.

אָט דער ניט־עניו׳דיגער האָט שוין פון לאַנג אָן געמאַכט, אַז ביי די קליינע לייט זאָל דער קאָם געשוואָלען ווערען — ער, וואָס האָט ניט קיין קליינעם טעות געלערנט, בעת ער האָט געלערנט „איך — בין דער אמת“.

האָט מען ווען עס איז געענטפערט אײדעלער יענעם ניט־עניו׳דיגען? — דו אָבער, אָ זאַראַטוסטראַ, ביסט פאַרביי איהם פאַרביי געגאַנגען און האָסט געזאָגט: „ניין! ניין! דריי מאָל ניין!“

דו האָסט געוואָרענט פון זיין טעות, האָסט דער ערשטער געוואָרענט פון דעם רחמנות־האָבען, — ניט אַלעמען, ניט קיינעם ניט, נאָר דיך און די פון דיין מין.

דו שעמסט זיך פאַר דער בושה פון דעם גרויסען ליידענדען; און באמת, ווען דו זאָגסט „פון דער רחמנות קומט אַ גרויסער וואָלקען, היט זיך, איהר מענשען!“

— ווען דו לערנסט „אַלע די וואָס שאַפען, זיינען האַרט, יעדע גרויסע ליעבע שטעהט העכער, איידער איהר רחמנות“: אָ, זאַראַטוסטראַ, וואָס פאַר אַ גוטער מבין דו ביסט, דוכט מיר, אויף סימנים פון וועטער!

דו גופא אָבער זאָלסט דיך גופא וואָרענען פון דיין רחמנות. ווייל אַ סך מענשען זיינען אונטערוועגענס צו דיר, אַ סך ליידענדע, צווייפלענדע, פאַר׳יאוש׳טע, זיך טרינקענדע, פריערענדע, —

איך וואָרען דיך אויך פון מיר. דו האָסט געטראָפען מיין בעסטע, ערגסטע רעטעניש, מיך גופא און וואָס איך האָב געטאָן. איך קען די האַק, וואָס מאַכט דיך פאַלען.

אָבער ער — האָט געמוזט שטאַרבען: ער האָט געקוקט מיט אויגען, וואָס האָבען געזעהען אַ ל ץ, — ער האָט געזעהען דעם

מענשענ'ס טיעפען און גרונטען, זיין גאנצע פארבעהאלטענע שמאך און העסליכקייט.

זיין רחמנות האט ניט געוואוסט פון בושה: ער איז געקראָבען אין מיינע שמוציגסטע ווינקלען. אָט דער נײַ־גיעריגסטער, דער צופיעל־צושטעהענדער, דער איבער־דערבארעמדיגער האט געמוזט שטארבען.

ער האט תמיד געזעהען מ י ך: פון אזא'ן עדות האב איך געוואָלט נעמען נקמה — אָדער אליין אויפהערען צו לעבען.

דער גאט, וואָס האט אלץ געזעהען, א ו י ך ד ע ם מ ע נ ש ע ן, אָט דער גאט האט געמוזט שטארבען! דער מענש קאן ניט אריבערטראָגען, וואָס אזא עדות לעבט."

אזוי האט גערעדט דער מאוס'טער מענש. זאראטוסטרא אָבער האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך געגרייט אוועקצוגעהן: ווייל עס איז איהם געווען פראסטיג ביז אין זיינע איינגעווייד.

„דו ניט־אויסצוריידענדער, האט ער געזאגט, דו האסט מיך געוואָרענט פון דיין וועג. ווי א דאנק דערפאר, וועל איך דיר לויבען מיינעם. זעה, דארטען אויבען ליעגט די הייהל זאראטוסטרא'ס.

מיין הייהל איז גרויס און טיעף און האט א סך ווינקלען; דארטען געפינט דער פארשטעקטעסטער זיין פארשטעק.

און הארט נעבען איהר זיינען דא הונדערט רוה־לעכער און שפּאלטען פאר קריכענדע, פלאטערנדע און שפּרינגענדע חיות.

דו ארויסגעשטויסענער, וואָס דו שטויסט דיך אליין ארויס, דו ווילסט ניט וואוינען צווישען מענשען און מענשען־רחמנות? זעהר וואויל, איז — טו, ווי איך טו! אזוי ארום וועסטו אויך לערנען פון מיר; נאר דער טוער לערנט זיך.

און ראשית וקודם רייד מיט מיינע חיות! די שטאָלצסטע חיה און די קלינגסטע חיה — זיי האבען פאר אונז ביידע געקאָנט זיין די ריכטיגע בעל־עצה'ס!" — —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און איז זיך געגאנגען זיין

זעג, נאָך טיעפער פארזונקען אין געדאַנק און לאַנגזאַמער, איידער פריהער: ווייל ער האָט אַ סך שאלות געפרעגט ביי זיך און האָט ניט געקאָנט אַזוי גרינג פּארענטפערען זיי.

„ווי אָרעם איז דאָך דער מענש! האָט ער געטראַכט אין זיין הארצען, ווי מיאוס, ווי כּאָרכלענדיג, ווי פול פון פאַרבאָר־גענער בושה!

מען זאָגט מיר, אַז דער מענש ליעבט זיך אַליין: אַך, ווי גרויס מוז זיין אָט די זיך־אַליין־ליעבע! ווי פיעלע פאַראַכטונג האָט זי אַנטקעגען זיך!

אויך אָט דער־אָ האָט זיך געליעבט, ווי ער האָט זיך פאַר־אַכט, — אַ גרויסער ליעבענדער איז ער מיר און אַ גרויסער פאַר־אַכטער.

איך האָב נאָך קיינעם ניט געפונען, וואָס זאָל זיך האָבען טיע־פער פאַראַכט: אויך ד אָ ס איז אַ הויך. וועה, איז אפשר ע ר געוועזען דער העכערער מענש, וועמעס געשריי איך האָב געהערט?

איך ליעב די גרויסע פאַראַכטער. דער מענש אָבער איז עפּעס אַזוינס, וואָס מוז אריבערגעשטיגען ווערען". — —

* *

*

דער פרייוויליגער בעטלער.

אַז זאַראַטוסטראַ האָט פאַרלאָזען דעם מאוס'טען מענשען, האָט עס איהם גענומען פריערען, און ער האָט זיך געפיהלט איינ־זאַם: מחמת אַ סך קאַלטס און איינזאַמס איז דורכגענאַנגען דורך זיין זין, אַזוי, אַז דערפון זיינען אויך זיינע איברים קעלטער גע־וואָרען.

בשעת ער איז אָבער ווייטער און ווייטער געשטיגען, אַרויף, אַראָפּ, דאָ פאַרביי גרינע לאָנקעס, דאָ אָבער אויך איבער ווילדע שטיינינגע געלענערס, וואו פריהער האָט משמעות אַן אומגעדולדיג טייכעל זיך געלייגט אין זיין בעט: איז איהם מיט אַמאָל ווידער געוואָרען ווארעמער און הארציגער אויפ'ן זין.

„וואָס איז מיר דאָך געשעהען? האָט ער זיך געפרעגט, עפּעס וואַרעמעס און לעבעדיגעס דערקוויקט מיך, וואָס מוז זיין אין דער נאָהענט פון מיר.

שוין בין איך וועניגער אליין; אומבאוואוסטע וועג־חברים און ברידער וואַגלען אַרום מיר, זייער וואַרימער אָטעם ריהרט אָן מיין נשמה.“

אז ער האָט אָבער אַרומגעפּאַרשט אַרום זיך און האָט געזוכט די טרויסטער פון זיין איינזאַמקייט: ערשט דאָס זיינען געווען קיה, וואָס זיינען געשטאַנען אין איינעם אויף אַ בערגעל; זייער נאָהענט און גערוך האָבען דערוואַרימט זיין האַרץ. אָט די קיה אָבער האָבען, ווייזט אויס, מיט התמדה זיך צוגעהערט צו אַ ריי־דענדען, און האָבען ניט באַמערקט דעם, וואָס איז צוגעקומען. ווען זאַראַטוסטראַ איז אָבער גאַנץ נאָהענט געקומען צו זיי, האָט ער דייטליך געהערט, ווי אַ מענשליכע שטים האָט גערעדט פון צווי־שען די בהמות; און בעשיינפּערליך האָבען זיי אַלע אין איינעם צוגעדרעהט זייערע קעפּ צו דעם ריידער.

איז זאַראַטוסטראַ האַסטיג אויפגעשפּרונגען און האָט פאַנאַנ־דערגעשטופּט די בהמות, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט דאָ מיט אימיצען אַ סבה פּאַסירט, וועמען די רחמנות פון די קיה וואָלט אסור געקאָנט עפּעס העלפען. אָבער דאָ האָט ער געהאַט אַ טעות; ווייל עס איז גאָר געזעסען אַ מענש אויף דער ערד און האָט, ווייזט אויס, גערעדט צו די בהמות, זיי זאָלען פאַר איהם קיין מורא ניט האָבען, אַ פריעד־ליעבענדער מענש אַ בארג־פּריידיגער פון וועמעס אויגען עס האָט געפּריידיגט די גוטס־קייט אַליין. „וואָס זוכסטו דאָ?“ האָט זאַראַטוסטראַ אויסגערו־פען פאַר׳חדוש׳ט.

„וואָס איך זוך דאָ? האָט ער געענטפערט: דאָס אייגענע, וואָס דו זוכסט, דו פריד־צושטערער! איך מיין, דאָס גליק אויף דער ערד.

צוליעב דעם אָבער וויל איך לערנען פון אָט די בהמות. ווייל,

וויסען דאַרפסטו, אַ האַלבען פריה־מאָרגען רייד איך שוין צו זיי, און זיי האָבען מיר נאָר וואָס געוואָלט געבען זייער ענטפער. איז — פאַרוואָס שטערסטו זיי?

באַים מיר קערען זיך ניט אום און ווערען ניט ווי די בהמות, קומען מיר ניט אריין אין דעם מלכות שמים. מהמת מיר דאַרפען זיך אויסלערנען פון זיי איין זאַך: מעלה־גירה זיין.

און באמת, דער מענש, ווען ער זאָל אפילו געווינען די גאַנצע וועלט און נאָר איינס זיך ניט אויסלערנען, מעלה־גירה זיין: וואָס וואָלט געווען די פעולה דערפון! ער וואָלט ניט פטור ווערען פון זיין אומעט.

— זיין גרויסען אומעט, — וואָס רופט זיך היינט ע ק ע ל. ווער האָט ניט היינט הארץ, מויל און אויגען פול פון עקעל? דו אויך! דו אויך! אָבער קוק דאָך אָן אָט די קיה!" —

אזוי האָט גערעדט דער בארג־פריידיגער און האָט דערנאָך צוגעווענדט זיין בליק צו זאראטוסטרא׳ן, — ווייל ביז אהער איז זיין בליק מיט ליעבע געהאַנגען אויף די קיה —: דאָ אָבער האָט ער זיך פאַראַנדערשט. „ווער איז דאָס, מיט וועמען איך רייד? האָט ער אויסגערופען, אַ דערשראָקענער, און איז אויפ־געשפרונגען פון דער ערד.

דאָס איז דער מענש אָהן עקעל, דאָס איז זאראטוסטרא אליין, דער, וואָס האָט גובר געווען דעם גרויסען עקעל; דאָס איז דאָס אויג, דאָס איז דער מויל, דאָס איז דאָס הארץ פון זאראטוסטרא׳ן גופא."

און בשעת ער האָט אזוי גערעדט, האָט ער ביי דעם, צו וועמען ער האָט גערעדט, געקושט די הענט מיט אַריבערשטראָ־מענדע אויגען און האָט זיך אין גאַנצען אויפגעפיהרט ווי איינער, וועמען אַ טייערע מתנה און אַ שאַץ איז אומגעריכטערהייט אַראָפּ־געפאַלען פון הימעל. די קיה אָבער האָבען געקוקט אויף דאָס אַלץ און זיך געוואונדערט.

„רייד ניט וועגען מיר, דו וואונדערליכער! ליעבליכער!

האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט און האָט איינגעהאַלטען זיין צערט־ליכקייט, רייד צו מיר פריהער וועגען זיך! ביסטו ניט דער פריי־ווילינגער בעטלער, וואָס האָט אַ מאָל אוועקגעוואָרפען פון זיך אַ גרויסע עשירות, —

— וואָס האָט זיך געשעמט מיט זיין עשירות און מיט די רייכע און איז אַנטלאָפען צו די אָרימסטע, כדי ער זאָל זיי שענקען זיין שפע און זיין האַרץ? אָבער זיי האָבען איהם ניט אָנגענו־מען."

„אָבער זיי האָבען מיך ניט אָנגענומען, האָט דער פרייוויל־ינער בעטלער געזאָגט, דו ווייסט עס דאָך. ביז איך לסוף אוועק צו די חיות און אָט די בהימות".

„דו האָסט זיי געלערנט, האָט זאַראַטוסטראַ איבערגעשלאָגען זיינע רייד, אַז עס איז שווערער גוט צו געבען איידער גוט צו נעמען און אַז גוט שענקען איז אַ קונסט און די לעצטע פוקסען־קליגסטע מייסטער־קונסט פון גוטיגקייט".

„בפרט אין היינטיגע צייטען, האָט געענטפערט דער פרייוווי־ליגער בעטלער: דאָס הייסט היינט, ווען אַל' דאָס נידעריגס איז געוואָרען אויפשטאַנדיש און מבולבל און אויף זיין אופן האָפער־דיג: דאָס הייסט, אויף דעם המון־עם־אופן.

ווייל די שעה איז געקומען, ווי דו ווייסט, פאַר דעם גרויסען ניט־גוטען, לאַנגען, לאַנגזאַמען ערב־רב־ און שקלאַפען־אויפ־שטאַנד: און ער וואַקסט און וואַקסט!

איז — ווערען די נידעריגע אויפגעברויזט פון יעדער צדקה און פון קליינע מתנות; און די איבער־רייכע מעגען זיך היטען!

ווער עס טראָפּעט אין היינטיגער צייט, ווי די בויכיגע פלאַ־שען פון צו שמאָלע העלזלעך: — אַזוינע פלאַשען ברעכט מען אי־בער היינט גריילעך די העלז.

להוט'ע גיעריגקייט, גאַליגע קנאה, פאַראומערטע נקמה, ערב־רב־שטאָלץ: דאָס אַלץ איז מיר געשפרונגען אין פנים אריין. עס

איז שוין ניט אמת אז די אָרעמע זיינען גליק־געבענשט. די מלכות שמים אָבער איז ביי די בהימות".

„און פאַרוואָס איז זי ניט ביי די רייכע?" האָט זאַראַטוס־טראַ געפרעגט אין אַן אויספּרואוו, בעת ער האָט אָפּגעטריבען די קיה, וואָס האָבען דעם פריעדר־ליעבענדען מעשה קרובים אַרומגע־שמעקט.

„וואָס פּיהרסטו מיך אַריין אין אַ נסיון? האָט יענער גע־ענטפערט. דו אַליין ווייסט עס נאָך בעסער פאַר מיר. וואָס האָט מיך דען געטריבען צו די אָרימסטע, אָ זאַראַטוסטראַ? איז דאָס ניט געווען דער עקעל פאַר אונזערע רייכסטע?

— פאַר די פאַרברעכער פון רייכטום, וואָס הויבען אויף זייער פאַרטייל פון יעדען מיסט, מיט קאַלטע אויגען און צולאָזענע געדאַנקען, פאַר אָט דער חברה, וואָס שטינקט צום הימעל,

— פאַר אָט דעם באַגילדטען פאַרפאַלשטען המון־עם, וועמעס טאַטעס זיינען געווען גנבים אָדער נבלה־קראָהען, אָדער לומ־פען־זאַמלער, פאַר די ווייבער, נאָכגעביגע, תאוה־לוסטיגע, פאַר־געסליכע. — מחמת זיי זיינען אַלע ניט ווייט פון נאַפקעס —

ערב־רב אויבען, ערב־רב אונטען! וואָס איז איצטער די נפקא־מיניה „אָרעם" — „רייך", דעם חילוק האָב איך פאַרלאָרען פון אויג, — בין איך אַנטלאָפען פון דאָרטען, ווייטער, רק ווייטער, ביז איך בין געקומען אָט צו די קיה."

אַזוי האָט גערעדט דער פריעדר־ליעבענדער און האָט אַליין שווער געאָטעמט און האָט געשוויצט בעת'ן ריידען: אַזוי, אַז די בהמות האָבען זיך אויפ'ס ניי געוואונדערט. זאַראַטוסטראַ אָבער האָט איהם רק געקוקט מיט אַ שמייכעל אין פּנים אַריין, ווען ער האָט אַזוי האַרט גערעדט, און האָט דערביי שווייגענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„דו פאַרגוואַלטיגסט זיך אַליין, דו באַרג־פּריידיגער, ווען דו ווענדסט אָן אַזעלכע האַרטע ווערטער. פאַר אַזאַ האַרטקייט איז ביי דיר ניט געוואַקסען ניט דער מויל, ניט דאָס אויג. און אויך, ווי

מיר דוכט, אפילו ניט דער מאָגען. א י ה ם איז צוואווידער אזא מין צאָרענען און האסען און אריבערשוימען. דיין מאָגען וויל מילדערע זאכען: ביסט ניט קיין קצב. א סך מעהר ביסטו, דוכט מיר, א פלאנץ־מענש און א וואָרצעל־מאַן. עס קאָן זיין, דו צר־מאָלסט קערענער. בלי ספק אָבער האָסטו ניט האָלט די פלייש־ליכע פריידען און דו ליעבסט האָניג.״

„דו האָסט געטראָפען בנוגע מיך, האָט דער פרייוויליגער בעטלער געענטפערט מיט א גרינגער־געוואָרענעם הארצען. איך האָב האָלט האָניג, איך צומאָל אויך קערענער, ווייל איך האָב גע־זוכט וואָס איז ליעבליך פאַר דעם מויל און וואָס מאַכט א ריי־נעם אָטעם:

— אויף דאָס, וואָס דאַרף האָבען א לאנגע צייט, א טאָג, און מויל־ווערק פאַר מילדע ליידיג־גייהערס און פוילענצער.

ווייטער פאַר אַלעמען זיינען אין דעם פּרט זיכער דערגאנגען אָט די קיה: זיי האָבען אויסגעטראַכט פאַר זיך מעלה־גירה־זיין און ליעגען־אין־דער־זון. אויך האַלטען זיי זיך אָפּ פון אַלע שווע־רע געדאַנקען, וואָס מאַכען געשוואָלען דאָס הארץ.״

— זאָל זיין! האָט געזאָגט זאראַטוסטרא: דו זאָלסט אויך מ י י נ ע חיות זעהן, מיין אָדלער און מיין שלאַנג, — זייער גלייכען איז איצטער ניטאָ אויף דער וועלט.

זעהסט, דאָרטען פיהרט דער וועג צו מיין הייהל: זיי די נאַכט א גאַסט אין איהר. און רייד מיט מיינע חיות וועגען דעם גליק פון די חיות, —

ביז איך אליין וועל קומען אַהיים. ווייל איצטער רופט מיך א נויט־געשריי אַוועק פון דיר. אויך נייעם האָניג וועסטו גע־פינען ביי מיר, אייז־פרישען וואַבעל־גאָלד־האָניג; דאָס קאָנסטו עסען!

איצטער אָבער נעם תיכּף אָפּשייד פון דיינע בהמות, דו וואונדערליכער! ווען אפילו דאָס קאָן זיין שווער פאַר דיר. ווייל דאָס זיינען דיינע וואַרימסטע פריינד און לעהרער!״

„— א־חוץ איינעם, וועלכען איך האָב נאָך ליעבער, האָט געענטפערט דער פּריוואָיליגער בעטלער. דו אַליין ביסט אַ גוטער, נאָך בעסער איידער אַ קוה, אַ זאַראַטוסטראַ!"

„אַוועק, אַוועק! דו שלעכטער חנופות'ניק! האָט זאַראַטוס־טראַ אויסגעשריען מיט בייזקייט, וואָס פיהרסטו מיך איבער מיט אַזאַ לויב און חניפה־האָניג?"

„אַוועק, צוועק פון מיר!" האָט ער אויסגעשריען נאָך אַ מאָל און האָט אַ הויב געטאָן זיין שטעקען אויף דעם צאַרטליכען בעט־לער: יענער איז אָבער אַוועקגעלאָפען פלינק.

*　*

*

דער שאָטען.

קוים איז דער פּריוואָיליגער בעטלער אַוועקגעלאָפען און זאַ־ראַטוסטראַ איז ווידער געבליבען מיט זיך אַליין, ערשט ער האָט דערהערט הינטער זיך אַ נייע שטים: זי האָט גערופען: „שטעה! זאַראַטוסטראַ! איז — וואַרט דאָך! דאָס בין איך, אַ זאַראַ־טוסטראַ, איך, דיין שאָטען!" אָבער זאַראַטוסטראַ האָט ניט געוואַרט, ווייל אַ פאַרדראָס איז פּלוצלונג געקומען אויף איהם מחמת דעם צו גרויסען עולם און דער שטופּעניש אין זיינע בערג.

„וואו איז אַהינגעקומען מיין איינזאַמקייט? האָט ער געזאָגט.

עס ווערט באמת צו פיעל פאַר מיר; עס שווימעלט אין די בערג, מיין ממשלה איז שוין ניט מעהר פון ד ע ר וועלט, איך דאַרף האָבען נייע בערג.

מיין שאָטען רופט מיך? וועמען זאָל אַהרען מיין שאָטען? לאָז ער מיר נאָכלויפען! איך — וועל פון איהם אַנטלויפען."

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ אין זיין הארצען און האָט גענומען אַנטלויפען. אָבער יענער, וואָס איז געווען הינטער איהם, איז איהם נאָכגעלאָפען: אזוי, אַז באַלד זיינען דריי לויפער געלאָ־פען איינער הינטער דעם אַנדערען, דהיינו: אין פאָראויס דער פּריוואָיליגער בעטלער, דערנאָך זאַראַטוסטראַ און דער דריטער און

הינטערסטער — זיין שאָטען. ניט לאַנג זיינען זיי אַזוי געלאָפען, ביז זאַראַטוסטראַ האָט זיך באַזינט וועגען זיין טפשות און האָט מיט איין רוק אראָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם גאַנצען פאַרדראָס און די דערעסענקייט.

„וואָס! האָט ער געזאָגט, האָבען דען ניט מקדמונים פּאַסירט די לעכערליכסטע זאַכען מיט אונז אַלטע מתבודדים און הייליגע?

באמת, מיין טפשות איז הויך אויסגעוואַקסען אין די בערג. איצטער הער איך, ווי עס קלאַפּערען זעקס אַלטע נאַרען־פיס, איין פּאָר הינטער דער אַנדערער!

אָבער זאָל זאַראַטוסטראַ מורא האָבען פאַר אַ שאָטען? אויך רעכען איך אַז סוף־כל־סוף האָט ער לענגערע פיס איידער איך".

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ און האָט געלאַכט מיט די אויגען און די איינגעווייד; ער איז געבליבען שטעהן און האָט זיך פלינק ארומגעדרעהט — און זעה, שיער האָט ער דערביי ניט אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד זיין נאָכלויפער און שאָטען: אַזוי האַרט אויף די פוס־טראָטען איז יענער נאָכגעלאָפען נאָך איהם און אַזוי שוואַך איז ער אויך געווען. דהיינו, אַז ער האָט גענומען פאָרשען איהם מיט די אויגען, האָט ער זיך דערשראָקען ווי פאַר אַ פּלוצימדיגען געשפּענסט: אַזוי דין, שווארצליך און אָפּגעלעבט האָט יענער נאָכלויפער אויסגעזעהען.

„ווער ביסטו? האָט זאַראַטוסטראַ געפרעגט אין כעס, וואָס טוסטו דאָ? און פאַר וואָס רופסטו זיך מיין שאָטען? דו געפעלסט מיר ניט."

„זיי מיר מוחל, האָט דער שאָטען געענטפערט, וואָס דאָס בין איך, און אויב איך געפעל דיר ניט, אָ זאַראַטוסטראַ! דערפאַר לויב איך דיך און דיין גוטען געשמאַק.

אַ וואַנדערער בין איך וואָס איז שוין אַ סך נאָכגעגאַנגען הינטער דיינע פוס־טראָטען: תמיד אונטערוועגנס, אָבער אָהן אַ ציעל און אָהן אַ היים: אַזוי, אַז באמנות עס פעהלט מיר וועניג

צו דעם אייביגען איד, א־חוץ וואס איך בין ניט אייביג און ניט קיין איד.

ווי? מוז איך כסדר זיין אונטערוועגנס? פון איטליכען ווינט געווירבעלט, נע ונד, ווייטערגעטריבען? א ערד, דו ביסט מיר צו קיילעכדיג געווארען!

אויף איטליכען אויבערפלאך בין איך שוין געזעסען, ווי א מיעדער שטויב בין איך געשלאפען אויף שפיגלען און פענסטער־שויבען: אלץ נעמט פון מיר, קיין זאך גיט מיר ניט, איך ווער דין, — כמעט בין איך געגליכען צו א שאטען.

נאך דיר אבער, זאראטוסטרא, בין איך נאכגעפלויגען און נאכגעצויגען די גאר לענגסטע צייט און ווען איך פלעג מיך פון דיר בעהאלטען, בין איך פארט געווען דיין בעסטער שאטען: וואו נאר דו ביסט געזעסען, בין איך אויך געזעסען.

מיט דיר בין איך ארומגעגאנגען איבער די ווייטסטע, קאלטסטע וועלטען, צו א געשפענסט געגליכען, וואס לויפט ארום פרייוויליג איבער די ווינטערדעכער און דעם שנעע.

מיט דיר האב איך אויך ארומגעשטרעבט אין אלע פארבאטענע, שלימסטע און ווייטסטע ענינים: און ווען עפעס אין מיר איז א טוגענד, איז דאס, וואס איך האב פאר קיין פארבאט קיין מורא ניט.

מיט דיר האב איך צובראכען, וואס מיין הארץ האט ווען עס איז עהרליך געהאלטען, אלע גרעניץ־שטיינער און בילדער האב איך אנידערגעווארפען, נאך די געפעהרליכסטע וואונשען בין איך נאכגעלאפען — בנאמנות, איבער יעדען פארברעך בין איך איין מאל דורכגעלאפען.

מיט דיר האב איך מיך אפגעוואוינט פון דעם גלויבען אין ווערטער און ווערטען און גרויסע נעמען. ווען דער טייוועל בייט זיין הויט, פאלט דען ניט אראפ אויך זיין נאמען? מחמת יענער נאמען איז אויך הויט. דער טייוועל גופא איז אפשר — הויט.

„נארנישט איז אמת, מעגען מעג מען אלץ": אזוי האב איך

געטענה׳ט צו זיך. אין די קאַלטסטע וואַסערען האָב איך מיך געוואָרפען מיט קאָפּ און האַרץ. אַך, ווי אָפט בין איך דערפון געשטאַנען אַ נאַקעטער ווי אַ רויטער קרעבס! אַך, וואוהין איז ביי מיר אהינגעקומען מיין גאַנצע גוטסקייט און יעדע בושה און יעדער גלויבען אין די גוטע! אַך, וואו איז יענע פאַר׳שקרן׳טע אומשולד, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט, די אומשולד פון די גוטע און זייערע נאָבעלע ליגענס!

באמת, צו אָפט בין איך נאָכגעלאָפען דעם אמת האַרט אויף דעם פוס־טראָט: האָט ער מיר אַ בריק געטאָן אין קאָפּ. אַן אנדערס מאָל האָב איך געמיינט, איך לאַיג, ערשט זעה! גראָד יעמאָלט האָב איך געטראָפען — דעם אמת.

צו פיעל איז מיר קלאָר געוואָרען: איז אהרט עס מיך שוין אַ ברעקעל ניט. קיין זאַך, וואָס איך ליעב, לעבט ניט מעהר, — ווי זאָל איך נאָך מיך אליין ליעבען?

„לעבען אזוי, ווי איך האָב די לוסט דערצו, אָדער גאָר ניט לעבען״: אזוי וויל איך דאָס, אזוי וויל דאָס אויך דער היילינגסטער. אָבער, וועה איז מיר! ווי אזוי האָב א י ך נאָך — לוסט?

האָב א י ך — נאָך אַ ציעל? אַ האַפען, וואוהין מיין שיף־לייוועגט לויפט?

אַ גוטען ווינט? אַך, נאָר דער וואָס וויס, וואוהין ער פאָהרט, וויס אויך, וועלכער ווינט איז אַ גוטער און איז זיין פאָהר־ווינט.

וואָס איז מיר נאָך געבליבען? אַ האַרץ איינגעמאַטערט און פארשייט; אַ ניט־איינגעשטעלטער ווילען; פלאַטער־פליגלען; אַ צובראָכענער חוט השדרה.

אָט דאָס זוכען מ י י ן היים: אָ זאַראַטוסטרא, אז דו וואָלסט וויסען! — אָט דאָס זוכען איז געוועז מיין פּלאָג, עס פרעסט מיך אויף.

וואו איז — מ י י ן היים? איך פרעג מיך נאָך און זוך און האָב געזוכט; איך האָב דאָס ניט געפונען. אָ, אייביגער אומעטום, אָ אייביגער ערגעץ־ניט, אָ, אייביגער — אומזיסט!״

אזוי האָט גערעדט דער שאָטען, און זאַראַטוסטראַ'ס פּנים איז אַלץ לענגער געוואָרען ביי זיינע ווערטער. „דו ביסט מיין שאָטען! האָט ער לסוף געזאָגט מיט טרויעריגקייט.

דיין געפאַהר איז ניט קיין קליינע, דו פרייער גייסט און וואַנדערער! דו האָסט געהאַט אַ ניט־גוטען טאָג: זעה, אַז אויף דיר זאָל ניט קומען נאָך אַן ערגערער אָוועגט!

פּאַר אַזעלכע ניט־איינגעשטעלטע, ווי דו, וועט לסוף אויך אַ תּפיסה אויסדרוכטען גליק־געבענשט. האָסטו ווען געזעהען, ווי געפאַנגענע פאַרברעכער שלאָפען? זיי שלאָפען רוהיג, זיי דער־קוויקען זיך מיט זייער נייער זיכערקייט.

היט זיך, אַז ענגער גלויבען זאָל דיך לסוף ניט נעמען אין געפאַנגענשאַפט, אַ האַרטער, שטרענגער שגעון! מחמת דיך פאַר־פיהרט איצטער אַלצדינג, וואָס איז ענג און פעסט.

דו האָסט אָנגעוואָרען דעם ציעל: וועה, ווי וועסטו אָט דעם אָנווער פאַרפלוידערען און פאַרגעסען. מיט דעם גופא — האָסטו אויך אָנגעוואָרען דעם וועג!

דו אָרעמער אַרומוואַגלער, אַרומשמייער, דו מידע זומער־פויגעלע! ווילסטו היינטיגען אָוועגט אַ רוה און אַ היים־פּלאַץ האָבען? איז — געה אַרויף צו מיין הייהל!

אָן דאָרטען פיהרט דער וועג צו מיין הייהל. און איצונדער וויל איך אויף־גיך ווידער פון דיר אָוועקלויפען. עס ליעגט שוין ווי אַ שאָטען אויף מיר.

איך וויל לויפען אַליין, עס זאָל ווידער ווערען העל אַרום מיר. דערצו מוז איך נאָך אַ לאַנגע צייט זיין לוסטיג אויף די פיס. אין אָוועגט אָבער וועט מען ביי מיר — טאַנצען!" — —
אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *

*

אין האלבען טאג.

— און זאראטוסטרא איז געלאפען און געלאפען און האט מעהר קיינעם ניט געפונען און איז געווען אליין און האט אלע ווײלע געפונען זיך גופא און האט מיט הנאה געזופט זיין איינזאמקייט און האט געטראכט װעגען גוטע זאכען, — שעה'נווייז. אבער ארום דער שעה פון האלבען טאג, ווען די זון איז געשטאנען פונקט איבער זאראטוסטרא'ס קאפ, איז ער פארבייגעגאנגען פארביי אן אלטען קרומען און קארביגען בוים, וואס איהם האט די רייכע ליעבע פון א ווײנשטאק ארומגענומען פון אלע זייטען און וואס איז פאר זיך אליין געווען פארבארגען: געלע ווײנטרויבען זיינען פול און פיעל אראפגעהאנגען פון איהם פאר דעם וואנדערער. האט זיך איהם פארוועלט א ביסעל שטילען זיין דארשט און אפרייסען א ווײנטרויב; אז ער האט אבער שוין אויסגעשטרעקט דערצו זיין ארעם, האט זיך איהם נאך מעהר פארגלוסט אן אנדער זאך: דהיינו, זיך אנידערלייגען נעבען דעם בוים, אין דער שעה פון דעם רעכטען האלבען טאג, און א שלאף טאן.

האט דאס זאראטוסטרא געטאן; און ווי נאר ער איז געלעגען אויף דער ערד, אין דער שטיל און דער פארבארגענקייט פון דעם פיעל־פארביגען גראז, האט ער שוין פארגעסען אויף זיין ביסעל דארשט און איז איינגעשלאפען. ווייל, ווי זאראטוסטרא'ס א ווערטעל זאגט: איין זאך איז נויטיגער איידער די אנדער זאך. נאר די אויגען זיינען געבליבען אפען: מחמת זיי האבען ניט געקאנט זאט ווערען אנקוקענדיג און שעצענדיג דעם בוים און די ליעבע פון דעם ווײנשטאק. בשעת'ן איינשלאפען אבער האט זאראטוסטרא אזוי געזאגט צו זיין הארצען:

„שטיל! שטיל! איז די וועלט ניט נאר וואס געקומען צו איהר תכלית־השלימות? וואס קומט מיט מיר פאר?

ווי א חן'עוודיגער ווינט טאנצט אן אומגעזעהענער איבער דעם געטאוועלטען ים, גרינג, ווי א פעדער: אזוי — טאנצט דער שלאף אבער מיר.

קיין איין אויג דריקט ער מיר ניט צו, די נשמה לאזט ער מיר וואך זיין. גרינג איז ער באמת! פעדער־גרינג.

ער שמועסט מיך איין, איך וויים ניט ווי? ער באריהרט מיך אינוועניג מיט א חניפה־האנט, ער צווינגט מיך. יע, ער צווינגט מיך, מיין נשמה זאל זיך אויסשטרעקען: —

— ווי לאנג און מיעד זי ווערט, מיין וואונדערליכע נשמה! איז צו איהר געקומען דער אווענט פון דעם זיעבענטען טאג גראד אין מיטען האלבען טאג? האט זי שוין צו לאנג ארומגעוואנ־דעלט, א גליק־געבענשטע, צווישען גוטע און צייטיגע זאכען?

זי שטרעקט זיך אויס לאנג, לאנג, — נאך לענגער! זי ליעגט שטיל, מיין וואונדערליכע נשמה. צו פיעל גוטס האט זי שוין פארזוכט, אט די גילדערנע טרויעריגקייט דריקט אויף איהר, זי פארדרעהט דעם מויל.

— ווי א שיף, וואס לויפט אריין אין איהר שטילער בוכט:— איצט לעהנט זי זיך אן דער ערד, מאט פון דער לאנגער נסיעה און פון די אומזיכערע ים'ען. איז ניט די ערד א סך טייערער?

ווען אט צזא שיף ליינט זיך אנידער און טוליעט זיך־צו צו דער ערד: — איז שוין גענוג, אז א שפין פון דער יבשה, זאל צו איהר צושפינען זיין פאדים. קיין שטארקערען קאנאט דארף זי ניט.

ווי אזא מיעדע שיף אין דער שטילסטער בוכט, אזוי רוה איך אויך איצטער, נאהענט צו דער ערד, געטריי, צוגעטרויט, ווארטענדיג, צוגעבונדען צו איהר מיט די גרינגסטע פעדים.

א גליק! א גליק! ווילסט אפשר זינגען, מיין נשמה? דו ליעגסט אין גראז. אבער איצטער איז די פארבארגענסטע דער־הייבען־יום־טוב'דיגסטע שעה, ווען קיין פאסטוך שפיעלט ניט אויף זיין פלויט.

היט זיך! הייסער טאג שלאפט אויף די פעלדער. זינג ניט! שטיל! די וועלט איז אין תכלית־השלימות!

זינג ניט, דו גראז־פויגעלע, א מיין נשמה! טו ניט מורמלען

אפילו! זעה דאָך — שטיל! דער אַלטער האַלבען־טאָג שלאָפט, ער באַוועגט זיינע ליפּען: טרינקט ער ניט גראָד איצט אַ טראָפּען גליק —

— אַן אַלטען ברוינעם טראָפּען גילדערנעם גליק, גילדערנעם ווין? אויף־גיך פליהט עפּעס דורך איבער איהם, זיין גליק לאַכט. אזוי — לאַכט אַ גאָט. שטיל! —

— „גליק, ווי ווייניג דאַרף מען צו גליק!" אזוי האָב איך אמאָל געזאָגט און געמיינט, אַז איך בין אַ חכם. אָבער דאָס איז געווען אַ לעסטערונג: אַ ט דאָ ס האָב איך איצטער געלערנט. קלוגע נאַרען ריידען בעסער.

גראָד דאָס ווינציגסטע, דאָס שטילסטע, גרינגסטע, אַ שאָרך פון אַן עקדעשיל, אַן אָטעם, אַ פּליה, אַ הרף־עין — ווענינ ברענגט דעם בעסטען מין פון גליק. שטיל!

— וואָס איז מיר געשעהן: הער זיך איין! איז די צייט אפשר אוועקגעפלויגען? פאַל איך ניט? בין איך ניט אריינגעפאַלען אין דעם ברונען פון דער אייביגקייט?

— וואָס איז מיר געשעהן? שטיל! עס שטעכט־מיך — וועה! — אין האַרצען? אין האַרצען! אָ, ווער צובראָכען, ווער צובראָכען, האַרץ, נאָך אַזאַ גליק, נאָך אַזאַ שטאָך!

וואָס? איז די וועלט ניט נאָר וואָס געוואָרען בתכלית השלימות? רונד און צייטיג? אָ, די גילדערנע קיילעכיגע רייף — וואוהין פליעהט זי? איך לויף נאָך איהר נאָך! אויף־גיך!

שטיל — —" (און דאָ האָט זיך זאראטוסטרא אויסגעצויגען און האָט געפיהלט, אַז ער איז איינגעשלאָפען.)

„שטעה אויף! האָט ער גערעדט צו זיך גופא, פעפער! דו פעפער אין מיטען האַלבען־טאָג! נעמט זיך, הויבט זיך, איהר אַלטע פיס! עס איז שוין צייט און איבער־צייט; אַ היבש שטיקעל וועג איז נאָך געבליבען פאַר אייך —

איהר האָט זיך שוין אויסגעשלאָפען, ווי לאַנג דאָך? אַ האַל־

בע אייביגקייט! נעם זיך, הויב זיך, מיין אלטע הארץ! ווי לאנג וועסטו זיך נאך אזא שלאף דארפען ערשט אויסוואכען?"

(אבער דא איז ער אויפ'ס ניי איינגעשלאפען און זיין נשמה האט גערעדט אנטקעגען איהם און האט זיך געוועהרט און האט זיך ווידער אנידערגעלייגט — „לאז מיך דאך! שטיל! איז ניט די וועלט נאר־וואס געווארען בתכלית־השלימות? א דער גילדערנער קיילעכיגער באל!" —

„שטעה אויף, דו קליינע גנב'טע, דו טאג־גנב'טע! וואס? אלץ נאך זיך אויסציהען, גענעצען, זיפצען, ארונטערפאלען אין טיעפע ברונענס?

ווער ביסטו דאך? א מיין נשמה!" (און דא האט ער זיך איבערגעשראקען, ווייל א זון־שטראל איז ארונטערגעפאלען פון הימעל אויף זיין פנים.)

„א, הימעל איבער מיר, האט ער געזאגט און געזיפצט, און האט זיך אוועקגעזעצט, דו קוקסט אויף מיר? דו הערסט זיך איין אין מיין וואונדערליכער נשמה?

ווען וועסטו אויסטרינקען אט דעם טראפען טוי, וואס איז אראפגעפאלען אויף דער ערד, — ווען טרינקסטו אויס אט די וואונדערליכע נשמה —

— ווען, דו ברונען פון אייביגקייט! דו לויטערער שוידערליכער מיטען־טאג־אפגרונט! ווען טרינקסטו צוריק אריין אין זיך מיין נשמה?"

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער ביי דעם בוים, ווי פון א פרעמדער שכרות: און זעה, די זון איז אלץ נאך געשטאנען פונקט איבער זיין קאפ. דערפון אבער וואלט איינער געקאנט על פי רעכט דרינגען, אז זאראטוסטרא האט יעמאלט געשלאפען ניט קיין סך.

* *

*

די באַגריסונג.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען זאַראַטוסטראַ איז ווידער געקומען אהיים אין זיין הייהל נאָך אַ לאַנגען אומזיסטען זוכען און ארומוואַגלען. אַז ער איז אָבער געשטאַנען אַנטקעגען איהר, ניט קיין צוואַנציג שריט ווייט פון איהר, האָט פּאַסירט דאָס, אויף וואָס ער האָט איצטער זיך ווייניגער פאַר אַלץ גערעכט: איבער־אַ־נייעם האָט ער דערהערט דעם גרויסען נויט־געשריי. און, אַ חדוש נפלא! דאָס מאָל איז דער געשריי געקומען פון זיין אייגענער הייהל. דאָס איז אָבער געווען אַ לאַנגער, פיעלפאַכער, משונה'דיגער געשריי, און זאַראַטוסטראַ האָט דייטליך ארויסגע־הערט, אַז ער איז צונויפגעשטעלט פון אַ סך שטימען: הגם עס וואָלט געקלונגען ווי אַ געשריי פון איין איינציגען מויל, ווען מען וואָלט איהם געהערט פון דער ווייט.

איז זאַראַטוסטראַ צוגעלאָפען צו זיין הייהל, און זעה, וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקעל עס האָט געוואַרט אויף איהם נאָך יענעם קאָנצערט! ווייל דאָרטען זיינען זיי אין איינעם געזעסען, אַט די אַלע, וואָס ער איז בייטאָג פאַרביי געגאַנגען פאַרביי זיי: דער מלך פון רעכטס און דער מלך פון לינקס, דער אַלטער צויבערער, דער פּויפּסט, דער פריייוויליגער בעטלער, דער שאָטען, דער גע־וויסענהאַפטער פון דעם גייסט, דער טרויעריגער וואָהרזאָגער און דער אייזעל; דער מיאוס'טער מענש אָבער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קרוין און האָט זיך ארומגעגאַרטעלט מיט צוויי פּורפּעלנע גאַרט־לען, — ווייל ער האָט, ווי איטליכע מיאוס'קייט, האָלד געהאַט צו קליידען זיך און צו שעהנדלען זיך. אָבער אין מיטען פון אַט דער באַטריבטער געזעלשאַפט איז געשטאַנען זאַראַטוסטראַ'ס אָד־לער מיט אָנגעשטעלטע פעדערען, אָן אומרוהיגער, ווייל ער האָט געדאַרפט ענטפערען אויף אַ סך זאַכען, פאַר וועלכע זיין שטאָלץ האָט ניט געהאַט קיין ענטפער; די קלוגע שלאַנג איז אָבער געהאַנ־גען ארום זיין האַלז.

דאָס אַלץ האָט זאַראַטוסטראַ אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונ־

דערונג; דערנאָך אָבער האָט ער זיך אַריינגעקוקט אין יעדען איינצעלנעם מיט אַ לייטזעליגער נייגיער, האָט איבערגעלייענט זייערע נשמות און האָט זיך אויפ'ס ניי געוואונדערט. דערווייל האָבען זיך די פּאַרזאַמעלטע אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און האָבען מיט יראת־הכבוד געוואַרט, אַז זאַראַטוסטראַ זאָל אָנהויבען ריידען. און זאַראַטוסטראַ האָט אַזוי גערעדט:

„איהר פאַר'יאוש'טע! איהר משונה'דיגע! הייסט עס, דאָס האָב איך אַ י י ע ר נויט־געשריי געהערט? און איצטער ווייס איך אויך, וואו יענעם צו זוכען, וועמען איך האָב היינט אומזיסט געזוכט: ד ע ם ה ע כ ע ר ע ן מ ע נ ש ע ן —:

— אין מיין אייגענער היהל זיצט ער, דער העכערער מענש! אָבער וואָס וואונדער איך זיך? האָב איך אַליין ניט פאַרפיהרט איהם צו מיר, דורך אַ האָניג־קרבן און שלאַנגען־קלוגע ציעה־רופען פון מיין גליק?

פון דעסטוועגען דוכט מיר, איהר פּאַסט זיך שלעכט אין אַ געזעלשאַפט; ווען איהר זיצט דאָ אין איינעם, מאַכט איהר איינער דעם אַנדערען שווער אויפ'ן הארצען, איהר נויט־שרייער. עס מוז נאָך קומען איינער,

— איינער, וואָס זאָל אייך ווידער מאַכען לאַכענדיג, אַ גוטער פרעהליכער מאַרשעליק, אַ טענצער, אַ ווינט, אַ ווילדער פויגעל, עפּעס אַן אַלטער שוטה: — וואָס קלערט איהר?

האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט איהר פאַר'יאוש'טע, וואָס איך רייד צו אייך אַזעלכע קליינע ווערטער, בנאמנות, ניט־חשוב'ע פאַר אַזעלכע געסט! אָבער איהר טרעפט ניט, וואָס עס מאַכט שטיפעריש מיין הארץ: —

— איהר אַליין מאַכט דאָס און אייער אָנבליק, במחילת כבודכם! מחמת איטליכער ווערט מוטיג, וואָס קוקט אָן אַ פאַר־יאוש'טען. אויף אויפמונטערען אַ פאַר'יאוש'טען רעכענט זיך איטליכער פאַר גענוג שטאַרק.

אפילו מיר האָט איהר געגעבען אָט די קראַפט. — אַ גוטע

מתנה, מיינע חשוב'ע געסט! אן עהרליכען גאסט-געשאנק! איז מילא בכן, זייט ניט ברוגז ווען איך וועל אייך מכבד זיין מיט עפעס פון מיינס.

דאס איז־א איז מיין ממשלה און מיין הערשאפט: אבער דאס, וואס איז מיין, זאל פאר היינטיגען אווענט און היינטיגער נאכט זיין אייערס. מיינע חיות זאלען אייך באדיענען: מיין הייהל זאל זיין אייער רוה־פלאץ!

ביי מיר אין דערהיים און אין מיין הויז זאל קיינער ניט פארצווייפלען; אין מיין גבול באשיץ איך איטליכען פון זיינע ווילדע חיות. און דאס איז דאס ערשטע וואס איך גיב אייך: זיכערקייט!

דאס צווייטע אבער איז: מיין קליינער פינגער. און האט איהר פריהער איהם, איז נעמט שוין אויך די גאנצע האנט, מילא! און דאס הארץ דערצו! ברוכים הבאים דא, ברוכים הבאים, מיינע גאסט־פריינד!"

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און האט געלאכט מחמת ליעבע און בייזקייט. נאך אט דער באגריסונג האבען זיך זיינע אורחים נאכאמאל פארנייגט צו איהם און האבען געשוויגען אין יראת־הכבוד; דער קעניג פון רעכטס אבער האט איהם געענט־פערט אין זייער נאמען.

„אין דעם, א זאראטוסטרא, ווי דו האסט אונז אנגעבאטען דיין האנט און הויז, דערקענען מיר זאראטוסטרא'ן אין דיר. דו האסט זיך דערנידעריגט פאר אונז; דו האסט שיער ניט וועה־געטאן אונזער יראת־הכבוד —:

ווער אבער וואלט געקאנט אזוי ווי דו זיך דערניעדעריגען מיט אזא שטאלץ? ד א ס הויבט אונז גופא אויף, א דערקוויי־קונג איז עס פאר אונזערע אויגען און הערצער.

כדי נאר דאס אליין אנצוקוקען, וואלטען מיר גרייליך גע־שטיגען נאך אויף העכערע בערג, איידער דער. מחמת מיר זיי־

נען געקומען אהער ווי זעה־לוסטיגע, מיר האָבען געוואָלט זעהן דאָס, וואָס מאַכט טונקעלע אויגען ווידער העל.

און זעה, עס איז שוין אויס מיט אונזערע נויט־געשרייען, שוין שטעהט אָפען אונזער זין און אונזער הארץ און קוועלט פאר שמחה. נאָך א ביסעל: און אונזער מוט וועט ווערען שטיפעריש.

אויף דער ערד, אָ זאַראַטוסטרא, וואקסט קיין זאך ניט, וואָס זאָל מעהר דערפרעהען, איידער א הויכער שטארקער ווילען: ער איז איהר שענסטער געוויקס. א גאַנצע לאַנדשאַפט קוועלט אָן פון אזא בוים.

איך פארגלייך יענעם צו א פיניע, ווער עס וואקסט אויס אזוי ווי דו, אָ זאַראַטוסטרא: לאַנג, שווייגענדיג, הארט, אַליין פון בעסטען בויגיגען האָלץ, פרעכטיג, —

— צום סוף אָבער אַרויסשטרעקענד די שטארקע גרינע צווייגען נאָך זיין הערשאַפט, שטארקע שאלות פרעגענדיג ביי דעם ווינט און דעם שטורעם און ביי אַלץ וואָס איז אין דער היים אויף די הויכע בערג,

— שטארקער ענטפערענדיג, א באַפעהלענדער, א זיעגרייכער: אָ, ווער וואָלט ניט געקלעטערט אויף הויכע בערג, כדי אָנצוקוקען אזא געוועקס?

ביי דיין בוים דאָ, אָ זאַראַטוסטרא, דערקוויקט זיך אויך דער פאַרפינסטערטער, דער ניט־געראָטענער, פון דיין אנבליק ווערט אויך דער ניט־איינגעשטעלטער זיכער און היילט זיין הארץ.

און באמת, צו דיין בארג און בוים ווענדען זיך היינט א סך אויגען; א גרויסע בענקשאַפט האָט זיך אויפגעהויבען, און ניט ווענינע האָבען זיך אויסגעלערנט צו פרעגען: ווער איז זאַראַטוסטרא?

און וועמען דו האָסט יעמאָלט דיין ליעד און דיין האָניג אין אויער אריינגעשפּריצט: אַלע אָט די פארשטעקטע, די מתבודדים, צו איינס און צו צוויי, האָבען מיט א מאָל געזאָגט ריידען אין זייער הארצען:

„לעבט נאָך זאראַטוסטראַ? עס לוינט זיך ניט מעהר צו לע־
בען, אַלץ איז אַלץ־איינס, אַלץ איז אומזיסט: סיידען — מיר זאָ־
לען לעבען מיט זאראַטוסטראַ'ן!"

„פאַר וואָס קומט ער ניט, וואָס האָט אַזוי לאַנג געלאָזט ווי־
סען פון זיך? אַזוי פרעגען אַ סך מענשען; האָט איהם די איינ־
זאַמקייט איינגעשלונגען? אָדער זאָלען מיר קומען צו איהם?"

איצטער פאַסירט, אַז די איינזאַמקייט גופא ווערט צוברע־
קעלט און צובראָכען, ווי אַ קבר וואָס צוברעכט און קאָן ניט איינ־
האַלטען זייגע מתים. אומעטום זעהט מען אויפגעשטאַנענע פון
די קברים.

איצטער שטייגען און שטייגען די וואַלען ארום דיין באַרג, אָ
זאראַטוסטראַ. און ווי הויך עס זאָל ניט זיין דיין הויך, מוזען פיעלע
צו דיר ארויף: דיין שיפעל זאָל לאַנג ניט בלייבען אין דער טריקע־
ניש.

און דאָס וואָס מיר, פאַר'יאוש'טע, זיינען איצטער געקומען
אין דיין הייהל און פאַרצווייפלען שוין ניט מעהר: איז דאָס נאָר
אַ סימן און אַ פאָרצייכען, אַז נאָך בעסערע זיינען אונטערוועגענס
צו דיר, —

— ווייל ער אַליין איז אונטערוועגענס צו דיר, דער לעצטער
איבערבלייב פון גאָט צווישען די מענשען, דאָס הייסט: אַלע מענ־
שען פון דער גרויסער בענקשאַפט, פון דעם גרויסען עקעל, פון דער
גרויסער דערעסענקייט,

— אַלע יענע, וואָס ווילען ניט לעבען, סיידען זיי לערנען זיך
ווידער אויס צו האָפען — אָדער זיי לערנען ביי דיר, אָ זאַ־
ראַטוסטראַ, די גרויסע האָפנונג!"

אַזוי האָט גערעדט דער מלך פון רעכטס און האָט גענומען זאַ־
ראַטוסטראַ'ס האַנט אַ קוש צו טאָן; אָבער זאראַטוסטראַ האָט זיך
געוועהרט פון אַזא כבוד און האָט, אַ דערשראָקענער, אַ שווייגענ־
דיגער, פלוצלונג אַ טראָט געטאָן צוריק, ווי ער וואָלט אַנטפליהען
אין ווייטע ווייטען. אין אַ ווײַלע ארום איז ער אָבער שוין ווידער

דער געוועזן ביי זיינע געסט, האט געקוקט אויף זיי מיט לויטערע, פארשענדע אויגען און האט געזאגט:

„מיינע געסט, איהר העכערע מענשען, איך וויל מיט אייך ריידען דייטש און דייטליך. ניט אויף א י י ך האב איך דא געווארט אין די בערג.“

(„דייטש און דייטליך? זאל זיך גאט דערבארעמען! האט דא געזאגט אן א זייט דער מלך פון לינקס; מען זעהט, ער איז ניט גאר באקענט מיט די ליעבע דייטשען, אט דער קלוג־שאפענער פון מזרח־לאנד!

אבער ער מיינט „דייטש און גראב“ — נו, מילא! דאס איז היינט ניט דער ערגסטער געשמאק!“)

„אלע אין איינעם מעגט איהר זיך באמת זיין העכערע מענ־שען, האט זאראטוסטרא ווייטער גערעדט: אבער פאר מיר זייט איהר ניט גענוג הויך און שטארק.

פאר מיר, דאס הייסט, פאר דאס ניט־צו־דערבעטענע, וואס שווייגט אין מיר, אבער וועט ניט שטענדיג שווייגען. און אויב איהר געהערט צו מיר, איז פארט ניט ווי מיין רעכטער ארעם.

מחמת דער, וואס שטעהט אויף קראנקע און פארצערטעלטע פיס, ווי איהר, יענער וויל קודם כל, צי ער וויס דאס, אדער באַ־האלט דאס פון זיך: אז מען זאל איהם ש א נ ע ו ו ע ן.

מיינע ארעמס אבער און מיינע פיס שאנעווע איך ניט, א י ך ש א נ ע ו ו ע ניט מ י י נ ע ק ר י ע ג ס־ל י י ט: ווי אזוי וואלט איהר געקאנט טויגען פאר מ י י ן קריעג?

מיט אייך וואלט איך מיר פארדארבען יעדען זיעג. און ניט איינער פון אייך וואלט אניעדערגעפאלען, ווי נאר ער וואלט דער־הערט דעם הילכיגען שאל פון מיינע פויקען.

אויך זייט איהר פאר מיר ניט גענוג שעהן און וואויל־געבויר־טיג. איך דארף האבען ריינע, גלאטע שפיעגלען פאר מיינע לער־נונגען; אויף אייער אויבערפלאך ווערט מיין בילד פארקרימט.

אויף אייערע אקסלען דריקט ניט איין לאסט, ניט איין ער־

אינערונג; ניט איין ניט־גוטער קארליק זיצט צונויפגעהויקערט אין אייערע ווינקלען. עס איז דאָ אַ פאַרבאָרגענער המון־עם נאָך אין אייך.

און הגם איהר זייט הויך און פון אַ העכערען מין: איז נאָך אַ סך אין אייך קרום און פון שלעכטער געשטאַלט. ניטאָ קיין איין שמיעד אין דער וועלט, וואָס זאָל אייך גוט איבערהאַמערען און אויסגלייכען פאַר מיר.

איהר זייט נאָר בריקען: זאָלען העכערע אויף אייך אַריבער־שרייטען. איהר באַדייט טרעפּען: איז — זייט ניט אין כעס אויף דעם, וואָס שטייגט איבער אייך אַוועק צו ז י י ן הויך!

פון אייער זריעה קאָן מיר אַ מאָל נאָך אויסוואַקסען אַן עכטער זוהן און פולער יורש: אָבער דאָס איז נאָך ווייט. איהר אַליין זייט ניט יענע, וועמען עס געהערט מיין נחלה און מיין נאָמען.

ניט אויף אייך וואַרט איך דאָ אין די בערג, ניט מיט אייך מעג איך צום לעצטען מאָל אַראָפּשטייגען. נאָר ווי פאָר־צייכענס זייט איהר געקומען צו מיר, אַז העכערע זיינען שוין אונטערוועגנס צו מיר, —

נ י ט די מענשען פון דער גרויסער בענקשאַפט, פון דעם גרויסען עקעל, פון דער גרויסער דערעסענקייט און דאָס, וואָס איהר האָט אָנגערופען גאָט׳ס שארית הפליטה,

— ניין! ניין! דריי מאָל ניין! אויף אַ נ ד ע ר ע וואַרט איך דאָ אין אָט די בערג, און וועל אָהן זיי אַ פוס ניט אַ הויב טאָן פון דאַנען,

— אויף העכערע, שטאַרקערע, מעהר נצחון׳דיגע, אויפגע־ראַמטערע, אַזעלכע, וואָס זיינען רעכט־ווינקעליג געבויט אין לייב און זעעל: ל אַ כ ע נ ד ע ל י י ב ע ן מוזען קומען.

אָ, מיינע גאַסט־פריינד, איהר וואונדערליכע, — האָט איהר נאָך גאָר נישט ניט געהערט פון מיינע קינדער? און אַז זיי זייי־נען אונטערוועגענס צו מיר?

רעדט דאָך צו מיר וועגען מיינע גערטענער, וועגען מיינע

גליק־געבענשטע אינזלען, וועגען מיין נייעם שעהנעם מיר, — פאר וואס רעדט איהר צו מיר ניט וועגען דעם?

אט דעם גאסט־געשאנק בעט איך מיר אויס פון אייער ליעבע, איהר זאלט צו מיר ריידען וועגען מיינע קינדער. צוליעב דעם בין איך רייך געווארען, צוליעב דעם בין איך ארעם געווארען: וואס האב איך ניט אוועקגעגעבען,

— וואס וואלט איך ניט אוועקגעגעבען, איך זאל נאר האבען איינס: אט די קינדער, אט די לעבעדיגע פלאנצונג, אט די לעבענס־בוימער פון מיין ווילען און מיין העכסטער האפנונג!"

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא און האט פלוצלונג זיך אפ־געשטעלט אין זיינע רייד: ווייל זיין בענקשאפט האט איהם באַ־פאלען, — און ער האט צוגעמאכט אויגען און ליפען מחמת דעם אויפציטער פון זיין הארצען. און אלע זיינע געסט האבען אויך געשוויגען און זיינען געשטאנען שטיל און געפלעפט: מעהר ניט דער אלטער וואהרזאגער האט מיט די אויגען און די מינעס געגעב־בען צייכענס.

* *
*

די אוונט־מאלצייט.

מחמת ביי אט דער שטעל האט דער וואהרזאגער איבערגעב־ריסען די באגריסונג זאראטוסטרא'ס און פון די געסט: ער האט זיך צונעשטופט צום פארענט, ווי איינער, וואס קאן ניט פארלירען קיין צייט, האט אנגענומען זאראטוסטרא'ס האנט און האט אויס־געריפען: „אבער זאראטוסטרא!

איין זאך איז נויטווענדיגער, איידער די אנדערע, אזוי האסטו אליין געזאגט: איז אט, איין זאך איז מיר איצטער נויטווענ־דיגער, איידער יעדע אנדער זאך.

א ווארט אין דער ריכטיגער צייט: האסטו מיך ניט איינגע־לאדען צו א מאלצייט? און עס זיינען דא פיעלע, וואס האבען

געמאַכט אַ לאַנגען וועג. דו ווילסט דאָך אונז ניט שפּייזען מיט רעדזשם?

אַ חוץ דעם האָט איהר דאָ אַלע שוין צופיעל גערעדט וועגען דערפּרירען, דערטרינקען זיך, דערשטיקט ווערען און אנדערע סכנות פאַר דעם חומר: קיינער האָט אָבער ניט דערמאָנט מ י י ן סכנה, איך מיין, פאַרהונגערן—"

(אַזוי האָט גערעדט דער וואַהרזאָגער; אָבער ווי נאָר די חיות האָבען דערהערט זיינע ווערטער, זיינען זיי אַוועקגעלאָפען, דערשראָקענע; ווייל זיי האָבען געזעהען, אַז וויפיעל שפּייז זיי האָבען ניט געבראַכט אהיים ביי טאָג, וועט דאָס ניט קלעקען אָנצושטאָפען דעם איין וואַהרזאָגער.)

„צוגערעכענט דאָס פאַרדאַרשטען, האָט ווייטער גערעדט דער וואַהרזאָגער. און ווען אפילו איך הער דאָ פּלעטשערן וואַסער, ווי די רעדען פון קלוגשאַפענקייט, ד. ה., פול־און־פיעל און אָהן אָן אויפהער: איך — וויל ווײן!

ניט איטליכער איז, ווי זאַראַטוסטראַ, אַ געבוירענער וואַסער־טרינקער. וואַסער טויג אויך ניט פאַר איינגעמאַטערטע און פאַר־וועלקטע: א ו נ ז קומט ווײן, — נאָר ע ר גיט פּלוצלונג באַ־ניימע קרעפטען און געזונט אין אַ הרף־עין!"

ביי אָט דער געלעגענהייט, ווען דער וואַהרזאָגער האָט געבעטען ווײן, האָט פּאַסירט, אַז אויך דער מלך פון לינקס, דער שווייגער, האָט אַ מאָל גענומען אַ וואָרט. „וועגען ווײן, האָט ער געזאָגט, האָבען מ י ר געזאָרגט, איך מיט מיין ברודער, דעם מלך פון רעכטס: מיר האָבען גענוג ווײן, — אַ גאַנצען אייזעל פול. איז — פעהלט מעהר נישט ווי ברויט."

„ברויט? האָט געענטפערט זאַראַטוסטראַ און געלאַכט דערביי. קיין ברויט גראָד האָבען ניט די מתבודדים. אָבער ניט אויף ברויט אליין לעבט אַ מענש, נייערט אויך אויף פליש פון גוטע לעמער, און איך האָב צוויי אַזוינע:

— זיי זאָל מען געשווינד שלאַכטען און געווירציג צוגרייטען

מיט שאלפיי: אזוי האָב איך דאָס האַלט. אויך פעהלען ניט קיין וואָרצלען און פירות, וואָס זיינען געגנוג גוט פאַר מפונקים און מבינים; גם כן ניס און אַנדערע רעטעגישען צום קנאַקען.

אזוי־אַ וועלען מיר באַלד מאַכען אַ גוטע סעודה. ווער עס וויל אָבער מיט־עסען, מוז אויך אַ האַנט צולייגען צו דער אַרבייט; די מלכים אויך. מחמת ביי זאַראַטוסטראַ'ן מעג אויך אַ מלך זיין אַ קוכער."

מיט אָט דעם פאָרשלאַג האָט ער אַלעמען געערעדט צום האַר־צען: נאָר דער פריוויליגער בעטלער האָט ניט געוואָלט וויסען פון פלייש און וויין און געווירצען.

„הערט אָקאָרשט דעם זולל־וסובא זאַראַטוסטראַ! האָט ער געזאָגט אין שפּאַס. געהט מען צוליעב דעם אַוועק אין די הוילען און די הויכע בערג, כדי צו מאַכען אַזעלכע סעודות?

איצטער פאַרשטעה איך שוין, וואָס ער האָט אונז אַ מאָל גע־לערנט: „געלויבט זאָל זיין דער קליינער דלות!" און פאַר וואָס ער וויל אָפּשאַפען די בעטלער".

„זיי אויפגערוימט, ווי איך, האָט איהם געענטפערט זאַראַ־טוסטראַ. בלייב ביי דיינע מדות, דו אויסגעצייכענטער, צומאָל דיינע קערנער, טרינק דיין וואַסער, לויב דיין קיך: אויב זי מאַכט דיך נאָר פרעהליך.

איך בין אַ געזעץ נאָר פאַר די מייניגע, איך בין ניט קיין גע־זעץ פאַר אַלעמען. דער אָבער, וואָס געהערט צו מיר, מוז זיין מיט שטאַרקע ביינער און אויך מיט גרינגע פיס,—

— לוסטיג צו מלחמות און יום־טובים, ניט קיין אַננערוקטער, ניט קיין בעל־חלום, אַנגעגרייט צום שווערסטען ווי צו זיינעם אַ יום־טוב, געזונט און גאַנץ.

דאָס בעסטע געהערט מיר און די מייניגע; און ניט מען אונז גיט, נעהמען מיר דאָס: די בעסטע שפּייז, דעם ריינסטען הימעל, די שטאַרקסטע געדאַנקען, די שעהנסטע פרויען!"—

צזוי האָט געערעדט זאַראַטוסטראַ; דער מלך פון רעכטס האָט

אבער געענטפערט: „חדושים! האָט מען ווען געהערט אזעלכע קלוגע זאכען פון א קלוגשאפענעמ'ס ליפען?

און באמת, דאָס איז דאָס חדוש'דיגסטע אין א קלוגשאפענעם, וואָס צו אלע מעלות, איז ער אויך נאָך קלוג און ניט קיין אייזעל."

אזוי האָט גערעדט דער מלך פון רעכטס און האָט זיך געוואונדערט; דער אייזעל אָבער האָט מיט א בייזען ווילען געזאָגט י—א צו זיינע רייד. דאָס איז אָבער געווען דער אָנהויב פון א לאנגער סעודה, וואָס איז אין די ביכער פון די היסטאָריעס אנגערופען געוואָרען „די אָוועגט־מאָלצייט". ביי דער דאָזיגער סעודה האָט מען אָבער וועגען קיין זאך ניט גערעדט, ווי נאָר וועגען דעם העכערען מענשען.

* * *

דער העברעער מענש.

1.

אז איך בין צום ערשטען מאָל צו דעם מענשען געקומען, האָב איך געטאָן א מתבודדים־נארישקייט, די גרויסע נארישקייט: איך האָב מיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן מארק.

און אז איך האָב גערעדט צו אלעמען, האָב איך ניט גערעדט צו קיינעם ניט. אין אָווענט זיינען אָבער שטריק־טענצער און בר־מינן׳ס מיינע חברים געווען; און איך בין אליין געווען כמעט ווי א בר־מינן.

מיט דעם נייעם פריה־מאָרגען איז אָבער געקומען צו מיר א נייער אמת: דאָ האָב איך מיר אויסגעלערנט צו זאָגען: „וואָס ארט מיך מארק און המון־עם און המון־עם־ליארם און לאנגע המון־עם־אויערען!“

איהר העברעע מענשען, אָט דאָס נעהמט אראָפּ א מוסר פון מיר: אויף דעם מארק גלויבט קיינער ניט אין העברעע מענשען. און ווילט איהר דאָרטען רעדען, נו, מילא! דער המון אָבער פינטעלט מיט די אויגען „מיר זיינען אלע גלייך“.

„איהר, העברעע מענשען, — אזוי פינטעלט מיט די אויגען דער המון, — עס זיינען ניטאָ קיין העברעע מענשען, מיר זיינען אלע גלייך, מענש איז מענש, פאר דעם רבונו־של־עולם זיינען מיר אלע גלייך!“

פאר דעם רבונו־של־עולם! — איז אָבער געשטאָרבען אָט דער רבונו־של־עולם. פאר דעם המון אָבער ווילען מיר ניט גלייך זיין. איהר, העברעע מענשען, געהט אוועק פונ׳ם מארק.

*   *

*

2.

פאַר דעם רבונו־של־עולם! — איז אָבער געשטאָרבען אָט דער רבונו־של־עולם! איהר העכערע מענשען, אָט דער גאָט איז געווען אייער גרעסטע סכנה.

זינט ער ליעגט אין קבר, זייט איהר ערשט אויפגעשטאַנען תחית המתים. איצטער ערשט קומט דער גרויסער מיטען־טאָג, איצט ערשט ווערט דער העכערער מענש — א האַר!

האָט איהר אָט דאָס וואָרט פאַרשטאַנען, אָ מיינע ברידער? איהר זייט דערשראָקען: האָט אייך אָנגעהויבען שווינדלען אין הארצען? רייסט זיך דאָ אויף פאַר אייך א תהום? פאַלט אויף אייך אָן דאָ דער גיהנום־הונט?

איז וואָס! טוט זיך א נעהם! איהר העכערע מענשען! ערשט איצט געהט צו קינד דער באַרג פון דער מענשען־צוקונפט. גאָט איז געשטאָרבען: איצטער ווילען מ י ר, — אַז דער אויבער־מענש זאָל לעבען.

* *

*

3.

די בעל־דאגות פרעגען היינט: „ווי זאָל מען דעם מענשען אויפהאַלטען?“ זאַראַטוסטרא אָבער פרעגט, — דער איינציגער און ערשטער: „ווי זאָל מען דעם מענשען אַ ר י ב ע ר ש ט י י־ג ע ן?“

וועגען דעם אויבער־מענש טראַכט מיין הארץ, ער איז מיין ערשט און מיין איינציגס, — און נ י ט דער מענש: ניט דער נאָהענטסטער, ניט דער אָרעמסטער, ניט דער ליידענדסטער, ניט דער בעסטער. —

אָ מיינע ברידער, נאָר איינס קאָן איך ליעבען אין דעם מענ־שען, דאָס, וואָס ער איז אַן אַריבער־גאַנג און אַן אונטערגאַנג. און אויך אין אייך איז דאָ אַ סך אַזוינס, וואָס מאַכט מיך ליעבען און האָפען.

וואס איהר טוט מבזה זיין, איהר העכערע מענשען, אט דאס מאכט מיך האפען. מחמת די גרויסע פאראכטער זיינען די גרויסע פארעהרער.

וואס איהר פארצווייפעלט, אין דערין איז דא א סך וואס עהרליך צו האלטען. ווייל איהר האט ניט געלערנט, ווי זיך אונ־טערצוגעבען, איהר האט ניט געלערנט די קליינע קלוגקייטען.

מחמת היינט זיינען די קליינע לייט די הארען געווארען: זיי אלע פרעדיגען הכנעה און עניוות און קלוגקייט און התמדה און האב־אין־זינען׳ס און דאס לאנגע און אזוי ווייטער פון די קליינע טוגענדען.

דאס, וואס איז פון דעם ווייבערשען מין, וואס שטאמט פון דעם קנעכטישען מין און בפרט פון דעם ערב־רב־מישמאש: אט דאס וויל איצטער ווערען דער האר איבער דעם גאנצען שיק־זאל פון דעם מענשען — א חלשות! חלשות! חלשות!

אט אזוינס פרעגט מען און מען פרעגט און מען ווערט ניט מאט: „ווי דערהאלט מען דעם מענשען אם בעסטען, אם לענג־סטען, אויף דעם אנגענעמסטען אופן" — דורך דעם זיינען זיי די הארען פון היינט.

אט די הארען פון היינט זייט מיר גובר, א מיינע ברידער,— אט די קליינע לייט: זיי זיינען די גרעסטע געפאהר פאר דעם אויבערמענש!

זייט מיר גובר, איהר העכערע מענשען, די קליינע טוגענדען, די קליינע קלוגקייטען, די זעמדעל־באטראכטען, די מילבישע קטנות המוחין, די צרה׳דיגע רחבת־הלב, „דעם גליק פון דער גרעס־טער צאהל" —!

און בעסער פארצווייפעלט, איידער זיך אונטערגעבען. און באמת איך ליעב אייך דערפאר, וואס איהר ווייסט היינט ניט, ווי צו לעבען, איהר העכערע מענשען! מחמת אזוי־ארום לעבט איהר — אויפ׳ן בעסטען אופן.

* *

4.

האַט איהר מוט, אַ מיינע ברידער? זייט איהר באַהאַרצט? ניט דעם מוט פאַר די אויגען פון עדות, נייערט מתבודדים־מוט און אָדלער־מוט, וואָס אפילו קיין גאָט זעהט ניט מעהר?

קאַלטע נשמות, מולען, בלינדע, שכור'ע רוף איך ניט באַהאַרצט. אַ שטאַרקע האַרץ האָט, ווער עס קען די מורא, אָבער ער באַצווינגט די מורא; ווער עס זעהט דעם אָפּגרונט, אָבער מיט ש ט א ל ץ.

ווער עס זעהט דעם אָפּגרונט, אָבער מיט אָדלער־אויגען, — ווער עס פ א ק ט דעם אָפּגרונט — מיט אָדלער־קרעלען: יענער האָט קוראַזש. — —

* *

*

5.

„דער מענש איז בייז" — אַזוי האָבען געזאָגט מיר צו טרויסט אַלע קלוגשאַפּענסטע. אַך, ווען דאָס זאָל נאָך היינט זיין אַן אמת! ווייל די בייז איז דעם מענשענס בעסטע קראַפט.

„דער מענש מוז בעסער און בייזער ווערען" — אַזוי לערן איך. ס'בייז איז נויטיג פאַר דעם אויבערמענשענס בעסט.

עס האָט געקאָנט זיין גוט פאַר יענעם פּריידיגער פון די קליינע לייט, וואָס ער האָט געליטען און געטראָגען אויף זיך די זינד פון דעם מענשען. איך אָבער פרעה זיך אויף דער גרעסטער זינד, ווי אויף מיין גרעסטער ט ר ו י ס ט. —

אַזוינס איז אָבער ניט פאַר לאַנגע אויערען געזאָגט געוואָרען. ניט איטליך וואָרט געהערט אויך אין יעדענס מויל. דאָס זיינען איידעלע ווייטע זאַכען: נאָך זיי זאָלען זיך ניט אויסשטרעקען קיין שעפּסענע פיסלעך.

* *

*

6.

איהר העכערע מענשען, מיינט איהר, איך בין דא, כדי צו פארריכטען וואס איהר האט איבערגעפיהרט?

אדער איך האב געוואלט מאכען מהיום והלאה באקוועמערע בעטען פאר אייך, ליידענדע? אדער באווייזען אייך, איהר ניט־איינגעשטעלטע, פאראירטע, פארקלעטערטע, נייע, גרינגערע פוס־שטעגען?

ניין! ניין! דריי מאל ניין! כסדר מעהר, כסדר בעסערע פון אייער מין זאלען געהן לאיבוד, — ווייל איך זאל כסדר ווערען אלץ ערגער און הארטער, נאר אויף אזא אופן,

— נאר אויף אזא אופן וואקסט דער מענש אין דער הויך, וואו עס טרעפט איהם דער בליץ און צוברעכט: הויך גענוג פאר דעם בליץ!

צו דעם ווייניגען, דעם לאנג־וועהרענדען, דעם וויטען טראגט זיך מיין זין און מיין בענקשאפט: וואס וואלט מיך גע־ארט אייער קליינער, פיעלער, קורצער דלות!

איהר ליידט מיר נאך ניט גענוג! ווייל איהר ליידט פון זיך, איהר האט נאך ניט געליטען פון — וועגען ד ע ם מ ע נ ש ע ן. איהר וואלט געלאיגט, ווען איהר וואלט דאס גע־לייקענט. איהר ליידט קיינער ניט פון דעם, וואס א י ך האב געליטען. — —

* *
*

7.

עס איז פאר מיר ניט גענוג, וואס דער בליץ טוט מעהר ניט אן קיין שאדען. ניט אפציהען וויל איך איהם: ער דארף זיך אויסלערנען פאר מ י ר צו — ארבייטען. —

מיין קלוגשאפט זאמעלט זיך שוין לאנג אן, ווי א וואלקען, זי ווערט שטילער און טונקעלער. אזוי מאכט דאס איטליכע קלוג־שאפט, וואס דארף א מאל געבוירען א בליץ. —

פאר אַט די מענשען פון היינט וויל איך ניט זיין קיין ל י ב מ־ ש י י ן, ניט גערופען ווערען ליכט־שיין. זיי — וויל איך פאר־ בלענדען: בליץ פון מיין קלוגשאפט! שטעך זיי אויס די אויגען!

* *

*

8.

ווילט קיין זאך ניט איבער אייער יכולת: עס איז א ניט־גוטע פאלשקייט ביי אזוינע, וואס ווילען איבער זייער יכולת.

בפרט ווען זיי ווילען גרויסע ענינים! ווייל זיי וועקען אויף א חשד אנטקעגען גרויסע ענינים, אַט די פיינע פאלשע־מטבע־ני־ קעס און אקטיאָרען: —

ביז זיי ווערען לסוף פאלש פאר זיך אליין, קרום־אויגיג, באפארבטער ווערים־אויספרעס, באמאנטעלט מיט שטארקע ווער־ טער, מיט אויסהענג־טוגענדען, דורך גלענצענדע פאלשע ווערק.

זייט דאָ זעהר פאָרזיכטיג, איהר העכערע מענשען! מחמת קיין זאך איז ביי מיר היינט ניט טייערער און זעלטענער איידער אָרענטליכקייט.

איז אַט דער היינט ניט דעם המון׳ס? המון אָבער ווייס ניט, וואָס איז גרויס, וואָס איז קליין, וואָס איז פשוט און אָרענטליך: ער איז אומשולדיג קרום און לאַיגט תמיד.

* *

*

9.

האָט היינט א גוטען חשד, איהר העכערע מענשען, איהר באַ־ הארצטע! איהר אָפענהארציגע! און האַלט אייערע טעמים בסוד! מחמת אַט דער היינט איז דעם המון׳ס.

וואָס דער המון האָט זיך אמאָל אויסגעלערנט צו גלויבען אָהן א טעם, ווער וואָלט דאָס געקאָנט ביי איהם מיט טעמים — אניע־ דערוואַרפען?

און אויף דעם מארק איבערצייגט מען מיט האוואיעס. טעמיט אבער רופען ארויס א חשד ביי דעם המון.

און ווען אן אמת איז דא אמאל געקומען צו א טריאומף, יעדעס מאל פרעגט ביי זיך מיט א גוטען חשד: „וואסער שטארקער טעות האט געקעמפט פאר איהם?"

היט זיך אויך פאר די געלערנטע! זיי האבען אייך פיינט: ווייל זיי זיינען אומפרוכפער! זיי האבען קאלטע פארטריקענטע אויגען, פאר זיי ליעגט יעדער פויגעל אן אפגעפליקטער.

אזוינע גרויסען זיך דערמיט, וואס זיי לאיגען נים: אבער די אהנמאכט צו לאיגען איז נאך לאנג נים די ליעבע צו אמת. היט זיך!

די פרייהייט פון פיעבער איז נאך לאנג נים דערקענטניס! פארגליווערטע גייסטער גלויב איך נים. ווער עס קאן נים לאיגען, ווייס נים, וואס איז אמת.

*   *
*

10.

ווילט איהר ארויס אין דער הויך, איז ווענדט אן אייערע אייגענע פיס! לאזט אייך נים טראגען ארויף, זעצט זיך נים אויף פרעמדע רוקענס און קעפ!

דו אבער האסט זיך ארויפגעכאפט אויף א פערד? ביזטו ריימענדיג פלינק ארויפגעפאהרען צו דיין ציעל? נו — מילא, מיין פריינד! אבער דיין לאהמער פוס זיצט אויך מיט דיר אויפ'ן פערד!

ווען דו ביזט ביי דיין ציעל, ווען דו שפרינגסט אראפ פון דיין פערד: גראד אויף דיין הויך, דו העכערער מענש, — וועסטו שטרויכלען!

*   *
*

11.

איהר באשאפער, איהר העברע מענשען! מען איז שוואנגער נאר מיט אן איינענעם קינד.

לאזט אייך קיין זאך ניט איינשמועסען, איינריידען! ווער איז דען א י י ע ר נאהענטסטער? און ווען אפילו איהר טוט עפעס „פאר דעם נאהענטסטען", — איהר באשאפט דאך ניט פאר איהם!

פארגעסט דאך מיר אט דעם „פאר", איהר באשאפער: גראד אייער רעכטשאפענקייט פאדערט, אז איהר זאלט קיין זאך ניט טאן „פאר" און „כדי" און „ווייל". פארקלעפט אייער אויער פאר אט די פאלשע קליינע ווערטער.

דער „פאר דעם נאהנטסטען" איז די רעכטשאפענקייט פון נאר די קליינע לייט: אט דא הייסט עס „גלייך מיט גלייך" און „האנט וואשט האנט": — זיי האבען ניט דאס רעכט און די קראפט צו א י י ע ר איינען־נוץ!

אין אייער איינען־נוץ, איהר באשאפער, איז די פארזיכטיג־קייט און די אפגעהיטקייט פון א געשוואנגערטער! וואס קיינער האט נאך מיט די אויגען ניט געזעהן, די פרוכט: זי באשירעמט און שאנעוועט און דערנעהרט אייער גאנצע ליעבע.

וואו עס איז אייער גאנצע ליעבע, ביי אייער קינד, דארטען איז אויך אייער גאנצע רעכטשאפענקייט! אייער ווערק, אייער ווילען איז א י י ע ר נאהנטסטער: לאזט אייך ניט איינשמוע־סען קיין פאלשע ווערטען.

12.

איהר באשאפער, איהר העכערע מענשען! ווער עס מוז געבוירען, יענער איז קראנק; ווער עס האט אבער געבארען איז אומריין.

פרעגט די ווייבער: מען געהט ניט צו קינד, ווייל דאס איז א פארגעניגען. דער שמארץ מאכט קוואקען היהנער און פאעטען.

איהר באשאפער, עס איז פיעל אומריינס אין אייך, דאס קומט דערפון, איהר דארפט ווערען מוטערס.

א ניי קינד: א וויפיעל נייער שמוץ קומט דערביי אויף דער וועלט! געהט אן א זייט! און ווער עס האט געבארען זאל זיין נשמה ריין אויסוואשען!

*　　*

*

13.

זייט ניט רעכטשאפען איבער אייערע כוחות! און פארלאנגט ניט פון זיך אזוינס, וואס איז נגד המציאות!

געהט אין די פוס־שפורען, וואו די טוגענד פון אייערע פא־טערס איז שוין געגאנגען! ווי וואלט איהר געקאנט ארויפשטייגען אין דער הויך, ווען דער ווילען פון אייערע פאטערס זאל ניט מיט־שטייגען מיט אייך?

ווער עס וויל אבער זיין אן ערשטלינג, דארף זעהן, ער זאל ניט ווערען אויך א לעצטלינג! און דארטען, וואו עס געפינען זיך די חטאים פון אייערע פאטערס, זאלט איהר ניט וועלען זיין קיין היילינגע!

וועמעס פאטערס עס האבען געהאלטען פון ווייבער און פון שטארקע ווייגען און פון ווילדע חזירים: וואס וועט ארויסקומען, ווען ער וועט פאדערען פון זיך פרישות?

א טפשות וואלט דאס געווען! בנאמנות, מיר דוכט, אז פאר אזא איז שוין פיעל, ווען ער איז א מאן פון איין ווייב, אדער צוויי אדער דריי.

און ווען אפילו ער זאל קלויסטערס בויען און אויף דער טיר אויפשרייבען: „דער וועג צו דעם היילינגען", — וואלט איך פארט געזאגט: צוליעב וואס? עס איז א נייע טפשות!

ער האט פאר זיך גופא אויפגעבויט א צוכט־הויז און א מקום־מקלט: זאל איהם וואויל באקומען! אבער איך גלויב ניט אין דערין

אין דער איינזאַמקייט וואַקסט אויס, וואָס איינער ברענגט אין איהר אריין, אויך די בהמה, וואָס אינוועניג. אויף אַזאַ אופן איז די איינזאַמקייט פאַר פיעלע ניט צו ראַטען.

האָט זיך ווען געפונען אַ שמוציגערע זאַך אויף דער ערד אייד דער מדבר־הייליגע? אַרום זיי איז ניט נאָר דער טייוועל אַרוים פון גדר — נייערט אויף דער חזיר.

*   *

*

14.

ציטעריג, פאַרשעהמט, אומגעלומפּערט, געגליכען צו אַ טיגער, וואָס איהם האָט זיך ניט איינגעגעבען דער שפּרונג: אַזוי, איהר העכערע מענשען, האָב איך אייך אָפט געזעהן זיך שאַרען אָן אַ זייט. אַ וואָרף האָט זיך אייך ניט איינגעגעבען.

אָבער, איהר ביינדלעך־שפּיעלער, וועמעס דאגה איז עס! איהר האָט זיך ניט געלערנט שפּיעלען און שפּאָטען, ווי מען דאַרף שפּיעלען און שפּאָטען! זיצען מיר דען ניט שטענדיג אַרום אַ גרויסען שפּאָט־ און שפּיעל־טיש?

און אויב אַ גרויסער ענין האָט זיך אייך ניט איינגעגעבען, זייט איהר דען גופא דערפאַר ניט קיין געראָטענע? און אויב איהר גופא זייט ניט קיין געראָטענע, איז דעריבער אַ ניט־געראָטענער — דער מענש? אויב אָבער דער מענש האָט זיך ניט איינגעגעבען: איז וואָס! שטייגט מען העכער!

*   *

*

15.

וואָס העכער די נאַטור פון אַ זאַך, אַלץ זעלטענער ניט זי זיך איין. איהר העכערע מענשען דאָ, זייט איהר ניט אַלע — ניט־געראָטענע?

פאַרלירט ניט דעם גוטען מוט, וועמעס דאגה! ווי פיעל זאַ־

בען זיינען עס נאָך מעגליך! לערנט זיך אוים צו לאַכען פון זיך אַליין, כדבעי למהווי!

וואָס איז אויך דער חדוש, וואָס איהר זייט ניט געראָטענע און האַלב־געראָטענע, איהר האַלב־צובראָכענע! שטופּט און שטויסט זיך ניט אין אייך — דעם מענשענס צוקונפט?

דעם מענשענס ווייטסטע ווייט, די טיעפסטע, די שטערן־העכסטע, זיינע אומגעהויערע קרעפטען: שוימט דאָס ניט אַלץ אין אַ ווידער־אַ־נאַנד אין אייער טאָפּ?

אַ חדוש, וואָס ניט איין טאָפּ ווערט צובראָכען! לערנט זיך אוים צו לאַכען פון זיך אַליין, כדבעי! איהר העכערע מענשען, אַ וויפיעל זאַכען עס זיינען נאָך מעגליך!

און באמת, וויפיעל האָבען זיך שוין איינגעגעבען! ווי רייך איז אָט די ערד אין קליינע גוטע בשלימות'דיגע זאַכען, אין גוט־געראָטענע!

שטעלט־ארום ארום אייך קליינע פּאַרפולטע זאַכען, איהר העכערע מענשען! די גילדערנע אויסגעצייטיגטקייט זייערע היילט דאָס הארץ. פּאַרפולטע זאַכען לערנען האָפען.

* *

*

16.

וואָס איז ביז אהער געווען די גרעסטע זינד אויף דער ערד? איז דאָס ניט געווען דאָס וואָרט פון יענעם, וואָס האָט געזאָגט: „וועה צו די, וואָס לאַכען דאָ!“

האָט ער אַליין ניט געפונען אויף דער ערד קיין איין טעם פאַר וואָס צו לאַכען? האָט ער שלעכט געזוכט. אַ קינד וואָלט שוין געפונען דעם טעם.

יענער — האָט ניט גענוג געליעבט: אז ניט, וואָלט ער אויך אונז געליעבט, די לאַכערס. אָבער ער האָט אונז פיינט געהאַט און גע'חוזק'ט פון אונז: יאָמערניש און צייהן־קריצעניש האָט ער געוואונשען אונז.

— מוז מען דען שוין שילטען, ווען מען ליעבט ניט? דאָס — דוכט זיך מיר — איז א שלעכטער געשמאַק. אָבער ער האָט דאָס געטאָן אזוי, דער אומבאַדינגטער. ער איז ארויסגעקומען פון דעם המון.

און ער אליין האָט פשוט ניט גענוג געליעבט: אז ניט, וואָלט ער וועניגער בעצאָרנט, פאר וואָס מען ליעבט איהם ניט. יעדע גרויסע ליעבע פארלאַנגט ניט קיין ליעבע: — זי פאָדערט מעהר.

ווייכט אוים אַלע אזעלכע אומבאַדינגטע! דאָס איז אַן אָרע־מער קראַנקער מין, אַן ערב־רב־מין. זיי קוקען שלעכט אויף אָט דעם לעבען, זיי האָבען א בייז אויג אָט אויף דער ערד.

ווייכט אוים אַלע אזעלכע אומבאַדינגטע! זיי האָבען שווערע פיס און שטיקענד־הייסע הערצער: — זיי קאָנען ניט טאַנצען. ווי קאָן פאַר אזוינע גרינג זיין די ערד!

* *

*

17.

אויף קרומע וועגען קומען אַלע גוטע זאכען נאָהענט צו זייער ציעל. ווי די קעץ, קרימען זיי אוים זייערע רוקענס, זיי מורמלען אינוועניג פון זייער נאָהענטען גליק, — עס לאַכען אַלע גוטע זאַ־כען.

דער שריט זאָגט עדות, צי איינער געהט שוין אין ז י י ן וועג: איז — זעהט ווי איך געה! ווער עס קומט אָבער נאָהענט צום ציעל, יענער טאַנצט.

און בנאמנות, קיין סטאַטוע בין איך ניט געוואָרען, איך שטעה נאָך ניט דאָ, א פאַרגליווערטער, א שטומפּער, א שטיינער־נער, א זייל: איך האָב ליעב א געשווינטען לויף.

און הגם עס געפינט זיך אויף דער ערד אויך זומף און דיקער אומעט: ווער עס האָט גרינגע פיס לויפט אפילו איבער שלאַם אריבער און טאַנצט, ווי אויף אָפּגעקעהרטען אייז.

הייבט אויף אייערע הערצער, מיינע ברידער, הויך! העכער!

און פארגעסט מיר ניט אויך די פיס! הויבט אויף אויך אייערע פיס, איהר גוטע טענצער, און נאך בעסער: שטעלט זיך אויך אויפ'ן קאפ!

*

18.

אט די קרוין פון דעם לאכענדען, אט די רויזען־קראנץ־קרוין: איך אליין האב מיר אנגעטאן אט די קרוין אויפ'ן קאפ, איך אליין האב דערקלערט פאר הייליג מיין געלעכטער. קיין אנדערען האב איך איצטער ניט געפונען, וואס זאל זיין גענוג שטארק דערצו.

זאראטוסטרא דער טענצער, זאראטוסטרא דער גרינגער, וואס ווינקט מיט די פליגלען, אן אנגעגרייטער צום פליה, א ווינקענדער צו אלע פויגלען, אנגעגרייט און פארטיג, א גליק־געבענשט־לייכט־זיניגער: —

זאראטוסטרא דער וואהרזאגער, זאראטוסטרא דער וואהרלאכער, ניט קיין אומגעדולדיגער, ניט קיין אומבאדינגטער, איינער, וואס האט ליעב שפרינג און זייטען־שפרינג; איך גופא האב מיר אנגעטאן די קרוין אויפ'ן קאפ!

* *
*

19.

הויבט אויף אייערע הערצער, איהר ברידער, הויך! העכער! און פארגעסט מיר ניט אויך די פיס! הויבט אויף אייערע פיס, איהר גוטע טענצער, און נאך בעסער: שטעלט זיך אויפ'ן קאפ!

אויך אין גליק זיינען פאראן שווערע בריאות, עס זיינען דא בלומפ־פיסלער פון אנהויב אן. וואונדערליך מיהען זיי זיך אפ, צו א העלפאנט נעגליכען, וואס מיהט זיך, צו שטעהן אויפ'ן קאפ.

אבער עס איז בעסער זיין נאריש פון גליק, איידער נאריש פון אומגליק, בעסער פלומפ טאנצען, איידער לאהם ארומגעהן. איז

לערנט דאָך אָפּ פון מיר מיין קלוגשאפט: אפילו די ערגסטע זאַך האָט פון דער אַנדער זייט צוויי גוטע זייטען, —

— אויך די ערגסטע זאַך האָט גוטע טאַנץ־פיס: איז לערנט זיך אליין אויס, איהר העכערע מענשען, אוועקצושטעלען זיך אויף אייערע ריכטיגע פיס!

איז פארגעסט דאָך מיר די אומעט־בלעזלעך און די גאַנצע המון־טרויעריגקייט! אָ ווי טרויעריג עס דוכטען מיר היינט אויס אפילו דעם המון'ס פורים־שפּיעלער! אָט דער היינט איז אָבער דעם המון'ס.

*　　*

*

20.

מאַכט דאָס, ווי דער ווינט, וואָס שטירצט ארויס פון זיינע בארג־הויהלען; ער וויל טאַנצען נאָך זיין אייגענעם פייפעל, די ים'ען ציטערען און שפּרינגען אונטער זיינע פוס־טריט.

דער וואָס גיט פליגלען די אייזלען, וואָס מעלקט לייבענטעס, —געלויבט זאָל זיין יענער גוטער ניט־צו־באצווינגענדער גייסט, וואָס קומט ווי אַ שטורעם־ווינט אויף איטליכען היינט און אויף איטליכען המון, —

— וואָס האָט פיינט בארלעך־און פלפול־קעפּ און אַלע פאר־וועלקטע בלעטער און אום־קריימעכער: געלויבט זאָל זיין אָט דער ווילדער, גוטער, פרייער שטורעם־גייסט, וואָס טאַנצט אויף זומפּען און אומעטום, ווי אויף לאָנקעס!

דער וואָס האַסט די דעריגע הינט פון דעם המון און אַלע שלעכט־געראָטענע פינסטערע באשעפעניסען: געלויבט זאָל זיין אָט דער גייסט פון אַלע פרייע גייסטער, דער לאַכענדער שטורעם, וואָס בלאָזט שטויב אין די אויגען פון אַלע שווארצזעהערס, פון אַלע שווערזיכטיגע!

איהר העכערע מענשען, אייער ערגסטע זאַך איז: איהר אַלע

!לערנט זיך ניט טאנצען, כדבעי—אריבערטאנצען איבער זיך גופא
!ווען מען ארט דאס, וואס איהר האט זיך ניט איינגעגעבען

ווי פיעל זאכען זיינען נאך מעגליך! איז לערנט זיך דאך אויס אוועקצולאכען איבער זיך גופא! הויבט אויף אייערע הערצער, איהר גוטע טענצער, הויך! העכער! און פארגעסט מיר ניט אויך דאס גוטע לאכען!

אט די קרוין פון דעם לאכענדען, אט די רויזענקראנץ-קרוין: אייך, מיינע ברידער, ווארף איך צו אט די קרוין! דאס לאכען האב איך דערקלערט פאר הייליג; איהר העכערע מענשען, לערנט זיך אויס — לאכען!"

*   *

*

דאָס ליעד פון דעם שווערען געמיט.

1.

אז זאראַטוסטראַ האָט גערעדט אָט די רייד, איז ער געשטאַ־נען נאָהענט ביים אריינגאַנג אין זיין הויהל; ביי די לעצטע ווער־טער האָט ער זיך ארויסגערוקט פון זיינע געסט און איז אויף אַ קורצער ווײַלע אנטלאָפען אין די פריי.

„אַ ריינע ריחות ארום מיר, האָט ער אויסגערופען, אַ גליק־געבענשטע שטיל ארום מיר! אָבער וואו זיינען מיינע חיות? אהער, אהער, מיין אָדלער און מיין שלאַנג!

זאָגט מיר דאָך, מיינע חיות: אָט די העכערע מענשען אלע אין איינעם, משמעות, זיי ש מ ע ק ע ן ניט גוט? אַ ריינע ריחות ארום מיר! איצונדער ערשט ווייס איך און פיהל, ווי איך האָב אייך, מיינע חיות, ליעב.“

— און זאראַטוסטראַ האָט געזאָגט נאָך אַ מאָל: „איך ליעב אייך, מיינע חיות!“ דער אָדלער און די שלאַנג האָבען זיך צוגע־דריקט צו איהם, בעת ער האָט ארויסגעזאָגט אָט די ווערטער און האָבען ארויפגעקוקט אויף איהם. אויף אזא אופן זיינען זיי זאלבע־דריט געזעסען אין איינעם און האָבען איינגעאָטעמט און איינגע־זופט אין איינעם די גוטע לופט. ווייל דאָ דרויסען איז די לופט געווען אַ בעסערע, איידער ביי די העכערע מענשען.

* *

*

2.

אָבער ווי נאָר זאראַטוסטראַ האָט פאַרלאָזען זיין הייהל, האָט זיך אויפגעהויבען דער אַלטער צויבערער, האָט זיך ממזר׳יש ארומ־געקוקט און האָט געזאָגט: „ער איז ארויס!“

און שוין, איהר העכערע מענשען — איך קיצעל אייך, ווי ער

גופא, מיט אַט דעם שבח־ און חניפה־נאָמען — שוין פאַלט אויף מיר אָן מיין ניט־גוטער פאַלש־ און צויבער־גייסט, מיין שווער־געמיטיגער טייוועל,

— וואָס איז פון גרונט אויס זאראַטוסטראַ׳ס אַ צד־שכנגד: זייט דאָס איהם מוחל! איצטער ווייל ער צויבערען פאַר אייך, ער האָט גראָד זיין שעה; אומזיסט ראַנגעל איך מיך מיט אַט דעם בייזען גייסט.

— אייך אַלעמען, וואָס איהר ליידט ווי איך פון דער גרויל מיט ווערטער, צי איהר רופט זיך „די פרייע גייסטער" אָדער די „וואָהרהאַפטיגע" אָדער „די בעל־תשובה׳ס פון דעם גייסט" אָדער „די פאַנאַנדערגעשמידטע" אָדער „די גרויסע בענקענדע"—

אייך אַלעמען, וואָס איהר ליידט ווי איך פון דער גרויסער חלשות, ביי וועמען דער אַלטער גאָט איז געשטאָרבען און קיין נייער גאָט ליעגט נאָך ניט אין דער וויעג און אין די ווינדעלעך, —אייך אַלעמען האָט מיין בייזער גייסט און צויבער־טייוועל האָלט.

איך קען אייך, העכערע מענשען, איך קען איהם, — איך קען אויך אָט דעם מחבל, וואָס איך האָב ליעב צנטקעגען מיין אייגענעם ווילען, אָט דעם זאראַטוסטראַ: ער גופא קומט מיר אָפטמאָל אויס ווי אַ שעהנע מאַסקע פון אַ הייליגען,

— ווי אַ נייער וואונדערליכער פורים־שפּיעל, אין וועלכען עס האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרקליידען מיין בייזער גייסט, דער שווער־געמיטיגער טייוועל: — איך ליעב זאראַטוסטראַ׳ן, אַזוי דוכט זיך מיר אָפט אויס, צוליעב מיין בייזען גייסט. —

אָבער שוין פאַלט ער אויף מיר אָן און צווינגט מיך, אָט דער גייסט פון שווערמוט, אָט דער טייוועל פון בין־השמשות: און בנאמנות, איהר העכערע מענשען, עס גלוסט זיך איהם —

— עפענט נאָר אויף די אויגען! — עס גלוסט זיך איהם צו קומען אַ נאַקעטער, צי אַ מאַנסביל אָדער אַ ווייבס־פּאַרשוין דאָס ווייס איך ניט: אָבער ער קומט, ער צווינגט מיך, וועה איז מיר! עפענט אויף אייערע חושים!

דער טאָג פאַרקלינגט, אויף אַלע זאַכען קומט איצטער רעה אָוועגט, אויך אויף די בעסטע זאַכען; נו—הערט און זעהט, איהר העכערע מענשען, וואָס פאַר א טייוועל, צי מאַנסביל, צי ווייב איז אַט דער גייסט פון דעם אָוונט־שוועד־געמיט."

אַזוי האָט גערעדט דער אַלטער צויבערער, האָט זיך ממזר'יש אַרומגעקוקט און האָט גענומען אין האַנט זיין האַרף.

* *

*

3.

אין אָוונט־טונקלער לופט,
ווען שוין די טרויסטונג פון דעם טהוי
טוט קוואַלען אויף דער ערד,
אומזיכטבאַר און אויך אומגעהערט —
ווייל צאַרטע שיכלעך טראָגט
דער טרויסטער טהוי, ווי אַלע מילדע טרויסטער—:
געדענקסטו נאָך, געדענקסטו, הייסע האַרץ,
ווי דו'סט אַ מאָל געדאָרשט
נאָך טרערען פון דעם הימעל און נאָך טראָפּענס טהוי,
פאַר'שרפה'ט, מיעד געדאָרשט,
בעת אויף די געלע גראָז־שטעגען
די בייזהאַפטע אָוועגטליכע זון־בליקען
דורך שוואַרצע ביימער זיינען ארום דיר געלאָפען
די זון־גלוט־בליקען בלענדענדע, בייז־פריידיגע?
„דער ליעבהאָבער פון אמת? דו? — אַזוי גע'חוזק'ט האָבען זיי —

ניין! נאָר אַ דיכטער!
אַ חיה, שלאַנגען־קלוג, און רויבענד,
וואָס לאַיגען מוז, זיך שאַרענדיג,
וואָס לאַיגען מוז ביודעים און ברצון:
אין לוסט נאָך רויב

פיעל־פארביג פארמאסקירט,
פאר זיך אליין א מאסקע,
פאר זיך אליין א רויב —
איז דאס — דער ליעבהאָבער פון אמת?
ניין! נאַר נאַר! נאַר דיכטער!
פיעל־פארביגעס נאַר ריידענד,
אויס דער ליצנות־מאסקע נאַר פיעל־פארביגס שרייענד,
ארומגעשטיגען אויף די ליגנערישע ווערטער־בריקען
אויף רעגענבויגענס, רייך אין פארבען,
צווישען פאלשע הימלען
און פאלשע ערדען
ארומגעשמייעט און ארומגעשוועבט, —
נ אַ ר נ אַ ר! נ אַ ר ד י כ ט ע ר!
ניט שטיל, פארגליווערט, גלאט און קאלט
געוואָרען ווי א שטיין־בילד,
פונקט ווי א געטער־זייל,
ניט אויפגעשטעלט פאר טעמפלען,
ווי נאָט׳ס א שומר ביי דער טיר:
ניין, גראָד א שונא פון אזעלכע סטאטועס פון אמת,
אין יעדער ווילדערניס שוין מעהר בן־בית, איידער אין
די טעמפלען,
פול שטיפערישקייט, ווי א קאץ,
דורך יעדער פענסטער שפרינגענדיג,
טוז! גלייך אין יעדען צופאל,
בעשמעקט די לופט ביי יעדען אורוואלד,
מיט תאוה־בענקעניש ארומגעשמעקט,
כדי אין אורוועלדער, אין איינעם מיט די חיות,
די פארבענרייך־געפלעקטע חיה־רעה׳ס
ארומצולויפען שעהן און פארביג,
אין זינדיגער געזונט, מיט תאוה לוסט׳גע לעפצען
גליק־געבענשט פאר׳חוזק׳ט, גליק־געבענשט פאר׳ניחנום׳ט

אַט דאָס, אַט דאָס איז דיר דיין גליק־געבענשטקייט!
גליק־געבענשט בלוט־דאָרשטיג
אַרומצולויפען רויבענד
און לוגען, שאַרענדיג זיך אין דער שטיל :—
פאַרגליווערט קוקען אין די תהום׳ען
אין ז י י נ ע תהום׳ען :
אַ ווי זיי דאַרטען רינגלען זיך אַראָם,
אַרונטער און אריין,
אין אַלץ מעהר טיעפע טיעפען !—
דערנאָך,
אַ וואַרף געטאָן זיך מיט אַ מאָל
אין אַ געצוקטען פליה צום טאָל
אויף שאָף און לעמער,
פוי ! אַראָפּ אין הייסען הונגער,
אין תאוה־לוסט נאָך לעמער,
אין צאָרן אויף אַלע לעמער־נשמות,
גרים־צאָרענדיג אויף אַלץ, וואָס קוקט
ווי שאָף, גראָה־לעמער־אויגיג און געקרייזעלט־וואָליג,
מיט שאָף און לעמער־גוטיגקייט.

אַזוי־אַ זיינען
אַדלער־האַפּטיג, לעמפּערט־האַפּטיג
די בענקשאַפטען פון דיכטער,
אויף דיינע בענקשאַפטען אַהינטער טויזענט מאַסקעס,
דו נאַר ! דו דיכטער !

וואָס דו אויף מענשען און אויף גאָט
טוסט קוקען ווי אויף שאָף —
אין מענשען גאָט פ א ר צ ו ק ע ן,
ווי אויך די שאָף אין מענשען
און ל א כ ע ן אין פאַרצוקען, —

אַט דאָס, אַט דאָס איז דיר דען דיין גליק־געבּענשטקייט!
די גליק־געבּענשטקייט פון אַ לעמפּערט און אַן אָדלער!
די גליק־געבּענשטקייט פון אַ דיכטער און אַ נאַר!״

אין אָוונט־טונקלער לופט
ווען שוין דער נאָגעל פון דער לבנה
צווישן צווישען פּורפּעל־רויטען
אין קנאה טוט זיך שאַרען:
—דעם טאָג א שונא,
מיט יעדען טריט בשתיקא
פאַרוואונדעט מיט זיין שאַרף
די הענגענדיגע רויז־גירלאַנדען,
ביז וואַן׳ זיי זינקען בלאַס אַראָפּ
טיעף אין דער נאַכט:—

אַזוי בּין איך אַ מאָל
אליין אַראָפּגעזונקען
פון מיין שגעון צו דעם אמת,
פון מיינע טאָג־בענקשאַפטען
פון טאָג אַ מיעדער, קראַנק פון ליכט־שיין
—געזונקען טיעף אַראָפּ
דעם אָוונט־צו, דעם שאָטען־צו:
פון איין־און־איינציגען אמת
פאַרבּרענט און דאַרשטיג:
—געדענקסטו נאָך, געדענקסטו, הייסע האַרץ,
ווי דו׳סט דאָס מאָל געדאַרשט?—
אַז שוין פאַרטריבען זאָל איך זיין
פון יעדען אמת,
נאַר נאַר!
נאַר דיכטער!

*

*

די וויסענשאפט.

אזוי האט געזונגען דער צויבערער; און אלע, וואס זיינען געווען מיט איהר, זיינען ווי פויגעל אומבאמערקט אריין אין דעם נעץ פון זיין רמאי'שער און שווער־געמיטיגער תאוה־לוסט. נאר דער געוויסענהאפטער פון דעם גייסט האט זיך ניט געלאזט איינפאנגען: ער האט תיכף אוועקגענומען ביי דעם צויבערער די הארף און האט אויסגערופען: „לופט! לאזט אריין גוטע לופט! לאזט אריין זאראטוסטרא'ן. דו מאכסט די הייהל שטיקענדיג און גיפטיג, דו ניט־גוטער אלטער צויבערער!

דו פארפיהרסט, דו פאלשער חריף, צו אומבעקאנטע געלוסטען און ווילדערניסען. און וועה געשריען, ווען אזוינע, ווי דו, הויבען אן ריידען וועגען דעם אמת און מאכען א גאנצע וועזען פון איהם!

וועה צו אלע פרייע גייסטער, וואס היטען זיך ניט פאר אזוינע צויבערער! א סוף יעמאלט צו זייער פרייהייט: דו לערנסט און פארפיהרסט צוריק אין תפיסות אריין, —

דו אלטער שווערגעמיטיגער טייוועל, פון דיינע קלאגען קלינגט א פארפיהרענים, דו ביסט געגליכען צו אזוינע, וואס מיט זייער לויב אויף די פרישות לאדען זיי איין בשתיקה צו תאוה־לוסט!“

אזוי האט גערעדט דער געוויסענהאפטער; דער אלטער צויבערער אבער האט געקוקט ארום זיך, האט הנאה געהאט פון זיין זיעג און האט מחמת דעם ארונטערגעשלונגען דעם פארדראס, וואס דער געוויסענהאפטער האט איהם אנגעטאן. „זיי שטיל! האט ער געזאגט אין אן עניוות'דיגער שטים, גוטע לידער דארפען האבען א גוטען ווידערקול; נאך גוטע לידער זאל מען א לאנגע צייט שווייגען.

אזוי טוען דאס זיי אלע, אט די העכערע מענשען. דו אבער האסט משמעות ווייניג פארשטאנען פון מיין ליעד? דו האסט ווייניג אין זיך פון א צויבערגייסט.“

„דו לויבסט מיך, האָט געענטפערט דער געוויסענהאפטער, מיט דעם, וואָס דו שיידסט מיך אָפּ פון זיך, זעהר וואויל! אָבער איהר אנדערע, וואָס זעה איך? איהר זיצט נאָך דאָ אַלע מיט תאוה־לוסטיגע אויגען —:

איהר פרייע נשמות, וואו איז אהינגעקומען אייער פרייהייט! עס דוכט זיך מיר, אַז איהר זייט כמעט ווי די, וואָס האָבען אַ לאַנגע צייט צוגעקוקט, ווי עס טאַנצען אומאָרענטליכע נאַקעטע מיידלעך; אפילו אייערע נשמות הויבען אָן טאַנצען!

אין אייך, איהר העכערע מענשען, מוז זיין מעהר פון דעם מין, וואָס דער צויבערער רופט אָן זיין בייזען גייסט פון כשוף און אָפּנאַר: הפנים מיר מוזען זיין פארשיידען.

און באמת, מיר האָבען גענוג גערעדט און געטראַכט אין איינעם, איידער זאראַטוסטרא איז געקומען אהיים צו זיין הייהל, איך זאָל נאָך קאָנען זיין אין ספק וועגען דעם: מיר ז י י נ ע ן פארשיידען.

מיר ז ו כ ע ן פארשיידענע זאַכען דאָ אויבען, איהר און איך. איך דהיינו זוך מעהר ז י כ ע ר ק י י ט, דעריבער בין איך געקומען צו זאראַטוסטרא׳ן. מחמת ער איז נאָך דער פעסטעסטער טורעם און ווילען —

— עד היום, ווען אַלץ שאַקעלט־זיך, ווען די גאַנצע ערד ציטערט. איהר אָבער, ווען איך זעה, וואָס־פאר־א אויגען איהר מאַכט, הויבט מיר כמעט אָן צו דוכטען, אַז איהר זוכט נאָך מ ע ה ר א ו מ ז י כ ע ר ק י ט, —

— מעהר שוידער, מעהר געפאַהר, מעהר ערדציטערנים. אייך גלוסט זיך — כמעט דוכט דאָס מיר, זייט מיר מוחל מיין איינגעבילדעטקייט, איהר העכערע מענשען, —

— אייך גלוסט זיך דער ערגסטער, געפעהרליכסטער לעבען, וואָס יאָגט אין מיר אריין אַן אימה מעהר פאר אַלץ, אַ לעבען פון ווילדע חיות, וועלדער, הייהלען, שארף־משופע׳דיגע בערג און פאַר פיהרערישע תהום׳ען.

און ניט די וואָס פיהרען אַרוים פ ו ן דער סכנה געפעלען איך מעהר פאַר אַלץ, נייערט די וואָס פיהרען איך אַראָפּ פון אַלע וועגען, די פאַרפיהרער. אָבער ווען אפילו אַזעלכע געלוסטען זיינען ב פ ו ע ל דאָ ביי אייך, זיינען זיי דאָך, דוכט מיר, אוני־מעגליך.

מחמת די מורא — דאָס איז דעם מענשען׳ס פאַר׳ירשנ׳טער גרונט־געפיהל; אוים דער מורא דערקלערט זיך אַל־דאָס־דינג, די פאַר׳ירשנ׳טע זינד און פאַר׳ירשנ׳טע טוגענד. אוים דער מורא איז אויך אַרויסגעוואַקסען מ י י ן טוגענד, וואָס רופט זיך: וויסענשאַפט.

דהיינו די מורא פאַר ווילדע חיות — זי איז אין דעם מענשען לענגער פאַר אַלץ אויפגעצויגען געוואָרען און איינעם מיט דער חיה, וואָס ער פאַרבאַרגט אין זיך און פאַר וועלכער ער ציטערט: — זאַראַטוסטראַ רופט דאָס „דעם אינוועניגסטען פיך“.

אַזאַ לאַנגע אַלטע מורא, וואָס איז לסוף געוואָרען פאַרפיי־נערט, גייסטליך, גייסטיג — היינט, דוכט מיר, רופט זי זיך: „ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט“. —

אַזוי האָט גערעדט דער געוויסענהאַפטער; אָבער זאַראַטוס־טראַ, וואָס איז נאָר וואָס אַריין צוריק אין זיין הייהל און האָט געהערט און זיך אָנגעשטויסען וועגען וואָס דער געוויסענהאַפטער האָט גערעדט, האָט צוגעוואָרפען איהם אַ פולע האַנד רויזען און האָט געלאַכט פון זיינע „אמת׳ען“. „וואָס! האָט ער אויסגערו־פען! וואָס האָב איך דאָ נאָר וואָס געהערט? בנאמנות, מיר דוכט, דו ביסט אַ נאַר אָדער איך אַליין בין עס: און דיין „אמת“ שטעל איך אַוועק מיט איין רוק מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ.

מחמת מ ו ר אַ — איז אַן אויסנאַם ביי אונז. מוט אָבער און אַוואַנטיורען און די לוסט צו דעם אומגעוויסען, צו דעם אומ־דערוועגטען, — מ ו ט, דוכט מיר, איז דעם מענשענס גאַנצע פאַרגעשיכטע.

ביי די ווילדעסטע מוטיגסטע חיות האָט ער אַלע זייערע טו־
גענדען אין קנאה אָפּגעלערנט און אוועקגערויבט: ערשט אַזוי־
אַרום איז ער געוואָרען — מענש.

אָט דער מוט, לסוף אַ פאַרפיינערטער, גייסטליכער, גייסטי־
גער, אָט דער מענשען־מוט מיט אָדלער־פליגלען און שלאַנגען־
קלוגקייט: אָט דער, דוכט מיר, רופט זיך היינט — "

„זאַראַטוסטראַ!" האָבען אַלע מסובים אויסגעשריען ווי פון
איין מויל און האָבען דערביי אַרויסגעלאָזען אַ גרויס געלעכטער.
עס האָט זיך אָבער פון זיי אויפגעהויבען ווי אַ מין שווערער וואָל־
קען. אויך דער צויבערער האָט געלאַכט און האָט מיט קלוגקייט
גערעדט: „זעהר וואויל! ער איז אוועק, מיין בייזער גייסט!

און האָב איך דען גופא אייך ניט געוואָרענט פון איהם, בעת
איך האָב געזאָגט, אַז ער איז אַ ליגנער־גייסט און שווינדלער־
גייסט?

דער עיקר גראָד יעמאָלט, ווען ער בעוויזט זיך אַ נאַקעטער.
אָבער וואָס בין איך שולדיג פאַר זיינע שמד־שטיק! האָב איך
איהם בעשאַפען און די וועלט?

נו מילא! לאָמיר וויעדער זיין גוט און אויפגעראַמט! און
ווען אפילו זאַראַטוסטראַ בליקט בייז — קוקט איהם נאָר אָן! ער
איז ברוגז אויף מיר —:

— איידער עס קומט די נאַכט, וועט ער וויעדער אָנהויבען מיך
ליעבען און לויבען, ער קאָן ניט לעבען אַ לאַנגע צייט און ניט טאָן
אַזעלכע נאַרישקייטען.

ער — ליעבט זיינע פיינד: אָט די קונסט פאַרשטעהט ער
בעסער פאַר אַלעמען פון די, וואָס איך האָב געזעהען. אָבער ער
נעמט נקמה דערפאַר — פון זיינע פריינד!"

אַזוי האָט גערעדט דער אַלטער צויבערער, און די העכערע
מענשען האָבען איהם אַפּלאָדירט: אַזוי אַז זאַראַטוסטראַ איז
אַרומגעגאַנגען און האָט מיט בייזקייט און ליעבע געדריקט די הענד

זיינע פריינד, — פונקט ווי איינער, וואָס דאַרף ביי אַלעמען עפּעס ווידער גוט מאַכען און זיך איבערבעטען. אַז ער איז אָבער דער־גאַנגען ביז צו דער טיר פון זיין הייהל, האָט זיך איהם ווידער פאַרגלוסט צו זיין אין דער לופט מיט זיינע חיות, —און ער האָט געוואָלט זיך אַרויסמאַכען.

* * *

צווישען די טעכטער פון דעם מדבר.

1.

„געה ניט אוועק! האָט דאָ געזאָגט דער וואנדערער, וואָס האָט זיך גערופען זאראַטוסטראַ'ס שאָטען, בלייב מיט אונז — אז ניט קאָן נאָך די אַלטע שטיקענדע אומעט ווידער אָנפאַלען אויף אונז.

דער אַלטער צויבערער האָט אונז שוין דאָ מכבד געווען מיט זיינע ערגסטע זאַכען צוליעב אונזער בעסט, און דאָך, ביי דעם גוטען פרומען פויפּסט שטעהען טרערען אין די אויגען און ער האָט זיך ווידער איינגעשיפט אויף דעם ים פון מרה־שחורה.

אָט די מלכים, אמת, מאַכען נאָך פאַר אונז א פרעהליכען פּנים: מחמת דאָס האָבען זיי זיך היינט אויסגעלערנט בעסער פאַר אונז אַלעמען! וואָלטען אָבער ניט געווען קיין עדות דערביי, וועט איך זיך, אז אויך ביי זיי וואָלט זיך ווידער אָנגעהויבען דער בייזער שפּיעל —

— דער בייזער שפּיעל פון ציהענדע וואָלקענס, פון פייכטע מרה־שחורה, פון פאַרהאַנגענע הימלען, פון צו־גע'גנב'עטע זונען, פון יאָמערענדע הערבסט־ווינטען,

— דער בייזער שפּיעל פון אונזער יאָמער און נויט־געשריי: בלייב מיט אונז, אָ זאראַטוסטראַ! דאָ איז פאַראַן א סך פאַרבאָרגענער עלענד, וואָס וויל ריידען, א סך אָווענד, א סך וואָלקען א סך פאַרשטיקטע לופט!

דו האָסט אונז געשפּייזט מיט שטאַרקע מאַנסבילשע אכילות און קרעפטיגע משלים: לאָז ניט צו, אז צום דעסערט זאָלען אויף אונז ווידער אָנפאַלען די ווייבליכע גייסטער!

דו אליין מאכסט שטארק קלאָר די לופט ארום דיר! האָב איך ערגעץ־וואו אויף דער ערד געפונען אזא גוטע לופט ווי ביי דיר אין דיין הייכל?

איך האָב דאָך געזעהען א סך לענדער, מיין נאָז האָט זיך אויסגעלערנט אויסצופאָרשען און אָפּצושאַצען אלערליי ארטען לופט. אָבער ביי דיר ציעהען איין מיינע נאָזלעכער זייער גרעססטע לוסט!

סיידען, — סיידען, — אָ נעהם מיר ניט פאָר אומגוט אן אלטע עראינערונג! נעהם מיר ניט פאָר אומגוט אן אלטע מדבר־ליעד, וואָס איך האָב אמאָל פארפאסט צווישען די טעכטער פון דעם מדבר:

מחמת ביי זיי איז אויך געווען אזא גוטע העלע מזרח־לופט; דאָרטען בין איך געווען אין דער ווייט פון דער וואָלקענדיגער פייכטער מרה־שחורה׳דיגער אלט־אייראָפּא!

דעמאָלט האָב איך ליעב געהאט אזוינע מזרח־מיידלעך און אנדערע בלאָהע הימעל־קעניגרייכען, איבער וועלכע עס זיינען ניט געהאנגען ניט קיין וואָלקענס, ניט קיין געדאנקען.

איהר וועט נאָר ניט גלויבען, ווי שטאַטיג זיי פלעגען זיצען, ווען זיי פלעגען ניט טאנצען, טיעף, אָבער אָהן געדאנקען, ווי קליינע סודות, ווי באַבענדערטע רעטעניסען, ווי דעסערט־ניס:

פיעל־פארביג און פרעמד, בנאמנות! אָבער אָהן וואָלקענס: רעטעניסען, וועלכע לאָזען זיך טרעפען: צוליעב אזעלכע מיידלעך האָב איך דעמאָלט צוגעטראכט א קאפיטעל דעסערט־תהילים."

אזוי האָט גערעדט דער וואנדערער אין שאָטען; און נאָך איידער עמיצער האָט איהם געענטפערט, האָט ער שוין א נעם געטאָן דעם אלטען צויבערערס הארף, ארויפגעלייגט א פוס אויף א פוס און האָט געקוקט רוהיג און קלוגשאפען ארום זיך: מיט די נאָזלעכער אָבער האָט ער פאמעלעך און פאָרשענדיג איינגעאָטעמט

די לופט, ווי איינער וואָס פאַרזוכט אין נייע לענדער די נייע פרעמדע לופט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַ מין געבריל.

* *

*

2.

דער מדבר וואַקסט: וועה צו דעם וואָס פאַרבאַרגט מדבריות

— האַ! ערנסט־יום־טוב׳דיג!
בפועל ממש הדרת־קודש׳דיג!
אַ חשוב׳ער אָנהויב!
אַפריקאַניש הדרת־קודש׳דיג!
און חשוב פאַר אַ לייב
אָדער פאַר אַ מאָראַלישען ברום־אַף —
— אָבער ניט פאַר אייך,
איהר גאָר־די־ליעבסטע פריינדינען,
ביי וועמענס פיס ס׳איז מיר,
אַן אייראָפּעער, אונטער פאַלמען,
צום ערשטען מאָל געוואָרען
געגעבען דער חסד צו זיצען, סלה.
באמת אַ חדוש!
איך טו דאָ איצט זיצען
אין נאָהענט פון מדבר און שוין
פון מדבר צוריק אַזוי וויים,
אויך נאָך אין גאָרנישט פאַרוויסט:
מחמת איך בין דאָ אַראָפּגעשלונגען
פון אָט דעם קלענסטען אָאַזיס —:
— ער האָט אין אַ געניץ זיין מויל אויפגעעפענט,
זיין ליעבליכען מויל,
דעם בעסט באַשמעקטען מויל פון אַלע מיילכלעך,
בין איך אַהין אריינגעפאַלען

אַרְפּ און דורך און — צווישען אייך,
איהר גאָר־די־ליעבסטע פריינדינען! סלה.

וואויל, וואויל צו יענעם וואל־פיש,
אויב ער האָט אויך אזוי זיין גאַסט
געלאָזען וואויל באקומען! — איהר פארשטעהט
דעם רמז פון א תלמיד־חכם?
וואויל צו דעם בויך, צו זיינעם,
אויב ער איז אויך געווען
אזא מין ליעבליכער אַאזיס־בויך,
פונקט ווי אַט דער: נאָר איך בין שטארק אין דעם מסופק,
— איך קום דאָך פון אייראָפּא,
וואָס איז אויף ספיקות קראַנקער נאָך
פאַר אלע עלטערליכע ווייבלעך,
וואָס האָבען מאַנען.
גאָט, שיק איהר צו א רפואה שלימה!
אָמן!
דאָ זיץ איך איצט
אין אַט דעם קלענסטען אַאזיס,
פונקט ווי א טויטעל,
ברוין, דורכגעזיסט, גאָלד־אָנגעזאפּט,
אין תאוה נאָך א רונדען מיידעל־מויל,
מעהר אָבער נאָך די מיידעלשע
אייז־קאַלטע, שנעע־ווייסע, שניידינע
ביים־צייהנדעלעך: ווייל גראָד נאָך זיי טוט לעכצען
דאָס הארץ פון אלע הייסע טויטלען. סלה.

צו די דערמאָנטע דרום־פירות
געגליכען, צו פיעל שוין געגליכען,
ליעג איך דאָ, ארומגעשפּיעלט,

ארומגעשמעקט פון קליינע
משה־רבינו׳ס בהמה׳לעך
און גם־כן פון נאָך קלענערע,
נארישערע, זינדיגערע
מחשבות און וואונשען, —
פון אייך ארומגעלאָגערט,
איהר שטומע, און דערשפּיהרונגס־פולע
מיידעל־קעץ,
דודו און זולייקא,
— אַ ר ו מ ג ע ס פ י נ ק ס ט, אום אין איין וואָרט
אַ סך געפיהלען אַנצושטאָפּען:
(פארגיב מיר, גאָט,
דעם חטא דעם גרויסען פון מיין לשון!)
— דאָ זיץ איך און באשמעק די בעסטע לופט,
גן־עדן־לופט באמת,
אַ ליכטיג־לייכטע לופט, מיט גאָלדיגע פּאסען,
אַ גוטע לופט, ווי די, וואָס איז נאָר ווען
אַראָפּגעפאַלען פון דער לבנה —
האָט דאָס פּאסירט נאָר על־פּי־מקרה,
אָדער פון מוטוויליגען?
ככתוב ביי די אַלטע דיכטערס.
איך אָבער, דער בעל־ספק, ציעה
אויף דאָס אריין אין ספק,
איך קום דאָך פון אייראָפּא,
וואָס איז אויף ספיקות קראַנקער נאָך,
פאַר אַלע עלטערליכע ווייבלעך,
וואָס האָבען מאנען.
גאָט, שיק איהר צו אַ רפואה שלימה!
אָמן!

און טרינקענדיג אַט די גאַר שענסטע לופט
מיט נאַזלעכער צובריטע, ווי די בעכערס,
אָהן צוקונפט און אויך אָהן זכרונות,
אַזוי־אַ זיץ איך דאָ,
איהר גאַר־די־ליעבסטע פריינדינען,
און קוק מיר אויף דער פּאַלמע,
ווי זי טוט בויגען זיך, פונקט ווי אַ טענצערין,
און ווינדען־זיך און וויעגען־זיך אין איהרע לענדען,
— מען הובט־אָן נאַכטאָן, ווען מען קוקט־צו לאַנג!
פונקט ווי אַ טענצערין, וואָס איז, ווי ס'דוכט זיך מיר,
געשטאַנען שוין אַ לאַנגע צייט, מסוכן לאַנג
רק נאָר אויף איין פיסעל?
און האָט דערביי, ווי ס'דוכט זיך מיר,
די אַנדער פוס פאַרגעסען גאָר אין גאַנצען?
אומזיסט לפּחות
האָב איך געזוכט דעם פעהלענדען,
דעם צווילינג־אבן־טוב,
— איך מיין די אַנדער פוס —
אין אַט דער הייליגער נאָהענט
פון איהר גאַר־ליעבסטער און גאַר־ציערליכסטער
פאַכער־פלאַטער־פליטער־קליידעל.
יע, ווען איהר ווילט, איהר שעהנע פריינדינען,
מיר גלויבען גאַנץ:
זי האָט עס גאָר פאַרלאָרען!
אַוועק איז עס!
אַוועק אויף אייביג!
די אַנדער פוס!
אַ שאָד די ליעבליכע, די אַנדער פוס!
וואו — קאָן זי איצט אָן ערך זיין און טרויערן פאַרלאָזען
די פוס, די עלענדע?

אין פחד אפשר פאר א
גרים־צעזרענדיגען בלאַנד־גנעלאָקטען לייב,
און אומגעהויער? אָדער זי איז גאָר
שוין אפגענאגט, ארומגעגריזשעט —
א גאָטס־רחמנות, נעבעך!
ארומגעגריזשעט! סלה.

אַ וויינט מיר ניט,
איהר ווייכע הערצער!
אַ וויינט מיר ניט,
איהר טויטעל־הערצער! איהר מילך־בוזימס!
הארץ־בייטעלעך
פון זיסען האַלץ!
אַ וויין ניט מעהר,
דו בלייכע דודו!
אַ מאנסביל זיי, זולייקא! שטארק דיין מוט!
— זאָל אפשר גאר
דאַ זיין אם פלאַץ
עפּעס אַ שטאַרקענדעס, וואס שטאַרקט די הארץ?
אַ פזמון אַ געזאַלבטער?
אַ הדרת־קודש׳דיגער מוסר?

הא! ארויף, דו חשיבות!
דו, טוגענד־חשיבות! אייראָפּעער־חשיבות!
טו בלאָזען, ווידער בלאָזען,
דו בלאָז־זאַק פון דער טוגענד!
הא!
נאָך איין מאָל ברומען,
מאָראַליש ברומען!
ווי א מאָראַליש־פּרומער לייב

א בורם טאָן פאַר די טעכטער פון דעם מדבר!
— ווייל טוגענד־יאַמערניש,
איהר גאָר־די־ליעבסטע מיידלעך,
איז מעהר פאַר אַלץ
אַן אייראָפעיער תשוקה,
אַן אייראָפעיער היים־הונגער!
און דאָ־אָט שטעה איך שוין,
אַן אייראָפעיער,
איך קאָן ניט אַנדערש, זאָל מיר העלפען גאָט!
אָמן!

דער מדבר וואקסט: וועה צו דעם, וואָס פאַרבאַרגט מדבריות!

*   *

*

די אויפוועקונג

1.

נאָך דעם ליעד פון דעם וואנדערער און דעם שאָטען, איז די היהל מיט א מאָל פול געוואָרען פון ליארם און געלעכטער: און חיות ווי אלע פארזאמעלטע געסט האָבען אלע גערעדט אין איינעם, און אויך דער אייזעל איז ביי אזא אויפמונטערונג ניט געבליבען שטיל, האָט זאראטוסטרא'ן אָנגענומען א קליינער ווידערווילען און א שפּאָט אויף זיינע אורחים: הגם ער האָט זיך געפרעהט מיט זייער שמחה, ווייל ער האָט דערין געזעהן א צייכען פון ווערען ווידער געזונט. האָט ער זיך ארויסגעשארט אין די פריי און האָט גערעדט צו זיינע חיות.

„וואו איז איצט אהינגעקומען זייער נויט? האָט ער געזאָגט, און האָט אליין שוין אָבגעאָטעמט פון זיין קליינער דערעסענקייט, — ביי מיר האָבען זיי, ווי מיר דוכט, פארגעסען דאָס שרייען פון נויט!

— ווען אפילו ליידער נאָך ניט דאָס שרייען". און זאראטוסטרא האָט פארשטאָפּט די אויערען, ווייל דער י־א פון דעם אייזעל האָט זיך נאָר־וואָס וואונדערליך צונויפגעמישט מיט דעם שבעל־ליארם פון אָט די העכערע מענשען.

„זיי זיינען לוסטיג, האָט ער ווידער אָנגעהויבען, און ווער ווייס? אפשר אויף דעם חשבון פון דעם מכנים־אורח; און אויב זיי האָבען זיך פון מיר אויסגעלערנט לאַכען, האָבען זיי דאָך ניט מ י י ן לאַכען.

אָבער וועמעס דאגה איז דאָס! דאָס זיינען אַלטע לייט: זיי ווערען געזונט אויף זייער שטייגער; מיינע אויערען האָבען שוין ערגערע זאכען אריבערגעטראָגען און זיינען ניט געוואָרען פאַרדריסליך.

אַט דער טאָג איז אַ טריאומף: ד ע ר ג ײ ס ט פ ו ן ד ע ר ש װ ע ר, ער װײכט שױן, ער פליהט, מײן אַלטער אַרך־פײנד! װי גוט נעמט זיך ענדיגען דער טאָג, װאָס האָט זיך אָנגעהױבען אַזױ ניט גוט און שװער!

און ענדיגען נ ע מ ט ע ר ז י ך. עס קומט שױן דער אָװענט: איבער'ן ים קומט ער רײטענדיג אַהער, דער גוטער דײטער! װי ער װיעגט זיך, דער גליק־געבענשטער, דער אַהײם־קערענדער, אין זײנע פורפּעלנע זאָטלען!

קלאָר קוקט דער הימעל דערױף, די װעלט ליעגט טיעף: אַ איהר אַלע חדוש'דיגע, װאָס איהר זײט צו מיר געקומען, עס לױנט זיך שױן בײ מיר צו לעבען!"

אַזױ האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ. און װיעדער האָט זיך געלאָזט הערען דער געשרײ און דער געלעכטער פון די העכערע מענשען פון דער הײהל: האָט ער אָנגעהױבען אױפס נײ.

„זײ בײסען אָן, מײן ציעה־שפּײז װירקט, עס װײכט אױך פון זײ זײער שונא, דער גײסט פון דער שװער. שױן לערנען זײ זיך אױס צו לאַכען פון זיך אַלײן: הער איך ריכטיג?

מײנע מאַנסבילשע אכילות װירקען, מײנע זאַפט־און־קראַפט־װערטלעך: און באמת, איך האָב זײ ניט געשפּײזט מיט אױפבלאָזענדע קרײטעכער! נײער מיט די אכילות פון קריעגס־לײט, מיט אכילות פון אײננעמער: נײע גלוסטען האָב איך אױפגעװעקט.

נײע האָפנונגען זײנען אין זײערע אָטעמס און פּיס, זײער האַרץ שטרעקט זיך אױס. זײ געפינען נײע װערטער, באַלד װעט זײער גײסט אָטעמען שטיפערישקײט.

אַזעלכע מאכלים זײנען אודאי ניט פאַר קינדער, אױך ניט פאַר בענקענדע אַלטע און יונגע װײבערלעך. זײער אײנגעװײד דאַרף מען אַנדערש אײנרײדען; זײער רופא און לעהרער בין איך ניט.

דער עקעל װײכט פון אַט די העכערע מענשען: זעהר װאויל !

דאָס איז מיין טריאומף. אין מיין ממשלה ווערען זיי זיכער, יעדע נאַרישע בושה אַנטלויפט, זיי גיסען זיך אוים.

זיי גיסען אוים זייער האַרץ, גוטע שעה'ן קעהרען זיך אום צוריק צו זיי, זיי יום־טוב'ען און זיינען מעלה־גירא, — זיי ווערען ד א נ ק ב א ר.

דאָס נעם איך אָן פאַר דעם בעסטען סימן: זיי ווערען דאַנק־באַר. עס וועט נעמען ניט לאַנג און זיי וועלען אויסטראַכטען יום־טובים און וועלען אויפשטעלען מאָנומענטען זייערע אַלטע פריינד.

„דאָס זיינען געזונט־ווערענדע!“ אַזוי האָט גערעדט זאַראַ־טוסטראַ פרעהליך צו זיין האַרצען און האָט געקוקט אין דרויסען; זיינע חיות אָבער האָבען זיך גערריקט צו איהם און האָבען עהרליך געהאַלטען זיין גליק און זיין שטיל־שווייגען.

* *

*

2.

פּלוצלונג אָבער האָט זיך זאַראַטוסטראַ'ס אויער דערשראָקען: מחמת די הייהל, וואָס איז ביז אהער געווען פול ליאַרם און געלעכ־טער, איז מיט אַמאָל געוואָרען טויט־שטיל; — צו זיין נאָז אָבער האָט זיך דערטראָגען א ריח פון א וואויל־שמעקענדען רויך און ווייהרעך, ווי פון ברענענדע צאַפּענס פון א פּיניע.

„וואָס קומט פאָר? וואָס טוען זיי דאָרטען?“ האָט ער זיך געפרעגט און האָט זיך צוגעגנב'עט צו דעם אריינגאַנג, כדי ער זאָל קאָנען אומבאַמערקט זעהן זיינע געסט. אָבער וואונדער איבער וואונדער! וואָס האָט ער דאָ געמוזט זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען!

„זיי זיינען אַלע ווידער פ ר ו ם געוואָרען, זיי זיינען מ ת פּ ל ל, זיי זיינען משוגע!“ — האָט ער גערעדט און האָט זיך געוואונדערט איבער אַלע מאָסען. און כך הוה! אַלע אָט די העכערע מענשען, די צוויי מלכים, דער פּויפּסט אויסער דיענסט, דער ניט גוטער צויבערער, דער פרייוויליגער בעטלער, דער וואַנ־

דערער און שאָטען, דער געוויסענהאַפטער פון דעם גייסט און דער מיאוס׳טער מענש: זיי אַלע זיינען געלעגען ווי הינדער און אַלטע ווייבער אויף די קניע און האָבען מתפלל געווען פאַר דעם אייזעל. און דער מיאוס׳טער מענש האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו חאָרכלען און צו פרייכען, פונקט ווי פון איהם וואָלט געוואָלט אַרויס עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן ניט אַרויסגערעדט ווערען; אַז ער איז אָבער לסוף געקומען צו לשון, ערשט דאָס איז געווען אַ פרומער, משונה׳דיגער פּזמון, אַ הלל הגדול פאַר דעם אָנגעבעטענעם און אָנגערויכערטען אייזעל. אָט דער פּזמון האָט אָבער אַזוי געקלונגען:

אמן! און שבח און כבוד און קלוגשאַפט און דאַנק און שעצונג און שטאַרקייט זאָל זיין צו אונזער גאָט פון אייביגקייט ביז אייביגקייט!

— דער אייזעל האָט דערצו אויסגעשריען י־אָ.

ער טראָגט אונזער לאַסט, ער האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ קנעכט, זיין האַרץ איז פול ארך־אפּים און ער זאָגט קיינמאָל ניט ניין; און ווער עם ליעבט זיין גאָט, יענער באַשטראָפט איהם.

— דער אייזעל האָט עדרצו אויסגעשריען י־אָ.

ער רעדט ניט, אַ חוץ וואָס ער זאָגט תמיד יאָ צו דער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפען: אַזוי שעצט ער זיין וועלט. זיין פוקסיגקייט איז דאָס, וואָס רעדט ניט: אַזוי־אַרום איז ער זעלטען־ווען אומגערעכט.

— דער אייזעל אָבער האָט דערצו אויסגעשריען י־אָ.

ער שיינט ניט, ווען ער געהט דורך דער וועלט. גראָה איז די לייב־פאַרב, אין וועלכער ער קליידט איין זיין טוגענד. האָט ער גייסט, באַהאַלט ער דאָס • איטליכער גלויבט אָבער אין זיינע לאַנגע אויערען.

— דער אייזעל אָבער האָט דערצו אויסגעשריען י־אָ.

וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע חכמה שטעקט אין דעם, וואָס ער טראָגט לאַנגע אויערען און זאָגט נאָר יאָ און קיינמאָל ניט ניין!

האט ער דען נים באשאפען די וועלט נאך זיין בילד, דאס הייסט אזוי נאריש ווי מעגליך?

— דער אייזעל אבער האט דערצו אויסגעשריען י־א.

דו געהסט אויף גלייכע און אויף קרומע וועגען. דיך אהרט ווייניג, וואס אונז מענשען דוכט אוים גלייך אדער קרום. פון יע־נער זייט גוטס און שלעכטס איז דיין ממשלה. דיין אומשולד באַ־שטעהט אין נים וויסען, וואס איז אומשולד.

— דער אייזעל אבער האט דערצו אויסגעשריען י־א.

קוקט דאך צו, ווי דו שטויסט קיינעם נים אוועק פון זיך, נים די בעטלער, נים די מלכים. די קינדערלעך לאזטו קומען צו זיך. און אויב בייזע שקצים פארפיהרען דיך, זאגסטו בתמימות י־א.

— דער אייזעל אבער האט דערצו אויסגעשריען י־א.

דו האסט האלט אייזעלטעס און פרישע פייגען, ביזט נים קיין איבערקלייבער אין מאכלים. א שטעך־בארעל קיטצעלט דיר דאס הארץ, ווען דו ביזט גראד הונגעריג. אין דעריגען ליגט די קלוג־שאפט פון א גאט.

— דער אייזעל האט אבער דערצו אויסגעשריען י־א.

* *

*

דער אייזעל־יום־טוב

1.

ביי אָט דעם שטעל פון דעם פזמון האָט זאַראַטוסטראַ אָבער שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, ער האָט אַליין אויסגעשריען י־אַ נאָך הילכיגער איידער דער אייזעל און איז אַריינגעשפּרונגען אין מיטען פון זיינע משוגה געוואָרענע געסט. „אָבער וואָס מאַכט איהר דאָ פאַר שטיק, איהר מענשענקינדער? האָט ער אויסגערופען, בעת ער האָט די מתפּללים גענומען אַרויפרייסען פון דער ערד. וועה געשריען, אויב ניט זאַראַטוסטראַ, נאָר עמיצער אַן אַנדערער וואָלט אייך דערזעהן:

אַ יעדערער וואָלט געקלערט, אַז איהר זייט מיט אייער נייער אמונה די ערגסטע גאָט־לעסטערער אָדער די נאַרישעסטע פון אַלע אַלטע ווייבער!

און דו אַליין, דו אַלטער פּויפּסט, ווי גראַמט זיך דאָס צונויף מיט דיר גופא, וואָס דו ביזט דאָ מתפּלל פאַר אַן אייזעל ווי פאַר אַ גאָט?"—

„אָ זאַראַטוסטראַ, האָט געענטפערט דער פּויפּסט, האָב קיין פאַראיבעל ניט, אָבער אין געטליכע ענינים בין איך נאָך אויפגעקלערטער איידער דו. און אַזוי דאַרף דאָס זיין.

איז — ליעבערסט אין אַזאַ געשטאַלט בעטען גאָט, איידער אין גאָר קיין געשטאַלט ניט. טראַכט זיך אַריין אין אָט דעם מאמר, מיין הויכער פריינד: דו וועסט תיכף אויסגעפינען, אַז אין אַזאַ מאמר שטעקט קלוגשאַפט.

דער, וואָס האָט געזאָגט „גאָט איז אַ רוחניות" — דער האָט ביז אַהער אויף דער ערד געמאַכט דעם גרעסטען שריט און שפּרונג צו דער כפירה: אַזאַ וואָרט איז אויף דער ערד ניט אַזוי גרינג ווידער צו פאַרריכטען!

זיין אלטע הארץ שפרינגט און טאנצט דערפון, וואס עס איז נאך דא עפעס אויף דער, וואס מען קאן אנבעטען. זיי דאס מוחל, א זאראטוסטרא, אן אלטער, פרומער פויפסטען־הארץ!—״

— און דו, האט זאראטוסטרא געזאגט צו דעם וואנדערער און שאטען, דו רופסט זיך און דו מיינסט, אז דו ביזט א פרייער גייסט? און טוסט דא אפ אזא מין געטצען־ און גלחים־דיענסט?

באמת, נאך ערגער פיהרסט דו זיך דא אויף, איידער ביי דיינע ניט־גוטע ברוינע מיידלעך, דו ניט־גוטער נייער מאמין!״

„גענוג שלעכט, האט געענטפערט דער וואנדערער און שאטען, דו ביזט גערעכט: אבער וואס בין איך שולדיג! דער אלטער גאט לעבט ווייעדער, מעגסט זיך זאגען, וואס דו ווילסט.

דער מאוס׳טער מענש איז שולדיג אין אלץ: ער האט איהם ווייעדער אויפגעוועקט. און אויב ער זאגט, אז ער האט איהם א מאל געטויט: ביי געטער איז דער טויט אלע מאל אן איינריידענים.—

— און דו, האט זאראטוסטרא געזאגט, דו ניט־גוטער אלטער צויבערער, וואס האסטו געטאן? ווער זאל, אין אט דער פרייער צייט, נאך ווייטער גלויבען אין דיר, ווען דו גלויבסט אין אזעלכע געטער־אייזעלייען?

האסט געטאן א נארישקייט. ווי האסטו, דו קלוגער, געקאנט טאן אזא נארישקייט!״

„א זאראטוסטרא, האט געענטפערט דער קלוגער צויבערער, דו ביזט גערעכט, ס׳איז געווען א נארישקייט, — און ס׳איז מיר אויך גענוג שווער געווען זי צו טאן.״

— און גאר דו, האט געזאגט זאראטוסטרא צו דעם געוויסענהאפטען פון דעם גייסט, טו דאך א טראכט און לייג צו דיין פינגער צו דיין נאז! איז אין דערין גארנישט ניטא, וואס געהט להיפך צו דיין געוויסען? איז דיין גייסט ניט צו ריינליך פאר אזעלכע תפלות און פאר דעם ריח פון אט די מתפללים?

„עס איז דערין עפעס יע דא, האט געענטפערט דער געוויסענ־

האפטער און האָט צונעלייגט דעם פינגער צו דער נאָז, עס איז אין אַט דעם שפּעקטאַקעל עפּעס יע דאָ, וואָס טוט וואויל־באַקומען אפילו מיין געוויסען.

אפשר טאָר איך ניט גלויבען אין גאָט. עס איז אָבער געוויס, אז אין אַט דער געשטאַלט, דוכט מיר, לייגט זיך מיר דער גלויבען אין גאָט מעהר אויפ'ן שכל.

גאָט איז אייביג, ווי עס זאָגען עדות די פרימסטע: ווער עס האָט אזוי פיעל צייט, יענער האָט צייט אזוי פאַמעלעך און אזוי נאַריש ווי נאָר מעגליך: ד ו ר ך ד ע ם קאָן אזויגער דער־גרייכען זעהר ווייט.

און ווער עס האָט צופיעל גייסט, יענער קאָן זיך אליין פאַרנאַ־רען אין שטות און נאַרישקייט. גיב אַ טראַכט וועגען זיך אליין, אָ זאַראַטוסטראַ!

דו גופא — באמת! אויך דו, קאָנסט אוים שפּע און קלוגשאַפט גרייכען ווערען אַן אייזעל.

געהט ניט אַ קלוגשאַפענער בתכלית השלימות גרייכען אויף די קרימסטע וועגען? די באַשיינפּערליכקייט לערנט דאָס, — דיין באַשיינפּערליכקייט!"

— „און לסוף דו אליין, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט און זיך געווענדט צו דעם מיאוס'טען מענשען, וואָס איז נאָך אלץ געלעגען אויף דער ערד, דעם אָרעם אויפגעהויבען צו דעם אייזעל (מחמת ער האָט איהם געגעבען טרינקען וויין). זאָג, דו ניט אויסצורע־דענדער, וואָס האָסטו דאָ אָנגעטאָן!

עס דוכט מיר, דו ביסט פאַראַנדערשט געוואָרען, דיין אויג גליהט, אַ מלבוש פון דערהויבענקייט ליעגט ארום דיין מאוס'קייט: וואָס האָסטו געטאָן?

איז דאָס אמת, וואָס יענע זאָגען, אז דו האָסט איהם ווידער אויפגעוועקט? און צוליעב וואָס? איז ער ניט אוים גוטע טעמים געטויט און גע'פּטר'ט געוואָרען?

„עס דוכט מיר, דו גופא ביזט אויפגעוועקט געוואָרען: וואָס

האסטו געטאן? וואס האסטו זיך אומגעקערט? וואס האסטו זיך באקערט? רייד, דו ניט־אויצורייידענדער!"

„א, זאראטוסטרא, האט געענטפערט דער מאוס'טער מענש, דו ביזט א ממזר!

צי יענער לעבט נאך אדער ער לעבט ווידער, אדער ער איז גרינדליך טויט, — ווער פון אונז ביידען ווייס דאס אויפ'ן בעסטען אופן? איך פרעג ביי דיר.

איינס אבער ווייס איך, — פון דיר גופא האב איך דאס א מאל געלערנט, א זאראטוסטרא: ווער עס וויל טויטען אויף א גרינדליכסטען אופן, יענער לאכט.

„ניט מיט צארן, נאר מיט געלעכטער טויט מען"—אזוי האסטו א מאל געזאגט. א זאראטוסטרא, דו נסתר, דו פארניכטער אהן צארן, דו געפעהרליכער הייליגער, — דו ביזט א ממזר!"

* *

*

2.

דא אבער האט פאסירט, אז זאראטוסטרא, א פארוואונדערטער פון לויטער אזעלכע שטיעפערישע ענטפערס, איז צוריק געשפרונגען צו דער טיר פון זיין הייהל, האט זיך געווענדט צו אלע זיינע געסט און האט מיט א שטארקער שטים ארויסגעשריען:

„א איהר מארשאליקעס אלע אין איינעם, איהר קלאונס! וואס פארשטעלט און פארשטעקט איהר זיך פון מיר!

ווי האט דאך ביי יעדען איינעם פון אייך דאס הארץ געצאפעלט פון לוסט און בייזקייט, וואס איהר זייט לסוף ווידער א מאל געווארען ווי קינדערלעך, דאס הייסט פרום, —

— וואס איהר האט לסוף ווידער געטאן, וואס קינדער טוען, דהינו, נאט געבעטען, די הענט צונויפגעלייגט און „גאטעניו" געזאגט!

אבער איצטער פארלאזט מיר אט די קינדער־שטוב, מיין אייגענע הייהל, וואו יעדע קינדעריי איז היינט אין דער היים. קיהלט

אַפּ דאַ דרויסען אייער הייסען קינדער־איבערמוט און דעם האַרץ־ליאַרם.

אודאי: כל זמן איהר ווערט ניט ווי די קינדערלעך, קומט איהר ניט אַריין אין אַט די מלכות שמים (און זאַראַטוסטראַ האָט אָנ־געוויזען מיט די הענט אויף אויבען).

אָבער מיר ווילען גאָר ניט אין די מלכות שמים: מיר זיינען מאַנסבילען געוואָרען מענער, — א י ז ו ו י ל ע ן מ י ר די מ ל כ ו ת ה א ר ץ."

* *
*

3.

און נאָך אַ מאָל האָט זאַראַטוסטראַ אָנגעהויבען צו ריידען:

„אָ מיינע נייע פריינד, האָט ער געזאָגט, — איהר וואונדערליכע, איהר העכערע מענשען, ווי גוט געפעהלט איהר מיר איצטער, —

— זינט איהר זייט ווידער פרעהליך געוואָרען! איהר האָט גאָמת אַלע אויפגעבליהט: מיר דוכט, פאַר אַזוינע בלומען, ווי איהר, דאַרף מען נויטיג נייע יום־טובים,

— אַ קליינע קוראַזשירטע טפשות, עפּעס אַ גאָטעס־דיענסט און אייזעל־יום־טוב, עפּעס אַן אַלטער פרעהליכער זאַראַטוסטראַ־נאַר, אַ ברויז־ווינט, וואָס בלאָזט העל פאַנאַנדער אייערע נשמות.

פאַרגעסט ניט אָט די נאַכט און אָט דעם אייזעל־יום־טוב, איהר העכערע מענשען! ד אָ ס האָט איהר ביי מיר אויסגעטראַכט, דאָס נעם איך אָן ווי אַ גוטען סימן, — אזא המצאה טראַכטען אויס נאָר די וואָס ווערען ווידער געזונט!

און ווען איהר וועט נאָך אַ מאָל באַגעהן אָט דעם אייזעל־יום־טוב, טוט דאָס צוליעב אייך, טוט דאָס אויך צוליעב מיר! און צו־ליעב מ י י ן געדעכעניש!"

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

דאָס שכור׳ע ליעד

1.

דערוויילע אָבער זיינען זיי איינער נאָך דעם אנדערען ארויס אין דער פריי און אין די קיהלע פארטראכטע נאכט; זאראטוס־טרא אָבער האָט אליין געפיהרט פאר׳ן האנט דעם מאוס׳טען מענ־שען, באווייזען איהם זיין נאכט־וועלט און די גרויסע קיילעכיגע לבנה און די זילבערנע וואסער־שטורצען ביי זיין הויהל. דאָ זיי־נען זיי לסוף געשטאנען שטיל איינער נעבען דעם אנדערען, לויטער אלטע לייט, אָבער מיט א געטרויסטען מוטיגען הארצען און פאר־וואונדערט אין זיך גופא, וואָס עס איז זיי אזוי וואויל אויף דער ערד; די פאר׳סודות׳טקייט פון דער נאכט איז זיי אָבער אלץ נעהנטער און נעהנטער געקומען צו דעם הארצען. און זאראטוס־טרא האָט אויפ׳ם ניי געטראכט ביי זיך: „אָ, ווי גוט זיי געפעלען מיר איצט, אָט די העכערע מענשען!“ — אָבער ער האָט דאָס ניט ארויסגערעדט, ווייל ער האָט עהרליך געהאלטען זייער גליק און זייער שטילען שווייגען.

דאָ אָבער איז געשעהן דאָס, וואָס איז אין יענעם נשתומם׳דיי־גען טאָג געווען די נשתומם׳דיגסטע זאך: דער מאוס׳טער מענש האָט נאָך א מאָל און צום לעצטען מאָל אנגעהויבען צו כארכלען און צו פרייכען, און אז ער איז געקומען צו לשון, ערשט זעה, פון זיין מויל איז קיילעכדיג און ריינליך ארויסגעשפרונגען א שאלה, א גוטע טיעפע קלאָרע שאלה, וואָס האָט געמאכט זיך באוועגען די הערצער פון אלע, וועלכע האָבען איהם צוגעהערט.

„מיינע פריינד אלע אין איינעם, האָט גערעדט דער מיאוס׳טער מענש, וואָס קלערט איהר? צוליעב אָט דעם טאָג — בין איך צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען צופריעדען, וואָס איך האָב אפגעלעבט א גאנצען לעבען.

און וואָס איך טו דאָ עדות זאָגען אזוי פיעל, איז פאר מיר

נאָך ניט גענוג. עס לוינט זיך צו לעבען אויף דער ערד: איין טאָג, איין יום־טוב מיט זאַראַטוסטראַ'ן האָט מיך אויסגעלערנט ליעב האָבען די ערד.

„איז ד אָ ס געווען — דאָס לעבען?“ וועל איך זאָגען צום טויט. „איז זעהר וואויל! נאָך אַ מאָל!“

מיינע פריינד, וואָס קלערט איהר? ווערט איהר ניט זאָגען צו דעם טויט, אזוי ווי איך: איז ד אָ ס געווען דאָס לעבען? איז — פון זאַראַטוסטראַ'ס וועגען — זעהר וואויל! נאָך אַ מאָל!“

אזוי האָט גערעדט דער מיאוס'טער מענש; עס איז אָבער גע־ווען ניט לאַנג פאַר האַלבע נאַכט. און וואָס מיינט איהר אַז ערך איז דאַרטען פאָרגעקומען? ווי נאָר די העכערע מענשען האָבען אויסגע־הערט זיין שאלה, האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען פאַר־וואַנדעלט און געזונט געוואָרען, און ווער דאָס האָט זיי געמאַכט: זיינען זיי צוגעשפרונגען צו זאַראַטוסטראַ'ן און געדאַנקט און אָפּ־געגעבען כבוד און געגלעט און געקושט איהם די הענט, ווי אַ יע־דער נאָך זיין שטייגער: אזוי, אַז אייניגע האָבען געלאַכט און איי־ניגע האָבען געוויינט. דער אַלטער וואהרזאָגער אָבער האָט גע־טאַנצט פון תענוג; און ווען אפילו ער איז יעמאָלט געווען, ווי איי־ניגע דערצעהלער מיינען, פול פון זיסען וויין, איז ער געווים נאָך פולער געווען פון זיסען לעבען און האָט ניט געוואוסט פון קיין מאַטקייט. עס זיינען דאָ אפילו אזעלכע, וואָס דערצעהלען, אַז יע־מאָלט האָט אויך דער אייזעל געטאַנצט; מחמת דער מאוס'טער מענש האָט איהם ניט אומזיסט פריהער געגעבען טרינקען וויין. נאָר — דאָס האָט געקאָנט זיין אזוי אָדער אויך אַנדערש; און אויב דער אייזעל האָט אין דער אמת'ען ניט געטאַנצט אין יענעם אָוונט, זיינען דאָך דעמאָלט געשעהן גרעסערע און משונה'דיגערע וואונדער־זאַכען, איידער דאָס טאַנצען פון אַן אייזעל. קורץ, ווי זאַראַטוס־טראַ'ס אַ ווערטעל זאָגט: „וועמעס דאגה!“

* *

*

2.

ווען אַט דאָס האָט פּאַסירט מיט דעם מיאוס'טען מענשען, איז אָבער זאַראַטוסטראַ געשטאַנען ווי אַ שכור'ער: זיין בליק האָט זיך אויסגעלאָשען, זיין צונג האָט געפּלאָפּעלט און ער האָט זיך געשאָקעלט אויף די פיס. און ווער וואָלט אויך געקאָנט טרעפען, וועלכע געדאַנקען זיינען דעמאָלט דורכגעלאָפען דורך זאַראַטוסטראַ'ס נשמה? באַשיינפּערליך אָבער האָט זיך זיין גייסט אומגעקערט צוריק און איז געפלויגען פאָראויס און איז געווען אין ווייטע ווייטען און פונקט ווי „אויף אַ הויכען באַרג־רוקען צווישען צוויי ים'ען, ככתוב,

— וואַנדלענדיג צווישען עבר און עתיד ווי אַ שווערער וואָלקען". בשעת די העכערע מענשען האָבען איהם געהאַלטען אין זייערע אָרעמס, איז ער אָבער בהדרגה אַ ביסעל געקומען צו זיך און האָט זיך מיט די הענט געוועהרט אַנטקעגען די שטופּעניש פון די פאַרעהרער און די פאַרזאָרגטע:

נאָר ער האָט ניט גערעדט. מיט אַ מאָל אָבער האָט ער געשווינד אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, ווייל איהם האָט זיך געדוכט, ער הערט עפּעס: האָט ער צוגעלייגט דעם פינגער צו דעם מויל און האָט געזאָגט: „ק ו מ ט!"

און תיכף איז אַרום און אַרום געוואָרען שטיל און סודות'דיג; פון דער טיעף האָט גענומען קלינגען געצויגען דער קלאַנג פון אַ גלאָק. זאַראַטוסטראַ האָט זיך איינגעהערט, ווי אויך די העכערע מענשען; דערנאָך אָבער האָט ער צום צווייטען מאָל צוגעלייגט דעם פינגער צו דעם מויל און האָט ווידער געזאָגט: „ק ו מ ט! ק ו מ ט! ע ס ג ע ה ט צ ו ח צ ו ת!" — און זיין שטים האָט זיך געביטען. אָבער ער האָט זיך פאָרט ניט גערירט פון אָרט: איז געוואָרען נאָך שטילער און סודות'דיגער, און אַלץ האָט זיך איינגעהערט, אויך דער אייזעל, און זאַראַטוסטראַ'ס בכבוד'ע חיות, דער אָדלער און די שלאַנג, גם כן זאַראַטוסטראַ'ס הייהל און די גרויסע קיהלע לבנה און די נאַכט גופא. זאַראַטוסטראַ אָבער האָט צום דריטען מאָל צוגעלייגט די האַנט צום מויל און האָט גע־

זאגט: קוממ! קוממ! קוממ! לאמיר אצינ־דער וואנדלען! עס איז געקומען די שעה: לאמיר וואנדלען אין דער נאכט אהיין!

* *
*

3.

איהר העברעע מענשען, עס געהט צו חצות: איך וויל אייך עפעס זאגען אויפ'ן אויער. ווי יענער אלטער גלאק זאגט דאס מיר אויפ'ן אויער,—

אזוי סודות'דיג, אזוי אימה'דיג, אזוי הארציג, ווי עס רעדט צו מיר יענער חצות־גלאק, וואס האט מעהר דורכגעלעבט איידער א מענש.

— וואס האט שוין אפגעצעהלט די הארץ און־שמארץ־שלאגען פון אייערע פאטערס — — אך! אך! ווי זי זיפצט! ווי זי לאכט אין חלום! די טיעפע, טיעפע האלבע נאכט!

שטיל! שטיל! דא ווערט געהערט עפעס אזוינס, וואס טאר ניט געזאגט ווערען אויפ'ן קול ביי טאג; אבער איצט, אין דער קיהלער לופט, ווען אפילו יעדער ליארם פון אייערע הערצער איז אנטשוויגען געווארען,—

— איצט רעדט עס, איצט הערט עס זיך, איצט שארט עס זיך אריין אין נאכטליכע איבער־אויפגעוואכטע נשמות: אך! אך! ווי זי זיפצט! ווי זי לאכט אין חלום!

— הערסטו ניט, ווי זי רעדט צו דיר סודות'דיג, אימה'דיג, הארציג, די אלטע טיעפע, טיעפע האלבע נאכט?

א מענש, גיב אכט!

* *
*

4.

וועה איז מיר! וואו איז אהינגעקומען די צייט? בין איך ניט געזונקען אין טיעפע ברונעמס? די וועלט שלאפט —

אך! אך! דער הונט יאמערט, די לבנה שיינט. ליעבערסט וועל איך שטארבען, שטארבען, איידער זאגען אייך, וואס מיין חצות־נאכט טראכט איצטער.

נו—בין איך שוין געשטארבען. עס איז אויס. שפין, וואס שפינסטו ארום מיר? ווילסטו בלוט? אך! אך! דער טהוי פאלט, די שעה קומט —

— די שעה, אין וועלכער איך פרעסטעל און פריהר, וועלכע פרעגט און פרעגט: „ווער האט גענוג הארץ דערצו?

— ווער זאל זיין דער האר פון דער ערד? ווער וויל זאגען: „אזוי זאלט איהר לויפען, איהר גרויסע און קליינע שטראמען!"

— די שעה איז נאהנט: א מענש, דו העכערער מענש, גיב אכט! אט די רייד זיינען פאר איידעלע אויערען, פאר פיינע אויערען — וואס רעדט די טיעפע האלבע נאכט?

* *
*

5.

עס טראגט מיך אהין, מיין נשמה טאנצט. דו ווערק פון טאג! דו ווערק פון טאג! ווער זאל זיין דער האר איבער דער ערד?

די לבנה איז קיהל, דער ווינט שוויינט. אך! אך! זייט איהר שוין געפלויגען הויך גענוג? איהר טאנצט: אבער א פוס איז דאך ניט קיין פליגעל.

איהר גוטע טענצער, איצט איז אריבער יעדע לוסט: ווין איז געווארען הייוון, איטליבער בעכער איז געווארען ברעקעלדיג, די קברים שטאמלען.

איהר זייט ניט גענוג הויך געפלויגען: איז שטאמלען די קברים—„לייזט דאך אויס די מתים! פארוואס געווערט אזוי

לאנג די נאכט? מאכט אונז ניט די לבנה שכור?"

איהר העכערע מענשען, לייזט דאך אויס די קברים, וועקט אויף די בר־מינן'ס! אך, וואס גראבט זיך נאך דער וואָרים? ס'איז נאָהנט, ס'איז נאָהנט די שעה, —

— עס ברומט דער גלאָק, עס רעש'ט נאך די האַרץ, עס גראבט זיך נאך דער האָלץ־וואָרים. אך! אך! די וועלט — א טיעפע תהום!

* *

*

6.

זיסע לירע! זיסע לירע! איך ליעב דיין טאָן, דיין שכור'ען פראָש־טאָן פון ווי לאנג, פון ווי ווייט קומט צו מיר דיין טאָן, פון א מהלך, פון די טייכען פון דער ליעבע!

דו אלטער גלאָק, דו זיסע לירע! איטליכער שמאַרץ האָט זיך דיר אריינגעריסען אין האַרצען, דער שמאַרץ פון דעם פאָטער, דער שמאַרץ פון די פאָטערס, דער שמאַרץ פון די אור־עלטערען; דיינע רייד זיינען צייטיג געוואָרען, —

— צייטיג געוואָרען פונקט ווי גילדערנע בלעטער־פאַלען אין נאָכמיטאָגען, פונקט ווי מיין מתבודד־האַרץ — איז רעדסטו: די וועלט גופא איז געוואָרען צייטיג, דער ווייַנטרויב ברוינט זיך,

— איצט וויל ער שטאַרבען, פאַר גליק שטאַרבען. איהר העכערע מענעשען, שפיהרט איהר דאָס ניט? עס קוואַלט ארויף סודות־דיג א ריח,—

— א דופט און גערוך פון אייביגקייט, א רויזען־גליק־געבענשטער ברוינער גאָלד־וויין־ריח פון דעם אַלטען גליק,—

— פון דעם באַטרונקענעם שטאַרבען־גליק פון דער האַלבער נאַכט, וואס זינגט: די וועלט איז טיעף, נאך טיעפער, איידער ס'האָט דער טאָג געקלערט!

* *

*

7.

לאָז אָפּ פון מיר! לאָז אָפּ פון מיר! איך בין צו ריין פאַר דיר! ריהר מיך ניט אָן! איז מיין וועלט ניט נאָר וואָס געוואָרען בשלימות?

מיין הויט איז צו ריין פאַר דיינע הענט. לאָז מיך אָפּ, — דו נאַרישער טפּוש׳ער שטיקענדער טאָג! איז ניט די האַלבע נאַכט ליכטיגער?

די ריינסטע זאָלען זיין די האַרען איבער דער ערד, די אומדער־קענטעסטע, די שטאַרקסטע, די חצות־נשמות, וואָס זיינען ליכטיגער און טיעפער איידער יעדער טאָג.

אָ טאָג, דו טאַפּסט אין דער פינסטער נאָך מיר? דו שטרעקסט אויס די האַנט נאָך מיין גליק: איך בין פאַר דיר ריך, איינזאַם, אַן אוצר־גרוב, אַ גאָלד־קאַמער?

אָ וועלט, דו ווילסט מיך? בין איך דיר וועלטליך? בין איך דיר גייסטליך? בין איך דיר געטליך? אָבער טאָג און וועלט,— אהר זייט צו אומגעלומפּערט,—

— האָט קליגערע הענט, שטרעקט אויס אייער האַנט נאָך אַ טיעפּערען גליק, נאָך אַ טיעפּערען אומגליק, שטרעקט אויס אייער האַנט נאָך אַ גאָט, ציהט זיך ניט נאָך מיר:

— מיין אומגליק, מיין גליק איז טיעף, דו וואונדערליכער טאָג, אָבער איך בין ניט קיין גאָט, קיין גאָט׳ס גיהנום: טיעף איז איהרע וועה.

* *
*

8.

גאָט׳ס וועה איז טיעפער, דו וואונדערליכע וועלט! שטרעק אויס דיין האַנט נאָך גאָט׳ס וועה, ניט נאָך מיר! וואָס בין איך! אַ באַטרונקענע זיסע לירע, —

— אַ האַלבע־נאַכט־לירע, אַ גלאָק־מתמיד, וואָס קיינער פאַר־

שטעהט איהם ניט, אָבער וואָס מוז ריידען פאַר טויבע, איהר העברע מענשען! ווייל איהר פארשטעהט מיך ניט!

אהין! אהין! אַ יוגענד! אַ האַלבער טאָג! אַ נאָכמיטאָג! איז געקומען דער אָוועגט און די נאַכט און די האלבע נאַכט, — דער הונט יאָמערט, דער ווינט:

— איז דער ווינט ניט אַ הונט? ער קוויטשעט, ער בילט, ער יאָמערט. אך! אך! ווי זי זיפצט! ווי זי לאַכט, ווי זי כאָרכעלט און קייכט, די האַלבע נאַכט!

ווי ניכטער זי רעדט גראָד איצט, אָט די באַטרונקענע דיכ־טערין? זי האָט משמעות אריבערגעטרונקען איהר שכרות? זי איז געוואָרען איבער־אויפגעוואכט? איז זי מעלה גירה?

— איהר וועה קייט זי צוריק אין חלום, די אַלטע טיעפע האַלבע נאַכט, און נאָך מעהר איהר לוסט, מחמת לוסט, ווען וועה איז שוין טיעף: די לוסט — נאָך טיעפער איי־דער הארצענס־לייד.

* *

*

9.

דו ווייגשטאָק! וואָס לויבסטו מיך? איך האָב דאָך דיך געשניטען! איך בין אכזר׳יש, דו געהסט אָפּ מיט בלוט —: וואָס ווילסטו מיט דיין לויב אויף מיין באַטרונקענער אכזריות?

„דאָס, וואָס איז געוואָרען בשלימות, אַלץ וואָס איז צייטיג — וויל שטאַרבען!“ אזוי זאָגסטו. געבענשט, געבענשט זאָל זיין דער שניט־מעסער! אָבער אַלץ, וואָס איז אומצייטיג וויל לעבען: וועה געשריען!

וועה זאָגט: „פאַרגעה! אוועק, דו וועה!“ אָבער אַלץ, וואָס ליידט, וויל לעבען, כדי עס זאָל ווערען צייטיג און לוסטיג און פול בענקשאַפט, —

— בענקשאַפט נאָך דעם ווייטער, דעם העכער, דעם ליכטי־

נער. „איך וויל יורשים, אזוי זאָגט אַלץ, וואָס ליידט, איך וויל קינדער, איך וויל ניט מ י ך," —

לוסט אָבער וויל ניט קיין יורשים, ניט קיין קינדער, — לוסט וויל זיך אַליין, וויל אייביגקייט, וויל ווידערקום, וויל אַלץ — זיך־אייביג־גלייך.

וועה זאָגט: „צוברעך, פאַרבלוטיג, דו האַרץ! וואַנדער, דו פוס! פליגעל, פליה! אַהין! אַרויף! דו שמאַרץ! מיט גליק! לעבעדיג! אָ מיין אַלט האַרץ: וועה זאָגט: „פאַר־געה!"

*

*

10.

איהר העכערע מענשען, וואָס דוכט אייך? בין איך אַ וואָהר־זאָגער? אַ טרוימענדער? אַ שיכור'ער? אַ חלום־טייטשער? אַ חצות־גלאָק?

אַ טראָפּען טהוי? אַ דונסט און דופט פון דער אייביגקייט? הערט איהר דאָס ניט? שפּירט איהר דאָס ניט? מיין וועלט איז נאָר וואָס געוואָרען בתכלית השלימות, האַלבע נאַכט איז אויך האַלבער טאָג, —

שמאַרץ איז אויך אַ לוסט, אַ קללה איז אויך אַ ברכה, נאַכט איז אויך אַ זון, — געהט אַוועק אָדער איהר וועט זיך דערוויסען: אַ קלוגשאַפּענער איז אויך אַ נאַר.

האָט איהר ווען עס איז געזאָגט יע צו איין לוסט? אָ מיינע פריינד, איז האָט איהר געזאָגט יע אויך צו דעם גאַנצען וועה. אַלע זאַכען זיינען פאַרקייטעלט, פאַרפעדימט, פאַרליעבט, —

— אויב איהר האָט ווען עס איז געוואָלט דעם איין מאָל צוויי מאָל, אויב איהר האָט ווען עס איז געזאָגט „דו געפעלסט מיר, גליק! פלינק! הרף־עין! האָט איהר געוואָלט, אַ ל ץ זאָל קומען צוריק!

— אַלץ אויף דאָס ניי, אַלץ אייביג, אַלץ פאַרקייטעלט, פאַר־

פּעדימט, פּאַרליעבט אַ, אַט אַזוי האָט איהר געליעבט די וועלט, —

— איהר אייבינע, איהר ליעבט זי אייביג און צו יעדער צייט: און אויך צו דעם וועה זאָגט איהר: פאַרגעה, אָבער קום צוריק! ווייל יעדע לוסט וויל — אייביג־קייט!

* *
*

11.

איטליכע לוסט וויל די אייביגקייט פון אַלע זאַכען, וויל האָניג, וויל הייוועז, שכור'ען חצות, וויל קברים, וויל דעם טרויסט פון די קברים־טרערען, וויל פאַרגילדעטע אָוועגט־רויט, —

— וואָס וויל ניט לוסט! זי איז דאָרשטיגער, האַרציגער, הונגעריגער, אימה'דיגער, סודות'דיגער, איידער יעדער וועה, זי וויל זיך, זי בייסט אין זיך, דעם רינג'ס ווילען ראַנגעלט זיך אין איהר, —

— זי וויל ליעבע, זי וויל שנאה, זי איז איבער־רייך, זי שענקט, וואַרפט אוועק, בעט זיך, איינער זאָל זי נעמען, דאַנקט דעם וואָס נעמט זי, זי וואָלט גריילעך וועלען, מען זאָל זי פיינט האָבען, —

— אַזוי רייך איז לוסט, אַז זי דאָרשט נאָך וועה, נאָך גיהנום, נאָך שנאה, נאָך שמאַך, נאָך דעם קריפּעל, — ווייל אָט די וועלט, אַ איהר זייט דאָך מיט איהר בעקאַנט!

איהר העכערע מענשען, נאָך אייך בענקט זי, די לוסט, די ניט־צו־בינדענדע, די גליק־געבענשטע, — נאָך אייער וועה, איהר ניט־געראָטענע! נאָך די שלעכט־געראָטענע בענקט יעדע אייביגע לוסט.

ווייל יעדע לוסט וויל זיך גופא, דעריבער וויל זי אויך האַרץ־לייד! אַ גליק! אַ שמאַרץ! אַ, צוברעך, דו האַרץ! איהר העכערע מענשען, לערנט דאָך די סוגיא, לוסט וויל אייביגקייט.

— לוסט וויל די אייביגקייט פון אַלע זאַכען, וויל טיע־פע, טיעפע אייביגקייט!

* *

*

12.

האָט איהר שוין אויסגעלערנט מיין ליעד? האָט איהר גע־טראָפען, וואָס זי וויל? איז גוט! מיט גליק ארויף! איהר העכערע מענשען, איז זינגט מיר מיין רונד־געזאַנג!

איז זינגט מיר אליין די ליעד, וואָס איהר נאָמען איז: „נאָך אַ מאָל“, וואָס איהר זין איז „אין אַלע אייביגקייט!“ — זינגט איהר העכערע מענשען, זאַראַטוסטראַ׳ס רונד־געזאַנג!

אָ מענש! גיב אכט!
וואָס רעדט די טיעפע האַלבע נאַכט?
„מיין שלאָף האָט לאַנג געוועהרט, —
„בין אויפגעוואַכט פון טיעפען טרוים: —
„די וועלט — אַ טיעפער תהום,
„נאָך טיעפער, איידער ס׳האָט דער טאָג געקלערט.
„טיעף איז איהר וועה —,
„די לוסט — נאָך טיעפער איידער הארצענס־לייד:
„וועה זאָגט: פאַרגעה!
„נאָר יעדע לוסט וויל אייביגקייט —,
„ — וויל טיעפע, טיעפע אייביגקייט!“

* *

*

דער צייכען

אָבער אויף מאָרגען נאָך אָט דער נאַכט איז זאַראַטוסטראַ אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, האָט זיך אָנגעגורט די לענדען, און איז אַרויסגעקומען פון זיין הייהל, גליהענד און שטאַרק, ווי אַ פריה־מאָרגען־זון, וואָס קומט אַרויף פון טונקעלע בערג.

„דו גרויסער שטערען, האָט ער געזאָגט, ווי ער האָט אַמאָל גערעדט צו איהר, דו טיפע אויג פון גליק, וואָס וואָלט געווען דיין גליק, ווען דו וואָלסט ניט געהאַט י ע נ ע, פאַר וועמען דו שיינסט!

און אויב זיי וואָלטען געבליבען אין זייערע קאַמערען, בעת דו ביסט שוין וואך און קומסט און שענקסט און טיילסט אויס: ווי וואָלט דיין שטאָלצע שעמעוודיגקייט געצאָרענט אויף דערויף!

זעהר וואויל! זיי שלאָפען נאָך, אָט די העכערע מענשען, בעת א י ך בין וואך: ד אָ ס זיינען ניט מיינע ריכטיגע וועג־חברים! ניט אויף זיי וואַרט איך דאָ אין מיינע בערג.

איך וויל זיין ביי מיין ארבייט, ביי מיין טאָג: אָבער זיי פאַרשטעהען ניט, וואָס עס זיינען די סמנים פון מיין אין־דער־פריה. מיין שריט איז פאַר זיי ניט קיין וועק־רוף.

זיי שלאָפען נאָך אין מיין הייהל, זייער חלום טרינקט נאָך פון מיינע באַטרונקענע ליעדער. דער אויער אָבער, וואָס זאָל זיך אין מ י ר איינהערען, — דער אויער, וואָס זאָל טאָן־פאָלגען, פעהלט נאָך ביי זייערע אברים.“

אָט דאָס האָט זאַראַטוסטראַ גערעדט צו זיין הארצען, בעת די זון איז אויפגעגאַנגען. דאָ האָט ער מיט אַ פרעגענדיגען בליק ארויפגעקוקט אין דער הויך, ווייל ער האָט דערהערט איבער זיך דעם שאַרפען רוף פון זיין אָדלער. „זעהר וואויל! האָט ער ארויפגערופען, אַזוי געפעלט דאָס מיר און אַזוי קומט דאָס מיר. מיינע חיות זיינען וואך, ווייל איך בין וואך.

מיין אָדלער איז וואך און גיט אָפּ כבוד דער זון אַזוי ווי איך. די אָדלער־קרעלען שטרעקט ער אויס נאָך דעם נייעם ליכט־שיין. איהר זייט מיינע ריכטיגע חיות; איך ליעב אייך.

— אָבער עס פעהלען מיר נאָך מיינע ריכטיגע מענשען!“ —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ; דאָ אָבער האָט פאַסירט, וואָס ער האָט פלוצלונג דערהערט, אַז ער איז אַרומגעשוויבעלט

און אַרומגעפלאַטערט פון פויגלען אָהן אַ צאָל, — דאָס אַרומ־רוישען פון אַזוי פיעל פליעגלען און די דרענגעניש אַרום זיין קאָפּ איז אָבער געוועזן אַזוי גרויס, אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגען. און באמת, פונקט ווי אַ וואָלקען איז דאָס אַראָפּגעפאַלען איבער איהם, פונקט ווי אַ וואָלקען פון פיילען, וואָס שיטען זיך אויס איבער אַ נייעם פיינד. אָבער זעה, דאָ איז דאָס געוועזן אַ וואָלקען פון ליעבע און איבער אַ נייעם פריינד.

„וואָס טוט געשעהן מיט מיר?“ האָט זאַראַטוסטראַ געטראַכט אין זיין פאַרפּלעפטען האַרצען און האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזען אויף דעם גרויסען שטיין, וואָס איז געלעגען נעבען זיין הייהל. אָבער, בעת ער האָט מיט די הענד אַרומגעפיהרט אַרום זיך און איבער זיך און אונטער זיך און האָט זיך געוועהרט פון די צאַרט־ליכע פויגעל, ערשט, דאָ האָט מיט איהם פּאַסירט נאָך אַ מעהר משונה'דיגע זאַך: מחמת זיינע הענט זיינען דערביי אומבאַמערקט אַריין אין געדיכטע וואַרעמע האָר־לאָקענס; און אין דערזעלביגער צייט האָט זיך דערהערט אַ געבריל, — אַ נעימות'דיגער לאַנגער בריל פון אַ לייב.

„ע ס ק ו מ ט ד ע ר צ י י כ ע ן“, האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט, און זיין האַרץ האָט זיך איבערגעביטען. און אין דער אמת'ן, אַז עס איז געוואָרען ליכטיג, איז געלעגען ביי זיינע פיס אַ געלע מעכטיגע חיה און האָט געטוליעט דעם קאָפּ צו זיינע קניע, און האָט איהם ניט געוואָלט פאַרלאָזען מחמת ליעבע און האָט זיך אויפגעפיהרט, פונקט ווי אַ הונט, וואָס האָט ווידער געפונען זיין האַר. די טויבען אָבער זיינען אין זייער ליעבע ניט געוועזן מיט יוּעניגער התמדה איידער דער לייב; און אַלע מאָל, ווען אַ טויב פלעגט פאַרבייפליהען פאַרביי דעם לייב'ס נאָז, פלעגט דער לייב אַ שאָקעל טאָן מיט'ן קאָפּ און פלעגט זיך וואונדערען און לאַכען דערביי.

צו די אַלע זאַכען האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט נאָר איין וואָרט:
„מ י י נ ע ק י נ ד ע ר ז י י נ ע ן נ אָ ה ע נ ט, מ י י נ ע

ק י נ ד ע ר“ —, דערנאָך איז ער געוואָרען גאַנץ שטום. זיין הארץ אָבער האָט זיך פאַנאַנדערגעעפענט, און פון זיינע אויגען האָבען אראָפּגעטראָפּענט טרערען און זיינען געפאַלען אויף זיינע הענט. און ער האָט קיין זאַך מעהר ניט געמערקט, און איז געזעסען, זיך ניט א ריהר צו טאָן און זיך ניט געוועהרט מעהר אנטקעגען די חיות. זיינען די טויבען ארומגעפלויגען ארום איהם און האָבען זיך געזעצט צו איהם אויף די אַקסלען און האָבען געצערטעלט זיינע ווייסע האָר און זיינען ניט מיעד געוואָרען מיט צערטליכקייט און פריידיגע התלהבות. דער שטאַרקער לייב אָבער האָט שטענדיג געלעקט די טרערען, וואָס פלעגען פאַלען אויף זאראַטוסטראַ׳ס הענט און האָט שעמעוודיג צוגעברילט און צוגעברומט דערצו. אזוי האָבען זיך אויפגעפיהרט אָט די חיות.

דאָס אַלץ האָט געוועהרט א לאַנגע צייט, אָדער א קורצע צייט: ווייל, באמת גערעדט, איז פאַר אזוינע זאַכען אויף דער ערד גאָר ניט שייך צו זאָגען צ י י ט. — בינו לבינו זיינען אָבער די העכערע מענשען אין זאראַטוסטראַ׳ס הייהל אויפגעשטאַנען פון שלאָף און האָבען זיך אין איינעם אויסגעשטעלט אין א צוג צו געהן אנטקעגען זאראַטוסטראַ׳ן און איהם גוט־מאָרגען־ביעטען: ווייל זיי האָבען דערזעהען, בעת זיי זיינען אויפגעשטאַנען, אַז ער איז שוין מעהר ניט געווען צווישען זיי. אַז זיי זיינען אָבער דערגאַנגען ביז צו דער טיר פון דער הייהל, און דער ליאַרעם פון זייערע שריט איז געלאָפען זיי אויף־א־פריהער, איז דער לייב מורא׳דיג נשתומם געוואָרען, האָט זיך מיט איין מאָל אָפגעקערט פון זאראַטוסטראַ׳ן און האָט זיך א לאָז געטאָן שפּרינגענדיג צו דער הייהל מיט א ווילדען געבריל; די העכערע מענשען אָבער, דערהערט זיין געבריל, האָבען אַלע א געשריי געטאָן ווי פון איין מויל און זיינען אנטלאָפען צוריק און זיינען פאַרשוואונדען.

זאראַטוסטראַ גופא אָבער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ. א באַטויבטער און פרעמדער, האָט זיך ארומגעקוקט, איז געשטאַנען א געפּלעפטער, האָט געפרעגט זיין הארצען, זיך אריינ־

געטראכט און איז געווען אליין. „וואס האב איך דאך געהערט, האט ער לסוף ארויסגערעדט געצויגען, וואס איז מיר געשעהן?“

און שוין איז געקומען צו איהם דער זכרון, און ער האט אין איין הרף־עין פארשטאנען אלץ, וואס עס האט זיך אפגעטאן צווי־שען נעכטען און היינט. „אט איז דאך דער שטיין, האט ער געזאגט און זיך געגלעט די בארד, אויף א י ה ם בין איך געזעסען נעכטען אין דער פריה; און דא איז צו מיר צוגעגאנגען דער וואהר־זאגער, און דא האב איך צום ערשטען מאל געהערט דעם געשריי, וואס איך האב נאר וואס געהערט, דעם גרויסען נויט־געשריי.

א איהר העכערע מענשען, וועגען א י י ע ר נויט האט דאך מיר נעכטען אין דער פריה דער וואהרזאגער נביאות געזאגט, —

— צו אייער נויט האט ער מיך געוואלט פארפיהרען און שטעלען אין א נסיון: א זאראטוסטרא, האט ער צו מיר געזאגט, איך קום צו פארפיהרען דיך צו דיין לעצטער זינד.

צו מיין לעצטער זינד? האט זאראטוסטרא אויסגערופען מיט א צארענדיגען געלעכטער פון זיינע אייגענע רייד: ו ו א ס איז פאר מיר געבליבען בעהאלטען ווי מיין לעצטע זינד?“

— און נאך א מאל איז זאראטוסטרא פארזונקען געווארען אין זיך גופא און האט זיך ווידער אנידערגעזעצט אויפ'ן גרויסען שטיין און האט גענומען טראכטען. פלוצלונג איז ער אויפגע־שפרונגען, —

„ר ח מ נ ו ת ה א ב ע ן! ד י ר ח מ נ ו ת א ו י ף ד ע ם ה ע כ ע ר ע ן מ ע נ ש ע ן!“ האט ער ארויסגעשריען און זיין פנים האט זיך פארוואנדעלט אין מעש. „גנוג־מילא! ד א ס — האט געהאט זיין צייט!

מיין לייד און מיין מיטלייד — וועמעס דאגה? טראכט איך דען וועגען מיין ג ל י ק? איך טראכט וועגען מיין ו ו ע ר ק!

זאל זיין מיט מזל! דער לייב איז געקומען, מיינע קינדער

זיינען נאָהענט, זאַראַטוסטראַ איז צייטיג געוואָרען, מיין שעה איז געקומען: —

דאָס איז מ י י ן פריה־מאָרגען, מ י י ן טאָג הויבט זיך אָן: איצט קום אַרויף, קום אַ ר ו י ף, ד ו ג ר ו י ס ע ה אַ ל ב ע ר ט אָ ג!" — —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ און האָט פאַרלאָזען זיין הייהל, אַ גליהענדער און שטאַרקער, ווי אַ מאָרגען־זון וואָס קומט אַרויף פון טונקעלע בערג.

*   *

*

דער סוף פון אַ ז ו י ה אָ ט ג ע ר ע ד ט ז אַ ר אַ ט ו ס ט ר אַ.

עליזאבעט פערסטער־ניטשע

די ענטשטעהונג

פון „אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא“.

דער „זאראטוסטרא“ איז דאס פערזענליכסטע ווערק פון מיין ברודער, די געשיכטע פון זיינע אינווענינגסטע הורכלעבונגען, זיינע פריינדשאפטען, זיינע אידעאלען, זיינע פרייד־עקסטאזען, זיינע ביטער אפגענארטע ערווארטונגען און ליידען. אבער איבער זיי אלעמען הויבט זיך אויף פארשיינענדיג דאס בילד פון זיין העכסטער האפענונג, פון זיין ווייטעסטען ציעל. די געשטאלט פון זאראטוסטרא האט פאר מיין ברודער געשוועבט זינט זיין פריהעסטער יוגענד; ער האט מיר אמאל געשריבען, אז ער האט זי שוין קינדווייז געזעהען אין חלום. אט א־דער טרוים־געשטאלט האט ער צו פארשיידענע צייטען געגעבען פארשיידענע נעמען; „לסוף אבער — שטעהט אין א שפעטערער נאטיץ — האב איך געמוזט אפגעבען דעם כבוד צו א פ ע ר ס י א נ ע ר. די פערסיאנער האבען פריהער פאר אלעמען נ ע ט ר א כ ט געשיכטע אין איהר גאנץ און איהר גרויס. א המשך פון ענטוויקלונגען. איטליכע ווערט פרעזידירט פון א נביא. איטליכער נביא האט זיין האזאר, זיין ממשלה פון טויזענט יאהר.“

די אידעען פון זאראטוסטרא טרעטען ארויס ביי מיין ברודער שוין זעהר פריה אין פארשיידענערליי פארקליידונג, אבער די גאנצע געשטאלט פון זאראטוסטרא האט זיך ביי איהם פארקערפערט צום ערשטען מאל אין ווינטער פון 1882-1883.

ער האט דורכגעלעבט טיעפע ענטטוישונגען אין דער פריינדשאפט, וואס ער האט געהאלטען אזוי הויך און הייליג, און צום ערשטען מאל האט ער דערשפירט אין איהר גאנצער שווערליכקייט יענע גרויסע פאראיינזאמונג, צו וועלכער אלץ, וואס איז גרויס, איז משמעות פאראורטיילט. זינט דער פריהעסטער יוגענד האט ער געבענקט נאך א פערפעקטען פריינד, וואס זאל איהם פארשטעהן אין גאנצען, און אין פארשיידענע פעריאדען פון זיין לעבען האט ער איהם אויך געפונען. איצטער אבער, ווען זיין וועג איז געווארען אלץ מעהר סכנות׳דיג און שארף־משופע, האט ער מעהר קיינעם ניט געפונען, וואס זאל קאנען געהן מיט איהם; האט ער

זיך אַליין בעשאַפען אַ פּערפעקטען פריינד אין דער אידעאַל־געשטאַלט פון דעם קעניגליכען פילאָסאָף און האָט געלאָזען איהם אויסרופען זיינע העכסטע און הייליגסטע ציעלען.

וועגען דעם ערשטען אויפליייכטען פון איינעם פון זיינע הויפּט־געדאַנקען, וואָס זאַראַטוסטראַ רופט אויס, שרייבט מיין ברודער אין בלעטער־פאַל 1888, אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפישער סקיצע, מיט דעם נאָמען “Ecce homo”: „די גרונט־קאָנצעפּציע פון דעם ווערק, דער געדאַנק פון דעם אייביגען ווידערקום, אָט די העכסטע פאָרמעל פון באַ־יאָ־הונג, וועלכע קאָן איבערהויפּט דערגרייכט ווערען, — געהערט אין דעם חודש אויגוסט פון דעם יאָהר 1881: ער איז אָנגעוואָרפען געוואָרען אויף אַ בלאַט פּאַפּיער, מיט דער אונטערשריפט: 6000 פוס פון יענער זייט מענש און צייט! אין יענע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען דורך די וועלדער ביי דער סילוואַפלאַנא־אַזיערע; ביי אַ מעכטיגען, פּיראַמידאַל אַרויפגעטורעמטען בלאָק, ניט ווייט פון סורליי האָב איך מיך אָפּגעשטעלט. דאָרטען איז מיר איינגעפאַלען דער געדאַנק.“ פון דעמאָלט אָן זיינען די אידעען אַלץ ווייטער געוואַקסען אין איהם, ווי מען זעהט דאָס פון זיינע נאָטיצען, און אין דעם אַפּאָריזם 341 פון זיין “gaya sciemza” *) געפינען מיר צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט אין דרוק דעם גרונט־געדאַנק פון זאַראַטוסטראַ, ווי אַז אַנדייט אויף דאָס, וואָס דאַרף שפּעטער קומען.

מיין ברודער שרייבט מיר וועגען דער ענטשטעהונג פון דעם ערשטען טייל זאַראַטוסטראַ: „דעם ווינטער 1882-83 האָב איך געלעבט אין יענער חן'עוודיגער שטילער בוכט פון ראַפּאַללאָ, ניט ווייט פון גענוא, וואָס שניידט זיך אַריין צווישען קיאַוואַרי און די פּאָרענט־בערג פון פּאָרטאָ פינאָ. מיין געזונט איז געווען ניט צום בעסטען; דער ווינטער — אַ קאַלטער און איבער די מאָסען אַ רעגנערישער; אַ קליינע אַלבערגאָ *), געלעגען האַרט ביים ים, אַזוי

*) „די פרעהליכע וויסענשאַפט“. (זש.)

*) אכסניה. (זש.)

אז די הויך־געהענדע וואלען האבען ביי דער נאכט געמאכט אונ־מעגליך דעם שלאף, איז כמעט אין אלע פרטים געווען דער היפוך פון דעם, וואס מען האט זיך געמענט ווינשען. למרות דעם און כמעט ווי א בעוויז פון מיין כלל אז יעדע ענטשלאסענע זאך קומט ארויס „למרות דעם", איז מיין זאראטוסטרא געבארען געווארען גראד אין דעם ווינטער און אין די אומגינסטיגסטע אומ־שטענדען. פאר האלבען טאג פלעג איך ארויפשטייגען צו דרום־צו אויף דעם פרעכטיגען וועג, וואס פיהרט אין דער הויך קין צאאגלי, פארביי פיניעס און מיט א ווייטען ארויסבליק אויף דעם ים, נאך האלבען טאג, אזוי אפט ווי די געזונט האט דאס ערלויבט, פלעג איך ארומגעהן די גאנצע בוכט פון סאנטא מארגעריטא ביז אהינטער פארטא פינא. אט דער ארט און אט די לאנדשאפט זיינען נאך נעהענטער געווארען צו מיין הארצען, א דאנק דער גרויסער ליעבע, וואס דער קיסר פרידריך דער דריטער האט געפיהלט צו זיי; איך בין אין הערבסט 1886 על פי צופאל ווידער געווען אויף אט דעם ים־ברעג, ווען ער האט אט די פארגעסענע קליינע וועלט פון גליק צום לעצטען מאל באזוכט. אט אויף דיביידע וועגען איז מיר איינ־געפאלען דער גאנצער זאראטוסטרא, קודם כל זאראטוסטרא גופא, ווי א טיפ; ריכטיגער געזאגט: ער איז אנגעפאלען אויף מיר..."

„דאס איז געווען מיין שווערסטער און קראנקסטער ווינטער, א־חוץ יענע צעהן טעג, וואס זיינען געווען גראד גענוג פאר מיר, איך זאל עפעס אויפטאן, און וואס צוליעב זיי האט זיך געלוינט מיין גאנצע שווערע און קראנקע עקזיסטענץ..." „דער שלום־אפ־שניט איז פארטיג געווארען פונקט אין יענער הייליגער שעה, אין וועלכער ריכארד וואגנער איז געשטארבען אין ווענעציע."

אט דער ערשטער טייל איז פאלש פארשטאנען געווארען כמעט פון אלעמען, וועמען ער האט איהם געגעבען: „פאר א סך זאכען, וואס איך האב געטראכט, האב איך קיינעם ניט געפונען צייטיג; דער זאראטוסטרא איז א בעוויז אז איינער קאן רײדען מיט דער גרעסטער דייטליכקייט, און ווערט פארט פון קיינעם ניט געהערט."

מיין ברודער איז פון אזא פאלש־פארשטעהן געווארען זעהר אראפ־
געפאלען, און אזוי ווי ער האט אין דערזעלביגער צייט, מיט א
גרויסער אנשטרענגונג פון זיין ווילענס־קראפט גענומען זיך ענט־
וואוינען פון דעם שלאף־מיטעל כלאראל־הידראט, האט דער קומענ־
דער פריהלינג 1883, וועלכען ער האט צוגעבראכט אין רוים, אנגע־
נומען א ביסעל אן אומעטיגען כאראקטער. ער שרייבט וועגען
דעם: „דערנאך איז געקומען א שווער־געמיטיגער פריהלינג אין
רוים, וואו איך האב קוים געשלעפט מיין לעבען — עס איז געווען
ניט גרינג. אין גרונט האט מיך אט דער ארט, דער אומאנשטענדיג־
סטער פאר דעם דיכטער פון זאראטוסטרא, וועלכען איך האב ניט
פרייוויליג אויסגעקליבען, פארדראסען אהן אן ערך; איך האב מיך
נעפרואווט ארויסרייסען, איך האב געוואלט קין אקווילא, דעם
היפך־באגריף פון רוים, וואס איז געגרינדעט געווארען אין שנאה
צו רוים, (ווי איך וועל ווען־עס־איז מיין ארט גרינדען), אן ער־
אינערונג אן נין אטעאיסט און א קירכען־פיינד comme il faut,
אן א נאהענטסטען קרוב מיינעם, דעם גרויסען האהענשטאופען —
קיסר פרידריך דעם צווייטען. אבער א שווערער שיקזאל איז גע־
האנגען איבער אט דאס אלץ. איך האב געמוזט ווידער קומען
צוריק. לסוף האב איך מיך צופרידען געשטעלט מיט דער פיאצא
בארבעריני, נאך דעם, ווי מיינע באמיהונגען וועגען אן אנטי־קריסט־
ליכער געגענד האבען מיך אויסגעמאטערט. איך האב מורא, אז כדי
אויסצומיידען אויף וויפיעל מעגליך די שלעכטע גערוכען, האב
איך אין דעם פאלאצא דעל קווירינאלא גופא זיך נאכגעפרעגט,
צי איז דארטען אפשר דא א שטילער צימער פאר א פילאסאף.
אויף א לאדזשיא, הויך איבער דער דערמאנטער פיאצא, פון וועל־
כער מען האט אן איבערבליק איבער רוים און מען הערט, ווי טיעף
אונטען רוישט די פאנטאנא, איז געדיכטעט געווארען יענע איינ־
זאמסטע ליעד, וואס איז ווען עס איז געדיכטעט געווארען, דאס
נאכט־ליעד; ארום יענער צייט האט זיך ארום מיר שטענדיג ארומ־
געטראגען א מעלאדיע פון אומבאשרייבליכען שווער־נעמיס, וואס

איהר רעפרעין האָט איך ווידער געפונען אין די ווערטער: „טויט פאַר אומשטאַרבליכקייט“.

אין יענעם פריהלינג זיינען מיר אַ ביסעל צו לאַנג פאַרבליבען אין רוים, און אונטער דעם איינפלוס פון דעם דריקענד-הייסען וועטער, וואָס איז בינו-לבינו אריינגעטרעטען און פון דער שוין אויבען דערמאָנטער אַראָפּגעפאַלענקייט, האָט מיין ברודער באַשלאָסען, איבערהויפּט ניט צו שרייבען מעהר, על-כל-פּנים ניט דעם המשך פון זאַראַטוסטראַ, הגם איך האָב מיך אָנגעבאָטען, צו פאַרשפּאַרען איהם יעדע טרחה בנוגע דרוק און פאַרלאַג. אַז מיר האָבען זיך אָבער צוריקגעקערט אין שווייצאַריע אין סוף יוני און ער האָט ווידער גענומען לעבען אין דער היימיש-געוואָרענער, חיות'דיגער באַרג-לופט, איז אויפגעוועקט געוואָרען זיין גאַנצע פריידיגע שאַפונגס-קראַפט, און כדי מיך צו-צו-גרייטען אויף אַ קומענדיגען מאַנוסקריפּט, האָט ער מיר געשריבען: „איך האָב מיך דאָ איינגעקוואַרטירט אויף 3 חדשים: בפועל ממש, איך בין דער גרעסטער טערעך, וואָס איך לאָז מיך אוועקנעמען דעם מוט דורך דער איטאַליענער לופט. צייטענווייז שווימט אין מיר אַרויף דער געדאַנק: וואָס וועט זיין נאָכדעם? מיין „צוקונפט“ איז פאַר מיר די טונקעלסטע זאַך אין דער וועלט; אַזוי אָבער ווי איך האָב נאָך אַ סך פאַרטיג צו מאַכען, דאַרף איך טראַכטען נאָר וועגען אָט דעם פאַרטיג מאַכען, ווי וועגען מיין צוקונפט און דעם רעשט איבערלאָזען ד י ר און די געטער“.

דער צווייטער טייל זאַראַטוסטראַ איז געשריבען געוואָרען צווישען דעם 26-טען יוני און דעם 6-טען יולי. „זומער, אהיים זיך אומגעקערט צו דעם הייליגען אָרט, וואו דער ערשטער בליץ פון דעם זאַראַטוסטראַ געדאַנק האָט מיר אַ לייכט געטאָן, האָב איך געפונען דעם צווייטען זאַראַטוסטראַ. צעהן טעג איז געווען גענוג. איך האָב אין קיין פאַל ניט געדאַרפט האָבען מעהר: ניט ביים ערשטען, ניט ביי דעם דריטען און לעצטען טייל.“

ער האָט אָפט גערעדט וועגען דעם פריידיג-עקסטאַטישען צר

שטאַנד, אין וועלכען ער האָט געשריבען זאראטוסטרא; ווי אזוי ער פלעגט אין זיינע וואנדערונגען בארג־ארויף און בארג־אראָפּ פּשוט בעפאַלען ווערען פון דער פוילקייט פון זיינע געדאַנקען און האָט נאָר געקאָנט מאַכען מיט א בלייפען האסטיגע נאָטיצען אין זיין טאַשען־בוך, וועלכע ער פלעגט דערנאָך, קומענדיג אהיים, איבערשרייבען מיט טינט ביז אין דער האַלבער נאַכט אריין. ער שרייבט צו מיר אין א בריעף: „דו קאָנסט דיר ווענען דער וועהעמענץ פון אזעלכע ענטשטעהונגען ניט גרינג מאַכען א צו גרויסען באַגריף", און אין א ליידענשאַפטליכער בעגייסטערונג שילדערט ער אין די אוטאָביאָ־גראפישע סקיצען (בלעטער־פאל 1888) די אומפארגלייכליכע שטי־מונג, אין וועלכער דער זאראטוסטרא איז געשאַפען געוואָרען:

„— האָט ווער עס איז אין דעם סוף פון דעם ניינצעהנטען יאָהר־הונדערט, א דייטליכען באַגריף וועגען דעם וואָס די דיכטער פון שטאַרקע עפּאָכען האָבען גערופען אינספּיראַציע? אויב ניט, וועל איך דאָס בעשרייבען. מיט דעם קלענסטען רעשט פון אבערגלויבען אין זיך וועט מען קוים קאָנען בפועל אוועקטרייבען פון זיך די פאָרשטעלונג, אז מען איז ניט מעהר ווי א פאָרקערפּערונג, ניט מעהר ווי א מויל־געצייג, ניט מעהר ווי א מעדיאום פאַר איבער־מעכטיגע געוואַלטען. דער באַגריף ענטפּלעקונג אין יענעם זין, אז פּלוצלונג דערזעהט מען און דערהערט מען מיט אומבאַשרייבליכער זיכערקייט און שאַרפקייט עפּעס אזוינס, וואָס טרייסעלט אויף איי־נעם אין דער טיעפסטער טיעף און וואָרפט איהם אנידער, איז א פּשוטע בעשרייבונג פון דעם פאַקט. מען הערט, — מען זוכט ניט; מען נעמט, — מען פרעגט ניט, ווער עס גיט; ווי א בליץ לויכט אויף א געדאַנק, מיט נויטווענדיגקייט אין דער פאָרם אָהן אן איבער־קלער, — איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין אנדער ברירה. א פריידיגע התלהבות, וואָס איהר אומגעהויערע אָנגעשפּאַנטקייט ווערט אָפּגעלאָזען אין א שטראָם פון טרערען; וואָס איהר שריט טוט אומגעוואָלטערהייד אָט שטורעמען, אָט ווערען לאַנגזאַם; א זיין דורכאוים אויסער זיך מיט דעם קלאָרסטען באוואוסטזיין פון

אָהן אַ צאָל דינע שווידערס און הויט־ציטערען ביז אין די פוס־פינגער; אַ גליק־טיזעפקייט, אין וועלכער דאָס וועהטינסטע און פיינסטערסטע ווירקט ניט ווי אַ היפּך, נאָר ווי באַדינגט, ווי ארויסגעפאָדערט, ווי אַ נויטוועגדיגע פאַרב אינוועניג אין אזא שפע פון ליכטשיין; אַן אינסטינקט פון ריטמישע פּראָפּאָרציעס, וואָס איבערשפּאַנט ווייטע מהלך׳ען פון פאָרמען (די לייננ, די באַדערפעניס אין אַ ווייט געשפּאַנטען ריטם איז כמעט די מאָס פאַר דער געוואַלטיגקייט פון דער אינספּיראַציע, אַ מין אויסגלייך אַנטקעגען איהר דרוק און שפּאַנונג). אַלץ קומט פאַר אומפרייוויליג אין דעם העכסטען גראַד, אָבער ווי אין אַ שטורעם פון אַ פרייהייטס־געפיהל, פון זיין אומבאַדינגט, פון מאַכט, פון געטליכקייט. די אומפרייוויליגקייט פון דעם בילד, פון דעם משל איז דאָס מערקווירדיגסטע; מען האָט מעהר קיין השגה ניט וועגען דעם, וואָס איז בילד, וואָס איז משל; אַלץ באָט זיך אָן ווי דער נאָהענטסטער, דער ריכטיגסטער, דער פּשוט׳סטער אויסדרוק. עס דוכט זיך אוים בפּועל ממש, — צו דערמאָנען זאַראַטוסטראַ׳ס אַ וואָרט, — פּונקט ווי די זאַכען גופא קומען אריין און וואָלטען וועלען ווערען אַ משל: דאָ קומען אַלע זאַכען צו דיין גערייד און גלעטען דיך און חנ׳דלען זיך, ווייל זיי ווילען רייטען אויף דיין רוקען. אויף יעדע משל רייטסטו דאָ צו יעדען אמת. דאָ פּראַלען האַסטיג פאַר מיר אויף אַלע ווערטער פון דעם זיין און אַלע אוצרות פון די ווערטער. יעדער זיין וויל דאָ ווערען וואָרט, יעדער ווערען וויל דאָ זיך לערנען ריידען פון מיר. — דאָס איז מיין ערפאַהרונג פון אינספּיראַציע; איך בין ניט מסופק, אַז מען דאַרף געהן צוריק יאָהר־טויזענטער, כדי צו געפינען איינעם, וואָס טאָר מיר זאָגען: דאָס איז אויך מיין ערפאַהרונג! —"

אין פעבּרואַר־מאַרץ 1883 איז מיין ברודער געקומען פון ענגאַדין אויף איינינע וואָכען קיין דייטשלאַנד און אין דעם קומענדען ווינטער האָט ער, נאָך פאַרשיידענערליי אומזיסטע ארומוואַנדערונגען איבער שטרעזא, גענוא און שפּעציא, זיך אָפּגעשטעלט אין ניצצא,

וואו ער האָט זיך, א דאַנק דעם דאָרטיגען קלימאַט, געפֿיהלט אַזוי גליקליך אָנגערעגט, אַז ער האָט בעשאַפֿען דעם דריטען טייל זאַראַטוסטרא: „אין דעמזעלביגען ווינטער אונטער דעם האַלקיאָנישען הימעל פֿון ניצצא, וואָס האָט יעמאָלט צום ערשטען מאָל אריינגעגלאַנצט אין מיין לעבען, האָב איך געפֿונען דעם דריטען זאַראַטוסטרא — און בין געווען פֿאַרטיג. קוים א יאָהר, גערעכענט אויף דאָס גאַנצע. א סך פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך און הויכען פֿון ניצצא'ס לאַנדשאַפֿט זיינען פֿאַר מיר געהייליגט דורך אומפֿאַרגעסליכע מאָמענטען; יענער ענטשיידענער אָפּשניט, וואָס טראָגט דעם טיטעל „וועגען אַלטע און נייע לוחות“ איז געדיכטעט געוואָרען אין די שיווערסטע ארויפֿשטייגונגען פֿון דער סטאַנציע צו דעם וואונדערבאַרען מאַווריטאַנישען פֿעלזען-נעסט עזא, — די מוסקעל-פֿלינקקייט איז ביי מיר תמיד געווען אויף דער גרעסטער מדרגה, ווען די באַשעפֿערישע קראַפֿט איז אויף'ן רייכסטען אופֿן געפֿלאָסען. דער לייב איז בעגייסטערט: לאָמיר ארויסלאָזען די „נשמה“ פֿון קאָן. — מען האָט מיך אָפֿט געקאָנט זעהען טאַנצענדיג; איך האָב יעמאָלט געקאָנט זיין אונטערוועגענס אין די בערג א זיבען, אכט שעה אָהן א באַגריף פֿון איינגעמאַטערטקייט. איך פֿלעג שלאָפֿען גוט, איך האָב א סך געלאַכט, — איך בין געווען פֿאָלקאָם געזונט און געדולדיג“.

פֿון די דריי ערשטע טיילען זאַראַטוסטרא איז אויף אַזאַ'ן אופֿן יעדער איינער, ווי שוין געזאָגט, פֿאַרטיג געוואָרען, נאָך א לענגערער אָדער קירצערער צוגרייטונג, אין אַן ערך צעהן טעג. דער ערשטער טייל אָנהויב פֿעברואר 1883 אין ראַפּאַללאַ, דער צווייטער טייל פֿון סוף יוני ביז אָנהויב יולי 1883 אין סילס-מאַריא, דער דריטער טייל סוף יאַנואר 1884 אין ניצצא.

נאָך דער פֿערטער טייל איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט איינינגע הפסקות. די ערשטע נאָטיצען זיינען אָנגעשריבען געוואָרען בשעת מיר האָבען זיך אין איינעם אָפּגעשטעלט אין צוריך אין סעפּטעמבער 1884; דערנאָך איז געקומען די ערשטע אויסאַרבייט

טונג נאָוועמבער 1884 אין מענטאָן, און נאָך א לענגערער פּויזע איז דער דרוק־מאַנוסקריפּט פון אַט דעם טייל פאַרענדיגט געוואָרען אין ניצצא צווישען סוף יאַנואר ביז אן ערך מיטען פעברואר 1885. מיין ברודער האָט איהם יעמאָלט א נאָמען געגעבען: דער פערטער און לעצטער טייל; אָבער שוין אין א קורצער צייט נאָך'ן אָפּדרוקען שרייבט ער מיר פון ווענעציע אין מאי 1885, אז ער וויל שרייבען נאָך א פינפטען און זעקסטען טייל, פאר וועלכע עס זיינען נאָך ביי איהם דאָ דיספּאָזיציעס. אויך פון דעם פריהלינג און שפּעט־הערבסט 1884 זיינען דאָ פּלענער פאר דער פאָרטזעצונג פון זאראַטוסטרא אין דריי טיילען; וועגען דעם איז באריכות בעריכטעט געוואָרען אין דעם צוועלפטען באנד פון די געזאמעלטע ווערק און אין דעם שלוס־באנד פון דער ביאָגראַפיע: „דאָס לעבען פריעדריך ניעטצשע'ס."

אויך דער פערצענטער באנד פון די געזאמעלטע ווערק און איבערגעלאָזענע שריפטען פרידריך ניעטצשע'ס ברענגט פּלענער און געדאנקען־גאנגען אויס דער צייט, ווען זאראטוסטרא איז ענטשטאַנען, וואָס קאָנען העלפען בעסער צו פארשטעהן זיינע הויפּט־געדאנקען. דער פערטער טייל איז סוף ווינטער 1885 געדרוקט געוואָרען נאָר אין 40 עקזעמפּליארען, ווי א מאנוסקריפּט, און איז באַשטימט געווען פאר א מתנה פאר זיינע פריינד: „פאר אזוינע, וואָס האָבען דאָס ביי איהם פארדיענט". נאָר זיעבען עקזעמפּליארען האָט ער געהאַט די געלעגענהייט צו פארשענקען לויט אַט דעם שטאנד־פּונקט, — אזוי איינזאַם, אזוי אומפארשטאַנען איז ער דעמאָלט געווען. אַט דער פערטער טייל איז פּסח־צייט 1892 — דריי יאָהר נאָך דעם ערשטען פּריוואַטען אָפּדרוקען — פארעפענטליכט געוואָרען, ווען די דאָקטוירים האָבען דערקלערט, אז דאָס ווידער־געזונט ווערען פון דעם מחבר איז אויסגעשלאָסען.

שוין אין דעם אָנהויב פון אַט דער ענטשטעהונגס־געשיכטע האָב איך געשילדערט די טעמים, וואָס האָבען געבראַכט מיין ברודער דערצו, אז א פערסיאַנער זאָל פארקערפּערען די אידעאַל־געשטאַלט

פון זיין קעניגליכען פילאסאף; פאר וואס דאס האט אבער גראד געמוזט זיין זאראטוסטרא, וועמען ער לייגט זיין נייע לעהרע אין מויל אריין, דאס זאגט ער אונז אין די פאלגענדע ווערטער:

„מען האט ביי מיר ניט געפרעגט, מען האט אבער געדארפט ביי מיר פרעגען, וואס דער נאמען זאראטוסטרא באטייט גראד אויף מיינע ליפען, אויף די ליפען פון דעם ערשטען איממאראליסט: ווייל דאס, אין וואס עס באשטעהט די אונגעהויערע איינציגקייט זאראטוסטרא׳ס אין דער געשיכטע, איז גראד דער היפך דערפון. ערשט זאראטוסטרא האט געזעהן אין דעם קאמף צווישען טוב און רע די אייגענטליכע ראד וואס טרייבט אלע זאכען, — די איבערזעצונג פון דער מאראל אין דער מעטאפיזיק, ווי א קראפט, אן אורזאך, א צוועק אין זיך גופא, איז ז י י ן ווערק. אבער די פראגע וואלט שוין אין גרונט געווען אויך דער ענטפער. זאראטוסטרא האט בעשאפען יענעם שיקזאל־שווערסטען טעות, די מאראל. ממילא מוז ער אויך זיין דער ערשטער, וואס זעהט איהם איין. ניט נאר דערפאר, וואס ער האט דא א לענגערע און גרעסערע ערפאהרונג ווי ווער עס איז אן אנדער דענקער — די גאנצע געשיכטע איז דאך די עקספערימענטאל־אפפרעגונג פון דעם זאץ פון דער אזוי אנגערופענער „מאראלישער וועלט־ארדנונג“: — וויכטיגער איז, וואס זאראטוסטרא איז וואהרהאפטיגער איידער ווער עס איז אן אנדער דענקער. זיין לעהרע, און נאר זי, האט די וואהרהאפטיגקייט, ווי די אויבערסטע טוגענד — דאס הייסט דעם היפך צו דער פ ח ד נ ו ת פון דעם „אידעאליסט“, וואס מאכט די פליטה פאר דער רעאליטעט; זאראטוסטרא האט מעהר קוראזש אין לייב איידער אלע דענקער אין איינעם. זאגען דעם אמת און ג ו ט ש י ע ס ע ן מ י ט פ י י ל ע ן: דאס איז די פערסישע טוגענד. פארשטעהט מען מיך?... דאס זיך־גופא־בייקומען פון דער מא״אל מחמת וואהרהאפטיגקייט, דאס זיך־גופא־בייקומען פון דעם מאראליסט אין זיין היפך, — אין מיר —: אט דאס באטייט אויף מיינע ליפען דער נאמען זאראטוסטרא“.

ניעטצשע־ארכיוו. הערבסט 1905.

פאַר ווערטער וועגן דער איבערזעצונג.

אין א בריעף צו א סקאנדינאווישען שריפטשטעלער שרייבט חענריק איבסען:

„איך מיין, אז א געדיכט דארף אזוי איבערזעצט ווערען, אקוראט ווי דער מחבר אליין וואָלט עס געדיכטעט, ווען ער וואָלט געהערט צו דעם פאָלק, פאר וועלכען עס ווערט איבערזעצט“.

דאָס איז געוויס זעהר א געזונטער און פארנינפטיגער פרינציפּ, און דערצו א דורך און דורך נ א צ י אָ נ א ל ע ר. איך ווייס אָבער ניט, צי ער מעג אין דער איצטיגער צייט זיין דער א ל י י ן - ה ע ר ש ע נ ד ע ר אין דער א י ד י ש ע ר איבערזעצונגס־קונסט.

דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק און די געדאנקען־וועלט פון דעם אידישען פאָלק זיינען אזוי פ א ר ש י י ד ע ן פון דעם לעבען און דער געדאנקען־וועלט פון די מאָדערנע אייראָפּעאישע פעלקער, אז גראָד אין א קונסט־ווערק וואָלט די איבערזעצונג אָפט־מאָל געמוזט אזוי ווייט אָפּשטעהן פון דעם אָריגינאַל, אז קיינער וואָלט איהם ניט געקאָנט דערקענען אין איהר.

עס איז דעריבער אין אונזער ליטעראטור ארויסגעוואקסען אויך אַן אנדער טענדענץ, — פּונקט דער היפּך פון דעם אויבען־דערמאָנטען פּרינציפּ: איבערזעצען אַן אייראָפּעאיש ווערק אזוי, אז ניט נאָר דער אייגענארטיגער סטיל פון דעם מחבר, נאָר אויך די גאנצע ניט־אידישע שפּראַך־אטמאָספערע פון דעם ווערק זאָל וואָס נעהענטער געבראכט ווערען פאר די אויגען פון דעם אידישען לעזער.

עס שפּיעלט דערביי א ראָליע דער בארעכטיגטער וואונש, ברייטער צו מאכען דעם האָריזאָנט פון דער אידישער לעזער־וועלט און אריינפיהרען זי אין די שעהנקייטען פון א פרעמדער שפּראַך־ספערע.

אָט דער פרינציפּ איז אָבער פארבונדען מיט א גרויסער סכנה: עס קאָנען צו לייכט דערביי פארלאָרען געהן די נ א ט י ר־ל י כ ק י י ט און די א י נ ט י מ י ט ע ט, וואָס דארף הער־

שען צווישען דעם ווערק און די לעזער. מען געפינט זיך, ווי אין אַ פרעמדער, זעלטזאַמער לאַנדשאַפט, וואָס קאָן דערוועקען נאָר די נייגיער, זי איינמאָל אָנצוקוקען, אָבער ניט דעם באַגעהר, זיך צו באַזעצען אין איהר, זיך איינצולעבען אין איהר. און אַזוי ווי דאָס ווערק ווערט דאָך פאָרט געגעבען אין אידיש, נאָר אין אַ פאַר׳גוי׳אישטען אידיש, קאָן מען זיך ביים לייענען אָפטמאָל ניט איינהאַלטען פון דער אומבאַוואוסטזיניגער קריטישער באַמערקונג: „ס׳אַ מין לשון דער מענש רעדט דאָס!“

דער אידעאַל פון אַן איבערזעצונג אין אידיש וואָלט דעריבער געווען אַזאַ: אין דעם פונדאַמענט דאַרף אַוועקגעלייגט ווערען דער איבסען׳שער פרינציפּ — איבערזעצען אַזוי, אַקוראַט ווי דער מחבר וואָלט דאָס לכתחלה געשריבען אין אידיש פאַר אַ אידישען לעזער — און האָבענדיג תמיד אין אויג אָט דעם גרונט־כלל, זיך מיהען אַריבערצוטראָגען אין אידיש דעם גאַנצען שפּראַך־אוצר פון דעם אָריגינאַל, און דערביי, — אויף וויפיעל עס לאָזט זיך, אָהן געוואַלט, — זעהען, אַז די איבערזעצונג זאָל מאַכען אויך דעמזעלבען שפּראַכליכען איינדרוק, וועלכען דער טעקסט לאָזט איבער ביי דער ניט־אידישער לעזער־וועלט.

אָט צו דעם אידעאַל האָב איך געשטרעבט אין מיין איבערזעצונג פון ניטשע׳ס „זאַראַטוסטראַ“. און אויב אָט דער אידעאַל איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען, זיינען אין דעם שולדיג, נאָך מיין מיינונג נאָך, נאָר פיער אומשטענדען (אויב מען זאָל אַראָפּוואַרפען פון חשבון מיין אייגענע פּערזענליכע פעהיגקייט אָדער אומפעהיגקייט צו אָט דעם מין אַרבייט).

קודם איז דאָס, אַזוי צו זאָגען, „דער ערשטער אָפּגוס“. רעכענט מען זיך מיט דער אייגענטימליכקייט און שפּראַכליכער פיינקייט פון דעם אָריגינאַל, מוז מען אפשר אָננעמען, אַז קיין איבערזעצער וואָלט ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַ פולקומענע איבערזעצונג גלייך צו דעם ערשטען מאָל. דער רוסישער איבערזעצער, צ. ב., האָט אין משך פון מעהרערע אויפלאַגען געאַרבייט אויף דעם ווערק ניט ווייניגער ווי ניי עז

אהר.

צוויטענס אבער קאן קיין איינצעל־מענש ניט באזיצען דעם גאנצען שפראך־אוצר פון זיין אייגענעם לשון, און אויך דעם טייל, וואס ער פארמאגט, קאן ער ניט האבען שטענדיג אנגעגרייט א פארטיגען אין זכרון. עס האט שוין מיט מיר ניט איין מאל פאסירט, אז ווען א טייל מאנוסקריפט איז שוין געווען אפגעפארטיגט מיט אלעמען צום דרוק, פלעג איך מיך דער־מאהנען אן א פאסענדען אידישען ווארט, וועלכען איך וואלט גע־קאנט אנווענדען, כדי איבערצוגעבען די ספעציפישע שאטירונג פון דעם טעקסט.

די ניט־אידישע איבערזעצער העלפען זיך אין אזא פאל מיט די צאהלרייכע ווערטערביכער, אין וועלכע די שפראך־אוצרות זיינען „עקספראפריאירט" געווארען פון די איינצעלנע בא־לאבאטים און „נאציאנאליזירט" געווארען פאר יעדען איינעם פון דעם פאלק. מיר האבען נאך ניט אזעלכע ווערטערביכער.

דערצו קומט דער אייגענארטיגער כאראקטער פון דעם „זא־ראטוסטרא"־סטיל. ער איז געשריבען געווארען אויף א שטייגער, וואס דארף מאכען דעם איינדרוק פון אן אלט־אריענטאלישען, כמעט ביבלישען. ניטשע ווענדט דעריבער זעהר זעלטען אן מאדערנע ווערטער, אריבערגענומענע פון דעם אלוועלטליכען לא־טיינישען און גריכישען שפראך־אוצר. זיין ענגלישער איבערזע־צער האט ניט געקוקט דערויף און האט געשאטען אויף רעכטס און אויף לינקס מיט לאטיינישע און גריכישע אויסדרוקען, וואס געפינען זיך אין דער מאדערנער ענגלישער שפראך. איך האב געפיהלט, אז אין אידיש וואלט דערביי אין גאנצען פאר־לארען געגאנגען דער אנטיקווירטער סטיל, וואס קאן אפטמאלם גאנץ ריין איבערגעגעבען ווערען נאר אין יענעם כאראקטערים־טישען און רייכען „צאינה וראינה"־לשון, וועלכער איז אונז, מא־דערנע אידישע שרייבער, ליידער שוין פרעמד געווארען. אויף אזא'ן אופן האב איך זיך געמוזט אפזאגען פון א גאנצען קוואל ווערטער און אויסדרוקען, וואס וואלטען מיר לייכטער געמאכט די פיינקטליכע אריבערטראגונג פון דעם געדאנק.

ושל בולם דארף מען אויך ניט פארגעסען, אז די איבערזעצונג

איז געמאַכט געוואָרען פון ד י י ט ש. עס איז ידוע לכל אנשי שלומינו, אַז די שווערסטע זאַך צו איבערזעצען אין אַ ג ו ט ע ן אידיש, איז — פון דייטש.

דאָס אַלץ ברענג איך אַרויס צוליעב דעם, כדי מען זאָל די חטאים פון דער איבערזעצונג חלילה ניט וועלען אַרויפוואַרפען אויף אונזער א י ד י ש ע ר ש פ ר אַ ך, פאַר וועמעס אינוועניגסטער שעהנקייט און רייכקייט עס זיינען נאָך אַזויפיעל אידישע אויגען אַזוי פאַר'עקשן'ט בלינד.

אין דעם משך פון דער אַרבייט איז מיר געוואָרען קלאָר, אַז אונטער אַנדערע אומשטענדען — און אפשר אויך אין בעסערע הענט — וואָלט אַ „זאַראַטוסטראַ"־איבערזעצונג געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען אַ סך אַ גלענצענדערען שפּראַך־רייכטום, איידער דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען, און עס וואָלט יעמאָלט יעדען איינעם געוואָרען קלאָר, אַז דער „קעניגליכער זאַראַטוסטראַ" וואָלט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען מיט דעם נייעם שפּראַך־מאַנטעל, וואָס איז אַרויפגעוואָרפען געוואָרען אויף זיינע קעניגליכע אַקסלען.

די פריידיגע שטונדען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם דיכטערישען דענקער, זיינען אַלע מאָל נאָך פאַרשיינט געוואָרען דורך דעם תענוג פון מיין ליעבע צו אונזער לשון און דעם געשטאַרקטען גלויבען אין דער באַרוישענד־גלענצענדער צוקונפט, וואָס וואַרט אויף איהם, אויב עס זאָל זיך אונז איינגעבען, צו פאַרוואָרענען איהם מיט יענע „עקסיסטענץ־מיטלען", וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ שפּראַך: אַן אייגען לאַנד און די ליעבע פון פאָלק.

וואָס איז שייך דעם א י נ ה אַ ל ט פון דעם זאַראַטוסטראַבוך, איז דאָ אַ ס ך וואָס צו ריידען וועגען דעם. בשום אופן ניט מיט אַלץ קאָן מען מסכים זיין ביי ניטשע'ן. אַ סך פסולת פון אונזער קולטור האָט זיין פייער־גייסט אויסגעברענט, אָבער זיין פייער האָט אויך געוואָלט פאַרכאַפּען אַזוינס, וואָס געהערט בשום אופן ניט צו די פ ס ו ל ת, נאָר דוקא צו די העכסטע אוצרות פון דער נייער מענשליכער קולטור, ווי צ. ב. דער סאָציאַליזם, דער רחמנות־געפיהל און די ליעבע צו דעם מ ע נ ש ע ן. פון דער אַנדער זייט האָט ער געלאָזען אומבאַריהרט אַזעלכע — זאָל ער מיר מוחל זיין — באַרבאַרישע אידעאַלען, ווי פיזישע קריעג

און די הערשאפט פון א העכערער קאסטע, א „נייער" אריסטאָקראַטיע.

אין „זאראטוסטרא" גופא איז דאָ גענוג געדאנקען־מאטעריאַל, מיט וועלכען מען קאָן פארריכטען זיינע ביידע טעות'ן. עס איז אָבער ניט דאָ דער אָרט צו ריידען וועגען דעם באריכות.

על־כל־פנים, קאָן קיין ברעקעל ספק ניט זיין, אז ניטשע'ס פילאָסאָפישע פּאָעמע: „זאראטוסטרא" געהערט צו יענע ווערק פון דעם מאָדערנעם ראדיקאַלען געדאנק, וואָס טאָרען ניט פעהלען אין קיין מאָדערנער ליטעראַטור.

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

בראָנקסוויל, נ. י., דעצעמבער 1919.

אינהאלט:

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא

ערשטער טייל

זאראטוסטרא׳ס הקדמה

זאראטוסטרא׳ס הקדמה — 9

זאראטוסטרא׳ס רעדע.

וועגען די דריי גלגולים — 33
וועגען די לעהר־שטעגדערס פון טוגענד — 36
די מענשען פון דער הינטער־וועלט — 39
וועגען די, וואס פאראכטען דעם גוף — 43
פריידענשאפטען און ליידענשאפטען — 46
וועגען דעם בלייכען פארברעכער — 48
וועגען שרייבען און לייענען — 52
וועגען דעם בוים אויפ׳ן בארג — 54
די, וואס פריידיגען דעם טויט — 58
קריעג און קריעגס־לייט — 60
דער נייער אפגאט — 63
די פליעגען אויף דעם מארק־פלאץ — 66
פרישות — 70
דער פריינד — 72
טויזענד און איין ציעל — 75
די ליעבע צו דעם אנדערען — 78
דער וועג פון דעם שאפענדען — 80
אלטע און יונגע ווייבערלעך — 84
דער בים פון דער נאטער — 87
דאס קינד און דער זיווג־בונד — 89
דער פרייער טויט — 92
די טוגענד, וואס שענקט — 97

צווייטער טייל.

דאָס קינד מיט דעם שפּיגעל 107
אויף די גליקזעליגע אינזלען 111
די בעלי רחמים 114
די פּריעסטער 118
די רעכטשאַפענדע 121
דער ערב־רב 126
די טאַראַנטעלען 129
די באַריהמטע תלמידי חכמים 133
דאָס נאַכט־ליעד 137
דאָס טאַנץ־ליעד 140
דאָס קברים־ליעד 143
די גבורה איבער זיך גופא 147
די דערהויבענע 152
דאָס לאַנד פון בילדונג 155
די אומבאַפלעקטע דערקענטניס 159
די געלערנטע 163
די פּאָעטען 166
גרויסע פּאַסירונגען 170
דער וואָהרזאָגער 175
די גאולה 180
מענשען־קלוגשאַפט 187
די שטילסטע שעה 191

דריטער טייל

דער וואַנדערער 199
די זעהונג און די רעטעניש 204
די גליקשאַפט להיפוך דעם אייגענעם ווילען 211
פאַר זון־אויפגאַנג 216
די טוגענד, וואָס מאַכט קלענער 221
אויף דעם אוילבערט־באַרג 229
דאָס פאַרבייגעהן 233
די אַפּטריניגע 238

דאָס קומען אהיים — — — — — — — — — — — — — — 243
די דריי שלעכטע זאכען — — — — — — — — — — — — 249
דער גייסט פון שווערקייט — — — — — — — — — — — 256
אַלטע און נייע לוחות — — — — — — — — — — — — 262
דער געזונד־ווערענדער — — — — — — — — — — — — 290
די גרויסע בענקשאַפט — — — — — — — — — — — — 299
דאָס אנדער טאַנץ־ליעד — — — — — — — — — — — — 303
די זיעבען חתימות — — — — — — — — — — — — — 309

פיערטער און לעצטער טייל

דער האָניג קרבן — — — — — — — — — — — — — 317
א געשריי אין נויט — — — — — — — — — — — — 321
א געשפּרעך מיט די מלכים — — — — — — — — — — 327
די פּיאַווקע — — — — — — — — — — — — — — 332
דער צויבערער — — — — — — — — — — — — — — 338
ארויס פון דיענסט — — — — — — — — — — — — — 347
דער מיאוסער מענש — — — — — — — — — — — — — 353
דער פריייוויליגער בעטלער — — — — — — — — — — 360
דער שאָטען — — — — — — — — — — — — — — — 366
אין האַלבען טאָג — — — — — — — — — — — — — 371
די באַגריסונג — — — — — — — — — — — — — — 375
די אָווענד־מאָלצייט — — — — — — — — — — — — 382
דער העכערער מענש — — — — — — — — — — — — — 386
דאָס ליעד פון דעם שווערען געמיט — — — — — — — 401
די וויסענשאַפט — — — — — — — — — — — — — — 407
צווישען די טעכטער פון דעם מדבר — — — — — — — 412
די אויפוועקונג — — — — — — — — — — — — — — 420
דער אייזעל־יום־טוב — — — — — — — — — — — — 425
דאָס שכור'ע ליעד — — — — — — — — — — — — — 430
דער צייכען — — — — — — — — — — — — — — — 440

די ענטשטעהונג פון „אזוי האָט גערעדט זאַראַ־טוסטראַ“, פון עליזאַבעט פערסטער־ניטשע.

די ענטשטעהונג פון „אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא“ — 449
א פּאָר ווערטער וועגען דער איבערזעצונג